STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04687

YIDISHE HOKHME

L. Murik

*Permanent preservation of this book was made possible
by William & Anna Tenenblatt
in honor of
Daniel & Karen Tenenblatt*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייבל מוריק

יידישע חכמה

דאָס בוך דערשײַנט אונטערן פּאַטראָנאַט פון
ארגון יוצאי סאַרני והסביבה בישראל

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון :
אריה דולצין — יו״ר ההנהלה הציונית והסוכנות היהודית
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע״ש יהושע רבינוביץ
אליעזר פּינעס־פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור

לייבל מוריק

יידישע חכמה

זאַמלונג פון מעשׂהלעך, וויצן, אַנעקדאָטן, גלײַכווערטלעך,
שפּראַך־דערשײַנונגען און רעדנסאַרטן

תל־אביב תשמ״ד 1984

L. MURIK

Yiddishe Hochme

רעדאַקטאָר: שמעון קאַנץ

אילוסטראַציעס: פּרץ ווײַנרײַך

אַלע רעכט געזיכערט

נדפס בישראל תשמ״ד

© 1984
All rights reserved

Printed in Israel

סידור והדפסה: דפוס משה חמיאל. תל־אביב. טל. 330555

נשמה־ליכט

צום אָנדענק פון

מײַן פאָטער **גדליהו בר׳ שאַלתיאל־אײזיק מוריק ז״ל**
מײַן ברודער **אביגדור ז״ל**

און צום אָנדענק פון די קדושים

מײַן מוטער **מעניע בת יעקב ושרה חרפק הי״ד**
און מײַנע ברידער **שלמה, בן־ציון און שמחה הי״ד,**

וואָס זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן אין סאַרני (וואָלין, פּוילן) מיט זײערע פרויען און קינדער פון די הענט פון די נאַציס אין די טעג י״ד־ט״ו אלול תש״ב (27־28 אויגוסט 1942).

די פאַרשטאָרבענע, ווי אויך די קדושים, זײַנען געווען אײַנגעוואָרצלט אין ייִדישן הומאָר און אָנגעזאַפּט מיט ייִדישן פאָלקלאָר.

אין מײַן זאַמלונג ברענג איך פון זײערע גלײַכווערטלעך און וויצן, וואָס זײ פלעגן דערציילן און איבערדערציילן.

חסיהן
מיט ליבשאַפּט

פאָרוואָרט

אין דער דאָזיקער זאַמלונג דערשײַנען אַנעקדאָטן און גלײַכװערטלער, װערטער מיט אַ מײַן און מוסר־השׂכל, װי אויך באַזונדערע רעדנסאַרטן, אַפאָריזמען און מעטאַפאָרן, האָמאָנימען, סינאָנימען און פאַרשײדענע שפּראַכלעכע דערשײַנונגען, פול מיט ייִדישער חכמה פון פאַרשײדענע תּקופות און לענדער, אין װעלכע ייִדן האָבן געלעבט און געשאַפן, און, װאַנדערנדיק איבער דער גאָרער װעלט, האָבן זײ דאָס אַלץ אַריבערגעפירט מיט זיך אומעטום װוּהין זײ זײַנען געקומען.

אַזױ זײַנען ייִדישער הומאָר און סאַטירע אָנגעקומען אויך קײן ישׂראל צוריק מיט דורות און אויך אין די צײַטן פון אונדזער דור.

הומאָר און סאַטירע האָבן ניט פאַרלאָזט די ייִדן אויך אין די שװערסטע צײַטן און האָבן ניט אױפגעהערט אויך אין די געטאָס און נאַצישע טויט־לאַגערן. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אַלערלײ זאַמלונגען, װעלכע בלײַבן אַ היסטאָרישער אָנדענק פון ייִדישן גײַסט, פון אױפפאַסונגען און שטרעבונגען, חלומות און אַספּיראַציעס.

מיט די זעקס מיליאָן גרױזאַם־אומגעבראַכטע איז פאַרשניטן געװאָרן די מערהײַט ייִדיש־רעדנדיקע, אָבער די איבערגעבליבענע הערן ניט אויף צו בענקען נאָך דעם זאַפטיקן ייִדישן װאָרט.

די רײַכע און אָריגינעלע ייִדישע פאָלקלאָר־ירושה איז אַ זאַפטיקע פלאַנץ מיט טיף אַרײַנגעגראָבענע װאָרצלען אין האַרטן באָדן און דאַרף װערן געפּלעגט און קולטיװירט.

עס איז אויך אַנטשטאַנען אַ נײַער דור יונגע ייִדן אין די תּפוצות און אין ישׂראל, װאָס זוכן די דאָזיקע װאָרצלען, זײַנען דורכגענומען מיט טיפן אינטערעס און דאָרשט צו ייִדיש לשון, צו ייִדישן פאָלקלאָר, װאָס פאַרמאָגט אַזױ פיל שאַרפזין און לעבנס־חכמה.

די אַלע ייִדן, עלטערע און יונגע, דינט די דאָזיקע זאַמלונג פון ייִדישער חכמה, אין װעלכער עס האָט אין אַלע צײַטן געלויכטן אַזױ פיל אײגן ליכט, האָט אָפּן און פאַרבאָרגן באַלויכטן די נשמה פון ייִד און דאָס פּנים פון דער אַרומיקער װעלט.

ל י י ב ל מ ו ר י ק

פון נאָענטסטן היימישן קוואַל

פון קוואַל
וואָס געהערט צו אַלע
און צו קיינעם
און אַ טראָפּן פון מײַנעם.

אין מײַן פֿאָטערס װײַנגאָרטן

װען משיח װעט קומען

דער אינערן־מיניסטער פֿון פּוילן האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו רייניקן און פֿאַרשענערן דעם אויסזען פֿון די גאַסן און הויפֿן אין די שטעט און שטעטלעך.

האָבן די ייִדן זיך אַרויסגעלאָזט און זיך גענומען צום רייניקן און פּוצן. זיי האָבן געפֿאַרבט די שטאַכעטן פֿון די פּלויטן, טירן און לאָדנס. אַמערגסטן איז געװען מיטן אַרויסרײַסן די גראָזן פֿון צװישן די ברוק־שטיינער.

שטייען אַזוי די ייִדן אײַנגעבויגן אין דרײַען, צופּן און רײַסן די גראָזן און שעלטן דעם פּוילישן מיניסטער און ניט נאָר אים.

רופֿט זיך אָן צו זיי מײַן פֿאָטער: „רייניקט, ייִדעלעך, רייניקט! ס'איז ניטאָ קיין ברירה, מיר זײַנען אין גלות, דער פּריץ װיל ס'זאָל זײַן ריין. דערפֿאַר, ברידערלעך, אַז גאָט װעט אונדז העלפֿן און ס'װעט קומען משיח און מיר װעלן אַװעקגיין אַלע קיין ארץ־ישׂראל און װעלן האָבן דאָרט אַן אייגענע מדינה מיט אַן אייגענעם מיניסטער און מיט אייגענער פּאָליציי, װעלן מיר קענען זיצן אין טינוף ביזן גאָרגל און קיינער װעט ניט סמייען (װאַגן) אונדז זאָגן אַ װאָרט".

װאָס האָסטו צו רעדן אַזוי פֿיל?

איך און מײַנע ברידער זײַנען דאַן נאָך גאָר יונג געװען און מיר האָבן געשטעלט די ערשטע שריט צו אַ בשותּפֿותדיק לעבן, יעדער איינער מיט זײַן אויסדערװיילטער.

אַ װינטערדיקער פֿרײַטיק־צו־נאַכטס אין שטעטל. אַ װײַסער גלאַטער שניי־צודעק אויף די גאַסן, פּלויטן און דעכער.

מיר קומען צוזאַמען מיט אונדזער פֿאָטער פֿון שול און פֿאַלן אַרײַן אין דער גוט באַהייצטער און װאַרעמער שטוב מיט אַ ברייטן „גוט שבת" צו דער מאַמען און שװעסטערס, װעלכע װאַרטן שוין אויף אונדזער קומען.

דער פֿאָטער מאַכט קידוש און מיר זעצן זיך עסן די שבתדיקע סעודה. מיר וואַרטן שוין אומגעדולדיק אויף דעם מזומן־בענטשן און דאַן, נאָך אַ קורצן בנימוסדיקן אָפּזיצן, הייבן מיר אָן זיך אַרויסשאַרן פֿון שטוב, יעדער איינער צו זײַן מיידל.

ווען איך בין געקומען צוריק שוין נאָך חצות און אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט דער פֿאָטער, אַראָפּגייענדיק פֿון בעט, האַלב פֿאַרשלאָפֿן, געעפֿנט די טיר, אַ קוק געטאָן אויפֿן וואַנט־זייגער און מיט פֿיל גוטמוטיקייט אַ פֿרעג געטאָן:

„זאָג מיר, לייבל, וואָס האָסטו צו רעדן מיט דײַן מיידל אַזוי פֿיל, פֿון זיבן אָוונט ביז נאָך צוועלף בײַ נאַכט? איך מיט דער מאַמען האָבן ניט וואָס צו רעדן מער ווי פֿינף מינוט".

ווער ס'וויל שטאַרבן אין ניסן

ס'איז אָנגענומען, אַז ווער ס'שטאַרבט אין ניסן, איז אַ בעל־זכות. דער שטאָט־משוגענער פֿלעגט אין פּורים, ווען יידן האָבן געפּראַוועט די פּורים־סעודה, גיין צו די פֿענצטער פֿון די גבירישע הײַזער און אויסרופֿן: „יידן, ווער ס'וויל שטאַרבן אין חודש ניסן, איז שוין צײַט צו ווערן קראַנק".

קלײַבט זיך אָן אַנדער משוגענעם

שׂמחת־תּורה האָט דער זעלבער שטאָט־משוגענער אויסגענוצט דעם געררו־דער אין שול אין דער צײַט פֿון קלײַבן אַ גבאי אויפֿן נײַעם יאָר, האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן בעלעמער, אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און אויסגערופֿן:

„יידן, קלײַבט זיך אויס אַן אַנדער משוגענעם!"

די פֿאַר־פּסח־וואָך

אַ גאַנץ יאָר האָב איך בײַ מײַן ווײַב אַ נאָמען. אָבער, ווי נאָר ס'קומט אָן די פֿאַר־פּסח־וואָך, האָב איך ניט בײַ איר קיין נאָמען, נאָר: וואָס שטייסטו? וואָס זיצסטו? קום אַהער! גיי אַהין! ברענג דאָס! דערלאַנג יענץ!

ערב פּסח אין באָד

ווי אַזוי דערקענט מען אין באָד, וועלכער ערב יום־טוב עס איז איצט? — אויב דו זעסט אַרום די הינטנס פֿון די יידן רייפֿלעך־סימנים, זאָלסטו וויסן, אַז דאָס איז ערב־פּסח, ווײַל שוין אַ גאַנצע וואָך, אַז זיי זיצן ניט אויף שטולן, נאָר אויף איבערגעקערטע פֿעסלעך, אָדער דייזשקעס.

אַ גוטע עצה

אַז דו גייסט אין אַ ווינטער־פרייטיק פון באָד און באַגעגנסט דײַן שכן גיין אין באָד אַרײַן און ער באַגריסט דיך מיט אַ „גאָט העלף", זאָלסטו אים ענטפערן מיט אַ „ישקני"; וועט ער דאָך ווערן ברוגז — טאָ דערשרעק זיך ניט, ער וועט זיך איבערבעטן; אָבער אויב דו וועסט אים ענטפערן מיט אַ „גוט יאָר", וועט ער דיך פאַרוואַרפן מיט שאלות, צי ס'איז דאָ אין באָד גענוג וואַרעם וואַסער, אַ בעזעמל און ווער ס'איז שוין געווען אין באָד — און דערווײַל וועסטו זיך צוקילן.

בירגער־פּליכט

דעם דריטן מאַי פלעגט פּוילן פײַערן איר אומאָפּהענגיקייטס יום־טוב; ווער ס'האָט ניט אַרויסגעהאַנגען פאַר זײַן שטוב זייער נאַציאָנאַלע ווײַס־רויטע פאָן איז באַשטראָפט געוואָרן.

אַ טאָג פריִער פלעגט אונדזער פאָטער אַ זאָג טאָן צו אונדז: „קינדער, גייט אַרײַן עמעצער פון אײַך אין קאָמער און זוכט אויס זייער רויטע שמאַטע און הענגט עס אויף; זאָל זיי זײַן רויט אין די אויגן".

וואָס איז קאַליע געוואָרן?

זיצט דער הֶלך (גייער) און דערציילט פון זײַנע מעשׂיות: „מיט אַ יאָר פערציק צוריק, אַז איך פלעג אַרויסגיין פון אונדזער שטעטל ראַפּאַלאָווקע, פלעג איך אָנשטאָפּן מײַן לולקע מיט טאַבאַק, און אַז איך בין אָנגעקומען קיין טשאַרטאָריסק, האָט זיך די לולקע נאָך געראויכערט. הײַנט צו טאָג דאַרף איך אָנשטאָפּן די לולקע אין מיטן וועג עטלעכע מאָל. ווייס איך ניט וואָס איז דאָ קאַליע געוואָרן: די לולקע, אָדער מײַנע פיס?"

ווען דרשנט דער רב?

ס'איז געווען אָנגענומען, אַז דער רב פלעגט דרשענען פאַרן עולם דרײַ מאָל אין יאָר: שבת הגדול, שבת תשובה און פאַר כל־נדרי.

פלעגט דער פאָטער פרעגן און אַליין ענטפערן:

„פאַר וואָס שבת הגדול? — כדי קהל זאָל זיך איבערצײַגן, אַז זייער רב איז אַ גוטער ,גוי' און מ'מעג אים פאַרקויפן דאָס חמץ."

„פאַר וואָס שבת תשובה? — כדי קהל זאָל קומען צום אויספּיר, אַז זייער רב טויג גוט אויף כּפּרות".

„פאַר וואָס פאַר כּל־נדרי? — כדי צו ווירקן שטאַרק אויף קהל און צענעמען גוט די ווײַבער".

וואָס קלערט דער יונגער רב?

וואָס קלערט דער נײַער יונגער רב, ווען ער איז מספּיד דעם פאַרשטאָר־בענעם אַלטן רב? — ווען דו וואָלסט ניט געשטאָרבן, וואָלט איך ניט געלעבט.

אײַנשפּאָרן איין לאָוו

צו וואָס עובר זײַן אויף צוויי לאָוון פון די עשׂרת הדברות, סײַ אויף דעם „לא תחמוד" און סײַ אויף דעם „לא תנאף", אַז מ'קען אײַנשפּאָרן דעם „לא תחמוד", און אָנהייבן גלײַך פון דעם „לא תנאף".

קאָרטן האָבן פּײַנט

קאָרטן האָבן פּײַנט אַ טישטעך און אַ ווײַב וואָס מישט זיך.

גלעזערנע קאָרטן

אַז משיח וועט קומען, וועלן די קאָרטן זײַן גלעזערנע.

פון מײַן מאַמעס אוצר

מעשׂהלעך און גלײַכװערטלעך

װאָס איז דער אונטערשייד?

װעגן דער גזירה אַרױסצוטרײַבן די ייִדן פון די דערפער אין צאַרישן רוסלאַנד איז אומגעגאַנגען אַן אַנעקדאָט:

װאָס איז דער אונטערשייד פון אַ קו און אַ ייִד?

דער ענטפער: אַ קו טרײַבט מען אַרױס אין פעלד אַרײַן (צום פיטערן — „פּאַשע״) און דערנאָך, װען זי קומט צוריק פון פעלד, מעלקט מען זי. דאַקעגן אַ ייִד, פריִער מעלקט מען אים און נאָך דעם טרײַבט מען אים אַרױס.

די „אױפגעקלערטע״

די מאַמע איז געװען זײער אַ גלױביקע און פלעגט זיך באַציִען מיט ביטול צום יונגן דור, װעלכער פלעגט דעמאָנסטרירן זײַן אַטעיִזם; זי פלעגט זײ רופן די „אױפגעקלערטע״, די „אַריסטאָטלעסן״; די סאָציאַליסטן פלעגט זי באַשענקען מיטן טיטול די „װעלט־פאַרזאָרגער״.

חוזק מאַכנדיק פון זײ האָט די מאַמע דערצײלט, אַז אַ מײדל האָט מודיע געװען איר חברטע װעגן טױט פון איר מוטער בזו הלשון: „פון מײַן מאַמען איז אַרױס די עלעקטרע״.

דער פּערמאַנענטער קאַמף

די מאַמע האָט געפירט אַ פּערמאַנענטן קאַמף, כּדי צו פאַרהיטן אירע קינדער פון דער אַפּיקורסות־מגיפה און װי לאַנג מיר זײַנען געװען אין איר רשות פלעגט זי מקפּיד זײַן, אַז כאָטש שבת זאָלן מיר גײן אין שול אַרײַן דאַװנען.

אָבער ביז מיר פלעגן זיך אױסקלײַבן גײן, פלעגט די מוטער שרײַען צו

אונדז: „אַפּיקורסים, רירט זיך שוין, איר וועט דאָך שוין קומען צום אויס־שפּייען״.*

נאַיִווע אמונה

איין מאָל, הערנדיק מײַן מוטער דערציילן וועגן טויט פון אונדזערן אַ באַקאַנטן, האָב איך געפרעגט: „פון וואָס איז ער געשטאָרבן?״ האָט די מוטער געענטפערט: „ער האָט אָפּגעלעבט וויפל ס׳איז אים געווען באַשערט, אָנגע־שריבן פון הימל, און איצט, אַז ס׳זײַנען אים אויסגעגאַנגען די יאָרן, איז ער געשטאָרבן״.

עם־האָרץ ווי טיטוס הרשע

„ער איז אַן עם־האָרץ ווי טיטוס הרשע״ — פלעגט זאָגן די מוטער אויף עמעצן. איך פלעג רעאַגירן: „מאַמע, טיטוס איז געווען טאַקע אַ רשע, ווײַל ער האָט חרוב געמאַכט אונדזער בית־המקדש, אָבער קיין עם־האָרץ איז ער ניט געווען״.

איך האָב דער מאַמען ניט איבערצײַגט; זי האָט זיך געהאַלטן בײַ אירס: „נאָר אַן עם־האָרץ קען זײַן אַזאַ רשע״.

פון דער מוטערס גלײַכווערטלער

„אַז גאָט העלפט איז אַזאַ יאָר אויף מיר; ביז ער העלפט — אַזאַ יאָר אויף אונדזערע שׂונאים״.

אַז עמעצער פון די קינדער פלעגט זיך צולייגן אויף אַ דרימל פאַרן גיין שלאָפן, פלעגט די מוטער זאָגן: „דו שלאָפסט שוין אויף קאַטאָוועס, דו דאַוונסט שוין פון פאַרנט?״

„גאָט איז גערעכט און זײַן משפּט איז גערעכט״.

„גאָט איז מיטן עלנטן״.

„גאָט, שרעק מיך, אָבער שטראָף מיך ניט״.

„גאָרניט איז גוט צולייגן צו די אויגן״.

---

* די לעצטע תּפילה פון „שחרית״ איז „עלינו לשבח״. אין אָט דער תּפילה שפּײַט מען אויס, ווען מ׳קומט צו די ווערטער „ככל המונם״.

„וואָס העלפט מיר דאָס רייניקן דעם קוימען פון מײַן הויז, אַז מײַן שכן רייניקט ניט דעם קוימען פון זיין הויז".

„ווײ איז דעם גערעכטן".

ווען עמעצער פון די קינדער האָט געגעסן אָן אַפּעטיט, פלעגט די מוטער זאָגן: „דו עסט און דו עסט און ס'וואַקסט אין דײַן טעלער".

„זאָל מיך גאָט אָפּהיטן פון אַ גוטן דאָקטער און פון אַ גוטן אַדוואָקאַט."

„עלטערן לערנען זייערע קינדער רעדן; אַז די קינדער וואַקסן אויס, לערנען זיי די עלטערן שווײַגן".

פון מײַן ברודער אביגדורס חכמות

װיגדער — װיגדערל

אביגדור פלעגט דערציילן: „אַז דער טאַטע, אָדער די מאַמע, אָדער עמע־צער פון די עלטערע קינדער פלעגט זיך װענדן צו מיר פּשוט: „װיגדער", האָב איך געװוּסט, אַז דאָס איז אַ נאָרמאַלע װענדונג. אָבער, אַז מ׳פלעגט אַ זאָג טאָן: „װיגדערל" — האָב איך שוין געװוּסט, אַז מ׳װיל איך זאָל עפּעס טאָן: אַרײַנ־טראָגן פון הויף אַן עמער װאַסער, אַרײַנברענגען האָלץ און אײַנהייצן אין אויװן, אַרײַנכאַפּן זיך אין קראָם קויפן עפּעס אין שטוב אַרײַן, אַרויסטראָגן פאַר דער קו דעם צעבער מיטן עסן אאַז"וו".

די לינקע זײַט איז מײַנע

װען די מוטער פלעגט גיין מיט אונדז, די עלטערע זין, אויסקלײַבן שטאָף אויף אַנצוגן, איז נאָכגעלאָפן נאָך אונדז אויך אביגדור, דאָס יִינגערע ברודערל. און װען מיר האָבן באַטראַכט דעם שטאָף, פלעגט ער באַטראַכטן די לינקע זײַט פונעם שטאָף.

אַז דער קרעמער האָט אים געפרעגט פאַר װאָס אינטערעסירט ער זיך מיט דער לינקער זײַט פון שטאָף, האָט ער געענטפערט:

„די לינקע זײַט איז מײַנע, װען מ׳װעט איבערנייען די אַנצוגן פאַר מיר".

אַרײַנלאָזן און אַרויסלאָזן איז אַלץ איינס

אביגדור האָט זיך איבערגעגנייט אַ רעקל בײַ סאָכער־װעלפלען (יששכר־װעלפל) דעם שנײַדער.

באַראַט זיך סאָכער־װעלפל מיט זײַן זון דוידל בײַם מעסטן און פּאַסן: „איאָ, דוידל, אַרײַנלאָזן און אַרויסלאָזן איז אַלץ איינס?"

מישט זיך אַרײַן אין זײַנע רייד אביגדור: „יאָ, בײַ אַ פּאַרטאַטש איז אַרײַנ־לאָזן און אַרויסלאָזן איינס און דאָס זעלבע".

אַ טשעמאָדאַן בלײַבט אַ טשעמאָדאַן

שטייט אביגדור צווישן חברה־לצים, וועלכע דערציילן וועגן אַ בחור, ניט קיין איבעריקן חכם, וואָס איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן און צוריקגעקומען מיט אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם און, אַגב, אויסגעפּאָרן אַ וועלט. רופט זיך אָן אביגדור:

„מאַלע וואָס, אַ טשעמאָדאַן פאָרט אויס אַ גאַנצע וועלט און בלײַבט אַ טשעמאָדאַן".

אַ־אַ־אַ־וויגדער

האָט געטענהט אביגדור: „אַלע ייִדן פון שטעטל רופן מיך פאַרקירצט: וויגדער, נאָר מײַנער אַ חבר, אַ פּיקאַטשע, פלעגט מיך רופן מיטן פולן נאָמען: אַ־אַ־אַ־וויגדער".

לי־לך

אביגדור צו מיר: „נאָך וואָס פירסטו גענויע חשבונות פון דײַנע הכנסות און הוצאות? איך האָב אַ קליין בלאָקנאָטיקל פון צוויי בלעטלעך, אויף איינעם איז אָנגעשריבן לי און אויפן צווייטן — לך. אַז דער לי איז גרעסער פונעם לך, איז וויל צו מיר, אָבער, אַז דער לאָך איז גרעסער פונעם לי — איז אָך און וויי צו מיר".

מה־יפית

האָט דערציילט אביגדור:

דער רב פון אַ שטעטל אין גאַליציע האָט דעם 3טן מאַי, אין דעם אומאָפּהענגיקייטס יום־טוב פון פוילן, געהאַלטן אַ דרשה אין שול פאַר די ייִדן אין אָנוועזנהייט פון פאָרשטייער פון דער פּוילישער מאַכט.

אָנגעהויבן האָט ער זײַן דרשה מיט דער רעטאָרישער פראַגע „פאַר וואָס עפּעס דער דריטער מאַי און ניט קיין אַנדערער מאַי?" און זײַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע האָט זיך פאַרצויגן אויף אַ שיינער שעה מיט אַ סמיטשעק דערצו.

דעם ענטפער האָט דער רב אָנגעהויבן פון יציאת־מצרים און קריעת ים־סוף ביז ער איז דערגאַנגען צום באַוויַיז, אַז דער טאָג דריטער מאַי איז אָנגע־

צייכנט געוואָרן דורך דער השגחה עליונה און דערפאַר דאַרפן מיר ייִדן פּייַערן אַט דעם יום־טוב.

דער מלמד און זייַן ציג

האָט דערציילט אביגדור אין נאָמען פון דעם שטאָט־מלמד:

„איך האָב פאַרמאָגט אַן איין־און־איינציקע ציג, וואָס פלעגט געבן מילך, מ׳שטיינס געזאָגט, וויפל אַ ציג קען געבן.

אָבער, אַז ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מגיפה אויף רינדער, פגרט מיר אַוועק מייַן ציג ווי אַ פּולקאָמע בהמה גסה (אַ קו)".

דער טראַמוויי־קאָנדוקטאָר

אַ טראַמוויי־קאָנדוקטאָר, שוין אַ פּענסיאָנער, זעצט זיך שרייַבן אַ בריוו, בעט ער זייַן אייניקל, אַז ער זאָל אים שאָקלען דעם טיש.

איך האָב געמונטערט דעם ציין־דאָקטער

אביגדורס אַ פּאַסירונג:

„איך בין געזעסן אין וואַרטע־צימער און געוואַרט אויף מייַן ריי. בייַם ציין־דאָקטער אויפן שטול איז געזעסן אַ פּאַציענט און דער ציין־דאָקטער האָט געמאַכט אַלע הכנות צום אַרויסרייַסן דעם פּאַציענט אַ צאָן; ער האָט אויך ניט פאַרגעסן צוגרייטן וואַסער אויפן פאַל, אויב דער פּאַציענט וועט חלשן.

דער ציין־דאָקטער האָט אַרויסגעריסן דעם צאָן און געמאַכט אַ חלש, און איך מיטן פּאַציענט האָבן באַגאָסן מיט וואַסער דעם געחלשטן ציין־דאָקטער".

זאָרג פאַר אַ נייַעם עולה

אָנקומענדיק אין ישׂראל האָט אביגדור באַגעגנט זייַנעם אַ יוגנט־חבר, וואָס איז שוין פון לאַנג אין לאַנד.

שטייען זיי אין גאַס און שמועסן, און בשעת מעשׂה פאַרריכט דער חבר אביגדורן דעם אויסבינדער.

רופט זיך אָן אביגדור צום חבר: „מיט דעם מיינסטו מקיים צו זייַן די מיצווה פון זאָרג פאַר אַ נייַעם עולה?"

איך האָב געמונטערט דעם ציין-דאָקטער

אין אויטאָבוס

האָט זיך באַקלאָגט אַביגדור: „אין אויטאָבוס איז אַזאַ ענגשאַפט, אַז מ׳קען ניט אויפהייבן אַ האַנט אויף אויסרעדן אַ וואָרט״.

ער האָט געשטעלט דעם קלאַס אויף די פּיס

אביגדור האָט מיר איין מאָל איבערגעגעבן אַ גרוס פון אונדזער לערער נאָך פון די קינדער־יאָרן אין שטעטל.

דער לערער איז געווען באַוווסט נאָך פון יענע יאָרן אַלס אַ בטלן. אויף מײַן פראַגע, ווי אַזוי ער גיט זיך אַן עצה מיט די ישׂראל־קינדער, האָט אביגדור געענטפערט:

— ער האָט געשטעלט דעם קלאַס אויף די פּיס.

— אַזוי?

— נו, יאָ, זיי זיצן ניט בײַ אים, זיי שטייען!

אַרײַנקוקן אין ווערטערבוך

אביגדור פרעגט בײַ מיר אַ באַדײַט פון אַ וואָרט אין עברית. איך דער־קלער אים און גיב צו, אַז ער קען אַרײַנקוקן אין אַ ווערטערבוך און פאַרשפּאָרן פרעגן. ענטפערט אביגדור:

— אַזוי נידעריק בין איך נאָך ניט געפאַלן.

אַ פראַגמענט פון אונדזער משפּחה־לעבן

מיר זיצן שבעה נאָך אונדזער פאַרשטאָרבענעם פאָטער ז״ל. ס׳קומען קרובים און פרײַנד מנחם־אָבל זײַן, צווישן זיי אויך אביגדורס חברים. אביגדור דער־ציילט זײַנע חברים פון אונדזער פאָטערס וויצן און גלײַכווערטלעך און די חברים לאַכן אויף אַ קול.

אונדזער מוטער מאַכט אויפמערקזאַם, אַז איצט איז ניט די פּאַסיקע צײַט צום וויצלען זיך און צום לאַכן.

אביגדור ענטפערט דער מוטער, אַז דווקא אויף אַזאַ אופן שעצט ער דעם אָנדענק פון טאַטן, איבערדערציילנדיק פון זײַנע חכמות, וואָס האָבן געשפּרודלט ווי אַ קוואַל.



ער האָט געשטעלט דעם קלאַס אויף די פיס

פון פאָלקס קוואַל

אַנעקדאָטן און וויצן
האָבן ניט קיין באַלעבאָס —
ווער עס כאַפּט זיי,
יענעמס זײַנען זיי.

שלום־עליכמדיק

לאַכן איז געזונט,
דאָקטוירים הייסן לאַכן.

ייִנגער אָדער עלטער

איז געקומען אַ ייִד כאַפּן אַן עצה, ווי אַזוי ער זאָל פאַרשרײַבן אין מעטריקע זײַן נאָר וואָס געבוירענעם זון: ייִנגער, אָדער עלטער.

— וועל איך אים פאַרשרײַבן ייִנגער, איז דאָס גוט פאַר אַ שידוך, אָבער שלעכט פאַרן פּריזיוו (מיליטער־דינסט). זאָל איך אים פאַרשרײַבן עלטער — איז דאָס גוט פאַרן פּריזיוו, אָבער שלעכט פאַר אַ שידוך.

— טאָ, פאַרשרײַב אים די ריכטיקע יאָרן.

— זעט איר, אויף דעם שׂכל בין איך גאָרניט געפאַלן.

טײַטשן און ווערטלעך

אגיל ואשׂמח — צוגעשניטן און אויפגעגנייט.

אֶנקת מסלדיך — קוש מיר אין...

בקולות וברקים — ער איז אָנגעפאַלן מיט קללות און חרמות.

ברחל בתך הקטנה — ה„נאַקעטע״.

געלט איז בלאָטע — גיב מיר געלט, נאַ דיר בלאָטע.

הבל הבלים, הכל הבל = הבל — בלאָטע, הבלים — שבבלאָטע, הכל הבל — אַלץ איז בלאָטע.

הכצעקתה? — וואָס מאַכסטו אַזאַ געפילדער?

השומר אחי אנוכי? — איך ווייס דען ווו דאָס איז?

והילד איננו — שטעל פּיס!

ויהי ערב, ויהי בוקר — און ס׳איז אַדורך אַ שיין שטיקל צײַט.

ויסעו, ויחנו — אַ צי מיט די לייצעס און געפּאָרן זאָל זײַן.

וישמן ישורון — ער האָט זיך צעבריקעוועט.

כּלחוך השור — ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן.

כּל עצמותי תאמרנה — אַלע ביינער טוען מיר וויי.

לעולם תקח = לעולם — נעם, תקח — בעט נאָך.

מי ומי ההולכים? — ווער זײַנען זיי און וואָס ווילן זיי?

מי שמך? — וואָס מאַכסטו אַזאַ אָנשטעל?

עוד היום גדול — דער טאָג שטייט ניט.

„עמך" — שער און אײַזן.

קוצעניו־מוצעניו — אַ געזונט דיר אין קעפּעלע, אַ קרענק דיר אין הערצעלע.

קלאָג אים אָן צום „ונתנה תוקף".

שמע — איז הער, שמעני — הער מיך צו, און ישמעאל איז שוין גאָר אַ טאָטער.

דזשיגאַניש

אַ טאָג, וואָס מ׳לאַכט ניט —
איז אַ פאַרלוירענער טאָג.

מאַסטיק

דזשיגאַן זעט אַ מיידל קײַען מאַסטיק. זאָגט ער צו איר: „פריַילין, איז דאָס געשמאַק — שלינגט עס אַראָפּ, איז דאָס ניט געשמאַק — שפּײַט עס אויס!"

די נײַע אַרכיטעקטור

פון דער נײַער אַרכיטעקטור איז ניט אויסצוהאַלטן: די קאָטעטשן! ביז איך גיי אַרויף די טרעפּלעך, פאַרגעס איך נאָך וואָס איך בין געגאַנגען.

אַרכיטעקטור און מאָראַל

אַ פרוי אין די עלטערע יאָרן טענהט: צוריק מיט יאָרן איז די אַרכיטעקטור געשטאַנען אויף אַ העכערן ניוואָ, ווי הײַנט צו טאָג. למשל, דער געבוי פון די טרעפּ: אַמאָל פלעג איך אַרויפגיין אויפן פערטן שטאָק טשיק־טשאַק. הײַנט מוז איך זיך אָפּרוען טעלעכע מאָל.

דאַקעגן די מאָראַל פון דער הײַנטיקער יוגנט שטייט שוין פיל העכער: אַמאָל פלעגן יונגע לײַט מיך ניט אַדורכלאָזן די גאַס, און הײַנט פאַרטשעפּעט מיך קיינער ניט.

אַט דאָס הייסט געלעבט!

דזשיגאַן דערציילט זײַנע אײַנדרוקן פון זײַן באַזוך אויף דעם קבר פון באַראָן ראָטשילד אין זכרון־יעקב, וועגן דער פּראַכט און שיינקייט, וואָס ער האָט דאָרט געזען און פאַרענדיקט: „אַט דאָס הייסט געלעבט!"

צוליב וואָס האָבן מיר זיך נאָכגעיאָגט?

זיצן צוויי זקנים און פאַרבײַ זיי גייען אַדורך מיידלעך. זאָגט איין זקן צום אַנדערן:

— געדענקסט, ווי מיר האָבן זיך אַמאָל נאָכגעיאָגט נאָך די מיידלעך?

— יאָ, איך געדענק. אָבער איך געדענק ניט צוליב וואָס האָבן מיר זיך נאָך זיי אַזוי נאָכגעיאָגט.

ווערטלעך

אַן אַנדערש מאָל איז אַפילו גאַנץ געזונט צו זײַן אַ ביסל קראַנק.

דער רבונו־של־עולם האָט ניט קיין דרך־ארץ פאַר געלט; אַ סימן — זע וועמען ער גיט עס.

ווען האָבן זיך געשאַפן פאַרטייען בײַ ייִדן? — ווען גאָט האָט געזאָגט: איר זאָלט זיך מערן און פרוכפּערן.

ייִדן פּירט מען תמיד פאַר דער נאָז: ס׳זאָל נאָר זײַן אַזוי פיל נעז — קיין פירער וועלן ניט פעלן.

צווישן ייִדן ווערט מען ניט פאַרפאַלן.

ישׂראל־ווערטלעך

אין ישׂראל זײַנען נאַרישקייטן גאַרניט ביליק; מיר צאָלן פאַר זיי זייער טײַער.

די ישׂראלים האָבן תמיד ווייניקער ווי זיי דאַרפן, ווײַל זיי ווילט זיך מער, ווי זיי פאַרדינען.

די ישׂראל־רעגירונג איז די ערלעכסטע אין דער וועלט: אַלע רעגירונגען זאָגן צו, אַז ס׳וועט ווערן בעסער און האַלטן ניט וואָרט; אונדזער רעגירונג זאָגט צו, אַז ס׳וועט ווערן ערגער און האַלט וואָרט.

דער ישׂראלדיקער פינאַנס־מיניסטער האָט תמיד בייזע חלומות: ס׳חלומט זיך אים יעדע נאַכט, אַז דאָס געלט, וואָס ער פּטרט, איז זײַנס.

וואָס הערט זיך אין ישׂראל? — נאָרמאַל, מלחמה.

וואָס קען מען מאַכן אין ישׂראל אָן געלט? — חובות.

ווײַזט מיר נאָך איין לאַנד, נאָך איין פאָלק אין דער גאַנצער וועלט, וווּ ס׳זאָלן זײַן אַזוי פיל צרות און מ׳זאָל קענען אַזוי לאַכן.

מ׳לייגט פאַר ישׂראל אַזאַ שלום מיט די אַראַבער, אַז מיר מוזן ענטפערן: חס ושלום!

קאָלומבוס איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער ציוניסט; ווען ער אַנטדעקט ניט אַמעריקע, פון וועמען וואָלטן מיר באַקומען אַזאַ הילף?

סאָוועטן־ווערטלער

גאָט זאָל געבן געזונט, קיין יאָרן (צום זיצן) וועלן ניט פעלן.

די באַפעלקערונג אין ראַטן־פאַרבאַנד איז איַינגעטיילט אין דריַי קאַטעגאָריעס: וואָס זיַינען געזעסן, וואָס זיצן און וואָס וועלן זיצן.

ווען ס'איז נאָך געווען אַ ישׂראַלדיקער קאָנסולאַט אין מאָסקווע, האָט דאָרט אָנגעקלאַפּט אַ ייִד אין טיר. דער קאָנסול האָט אים געפרעגט:

— וואָס קלאַפּט איר?

— איך וויל אַריַין.

— וואָס ווילט איר?

— איך וויל אַרויס.

ס'איז אַזוי גוט, אַז ערגער קען שוין ניט זיַין.

פאַר רעדן אָפן ווערט מען גליַיך פאַרמאַכט.

ראַטן־פאַרבאַנד איז געגליכן צו אַ טראַמוויַי: אַ טייל מענטשן שטייען, אַ צווייטע טייל זיצן, און די איבעריקע טרייסלען זיך.

אַ ייִדישע מאַמע

צוויי ברכות און איין קללה

אַ קינד האָט אַ ניס געטאָן. די מוטער האָט גלייך באַגלייט אַ ברכה: „צו געזונט". נאָך אַ ניס און ווידער אַ ברכה: „צו לאַנגע יאָר". נאָך אַ ניס, און די מוטער: „האַ, אויסגעריסן זאָלסטו ווערן, דו האָסט זיך שוין ווידער פאַרקילט!"

עדיפּוס־שמעדיפּוס

אַ מוטער איז געגאַנגען מיט איר זון צום דאָקטער. נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט דער פרוי און מיט איר זון ווענדט זיך דער דאָקטער צו דער פרוי און זאָגט, אַז דאָ האַנדלט זיך אין אַן עדיפּוס־קאָמפּלעקס.

רופט זיך אָן די פרוי: „עדיפּוס־שמעדיפּוס, אָבער דער מאַמע האָט ער ליב?"

מסתּמא קען זי

אַ ייִדישע מאַמע האָט געוואָלט, אַז איר אונטערגעוואָקסענע טאָכטער זאָל זיך לערנען שפּילן.

איז די מאַמע אַוועק מיט איר צום מוזיק־לערער פון שטעטל און פאַרלויבט איר טאָכטערס פעיִקייטן. פרעגט איר דער לערער, צי די טאָכטער שפּילט שוין אויף אַ וואָסער עס איז אינסטרומענט, למשל, קלאַוויר.

פרעגט די מוטער וואָס איז דאָס פאַר אַ כּלי. דערקלערט איר דער לערער דעם אויסזען פון אַ קלאַוויר. ענטפערט די מוטער: „זי האָט נאָך ניט געפּרוּווט, נאָר מסתּמא קען זי.

מאַטער ניט דאָס קינד!

אין שטעטל פלעגט דאָס דינסט־מיידל נעכטיקן בײַ אירע אַרבעטס־געבער.

האָט זיך צוגעשאָרט צו איר ביַי נאַכט דער יונגער בחור, אָבער זי האָט זיך געאַמפּערט מיט אים.

פון דעם רעש האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף דעם בחורס מוטער און געשריגן צום דינסט־מיידל: „מאַטער ניט דאָס קינד, גיב אים!"

זיידע־באָבע און אייניקלעך

דערציִען — אָפּקויפן

אַמאָל פלעגן זיידע־באָבע דערציִען זייערע אייניקלעך, היַינט — קויפט מען זיי אָפּ.

די באָבע און די פילן

אַן אַלטע פרוי פלעגט קויפן אין אַפּטייק אַלע יאָרן פילן קעגן קאָפּ־ווייטיק. איין מאָל איז זי אַריַין אין אַפּטייק און געבעטן פילן קעגן שוואַנגערשאַפט.

דער אַפּטייקער: „באָבע, איר?"

ענטפערט די באָבע: „גיט מיר די פילן, דאָס איז פאַר מיַין אייניקל, וועל איך פאַרשפּאָרן קויפן פילן קעגן קאָפּ־ווייטיק".

ווי אַזוי בין איך געבוירן געוואָרן?

שפּאַצירט אַ באָבע מיט אירע צוויי קליינע אייניקלעך. די אייניקלעך קוקן זיך אַדורך שטיפעריש און דאָס מיידעלע גיט אַ פרעג:

— באָבע, ווי אַזוי בין איך געבוירן געוואָרן?

— אַ פויגל האָט דיך געבראַכט אויף זיַינע פליגלען.

ווענדט זיך דאָס מיידעלע צו איר ברודערל:

— אויפקלערן דער באָבע דיווירקלעכקייט?

ענטפערט דאָס יִנגעלע:

— ניט כּדאַי, זאָל זי שוין אָפּלעבן אַזוי מיט אירע נאַרישע מעשׂיות.

אויסציִען די פיס

אַ זיידע רוט זיך אָפּ ביַי זיַין שנור אין שטוב און ליגט מיט די פיס איַינגעבויגן אונטער זיך.

זיַין אייניקל זיצט נעבן אים און שטרענגט זיך אָן אויסציִען אים די פיס.

— וואָס מאַטערסטו זיך אַזוי מיט מײַנע פּיס, וואָס ווילסטו פון זיי? — פרעגט דער זיידע דעם אייניקל.

— די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ווען דער זיידע וועט אויסציִען מיט די פּיס, וועלן מיר רײַך ווערן — ענטפערט דאָס אייניקל.

נחת פון קינדער

קליינע קינדער — קליינע צרות
גרויסע קינדער — גרויסע צרות

די צוואה

אַ פּאָטער אויפן טויטן בעט זאָגט אָן זײַנע קינדער ווער ס׳קומט אים געלט. פרעגט איינער פון די זין:

— טאַטע, וועמען קומסטו געלט?

— דאָס זאָלן יענע אָנזאָגן זייערע קינדער — ענטפערט דער פאָטער.

דער „קדיש"

— נו, זונעניו, ווי אַזוי וועסטו זאָגן נאָך מיר קדיש? — פרעגט אַ מוטער איר בן־יחידל.

— וועסט שוין זען — ענטפערט ער.

די יאָרן פון דער מוטער און טאָכטער

אַ פרוי האָט אַריינגעפירט דאָס זיבעצן־יאָריקע טעכטערל אין איר געזעל־שאַפט. אין שמועס האָט מען צווישן אַנדערן אַ פרעג געטאָן, ווי אַלט ס׳איז די שיינע פריילין. די מוטער האָט געענטפערט: זיבעצן יאָר, און אויף זיך: אַכט און דרײַסיק.

אין אַ יאָר אַרום: די טאָכטער — אַכצן, און די מוטער — זיבן און דרײַסיק. נאָך אַ יאָר: נײַנצן און זעקס און דרײַסיק.

דאָ האָט די טאָכטער זיך אָנגערופן: „מאַמע, פאַרגעס ניט, אַז צווישן אונדזערע ביידנס עלטער מוז בלײַבן אַן אונטערשייד כאָטש פון נײַן חדשים".

זייער ירושה

מײַנער אַ ידיד דערציילט, אַז ער האָט געמאַכט אַ גרויסע נסיעה איבער

דער וועלט. רופט זיך אָן איינער פון די צוהערער: „אַזאַ נסיעה דאַרף אָפּקאָסטן אַ מענגע מיט געלט".

ענטפערט מײַן ידיד: „איך האָב גוטע קינדער".

„אַזוי", זאָגט דער נײַגעריקער, „אײַערע קינדער האָבן סובסידירט די נסיעה?"

„ניין", זאָגט מײַן ידיד, „מײַנע קינדער האָבן ניט פּראָטעסטירט, וואָס איך גיב אויס געלט פון זייער ירושה".

דער „צוויי־און־צוואַנציק"

אַ מוטער צו איר זון דעם קאָרטנשפּילער:

— מײַן זון, דער „איין־און־צוואַנציק" וואַלגערט דיך פון די פיס!

— ניין, מאַמע — ענטפערט דער זון — דער „צוויי־און־צוואַנציק".

וואָס שפּרינגסטו, וואָס לויפסטו?

אַ מוטער צו איר מיידעלע: „וואָס שפּרינגסטו, וואָס לויפסטו, וואָס טאַנצסטו? די באָבע שׂרה שפּרינגט? די מומע לאה לויפט? די מומע שפּרינצע טאַנצט?"

ווי יענער נאַר

— קום, לייזערקע, איך וועל דיר אָפּוואַשן דעם האַלדז, ס'דאַרף קומען די מומע לאה.

— יאָ, דו וועסט מיר אָפּוואַשן דעם האַלדז, די מומע לאה וועט ניט קומען, און איך וועל זיך אַרומדרייען ווי יענער נאַר מיט אַן אָפּגעוואַשענעם האַלדז.

שלוש סעודות

אַ מוטער לייגט פּאַר איר ייִנגעלע עסן:

— דו ווילסט אַן איי?

— ניין!

— דו ווילסט אַ שטיקל עוף?

— ניין!

— טאָ, וואָס זשע דען ווילסטו עסן?

— איך וויל שלוש־סעודות!

נחת פון קינדער

— דו ווייסט, זײַן טאָכטער האָט זיך שוין ווידער געגט און גייט חתונה האָבן צום דריטן מאָל.

— אוווּאַ, פון איין טאָכטער אַזוי פיל נחת!

אײַ, האָט ער אַ פּיסעלע

אַמאָל פלעגט אַ ייִד זיך באַרימען מיט זײַן זונדל: „אײַ, האָט ער אַ קעפּעלע!" הײַנטיקע צײַטן זאָגט דער פאָטער אויף זײַן זונדל: „אײַ, האָט ער אַ פּיסעלע!"

זי איז נאָך אַ יונג קינד

— משה־לייבס שנור האָט געבוירן פינף חדשים נאָך דער חתונה.

— וואָס ווילסטו? זי איז נאָך אַ יונג קינד און האָט ניט געוווּסט, אַז מ'דאַרף טראָגן נײַן חדשים. מיטן צווייטן קינד וועט זי שוין וויסן...

נאָר פאַר דערוואַקסענע

אַ מוטער איז געקומען מיט איר זעכצן־יאָריקער טאָכטער צום דאָקטער. נאָך דער אונטערזוכונג זאָגט דער דאָקטער, אַז דאָס מיידל שוואַנגערט. די מוטער מיט דער טאָכטער ברעכן אויס אין אַ געוויין.

דער דאָקטער בעט דאָס מיידל צו דערציילן, ווי אַזוי דאָס איז געשען. דערציילט דאָס מיידל, אַז טאַטע־מאַמע זײַנען אַוועק אין קינאָ, און זי איז געבליבן מיט משהלען אַליין און אַזוי איז דאָס געשען.

דער דאָקטער:

— פאַר וואָס ביסטו ניט מיטגעגאַנגען מיט די עלטערן אין קינאָ אַרײַן?

ענטפערט דאָס מיידל:

— דער פילם איז געווען נאָר פאַר דערוואַקסענע.

אַפילו קיין העמד ניט

— זאָג מיר שוין — שרײַט אַ מוטער צו איר טאָכטער — וואָס איז געווען צווישן דיר מיט דײַן בערעלען?

— גאָרניט, מאַמע, אַפילו קיין העמד ניט.



נחת פון קינדער

די באָבע שׂרה און די נשמה־ליכט

די באָבע שׂרה פלעגט אין די עשׂרת ימי תשובה צוגרייטן אויף יום־כּיפּור נשמה־ליכט פון וואַקס.

הייבט אָן די באָבע מאַכן הכנות. אַלעמערשטנס טרייבט זי אַרויס פון שטוב מאַטלען, איר זון דעם אַפּיקורס, זי זאָל ניט זען און ניט הערן זיין חוזק־מאַכן. נאָך דעם הייבט אָן איר „פאַבריק" אַרבעטן.

שטייט אַזוי די באָבע פאַרן אויסגעוואַלגערטן בלעטל וואַקס, לייגט אַריין אַ קנייטל נאָך אַ קנייטל און באַגלייט יעדעס קנייטל מיט אַ „זאָג": אַ קנייטל פאַר דער נשמה פון איר זיידן, אַ קנייטל פאַר דער נשמה פון איר באָבען, און די רשימה איז אַ גאַר לאַנגע.

כאַפּט זיך צו מאַטל הינטערן פענצטער און שרייט אַריין: „מאַמע, פאַרגעס ניט אַ קנייטל פאַר דער נשמה פון אונדזער קאַטשקע, וואָס איז נעכטן געפּגרט".

ווען די שטילקייט שטערט

צו מאָרגנס, נאָך דעם ווי דאָס מיידל איז געזעסן אין סאַלאָן מיט איר בחור ביז גאָר שפּעט ביי נאַכט פרעגט זי איר מוטער:

— מאַמע, אונדזער רעש האָט דיר געשטערט שלאָפן?

— ניין, מיין קינד — ענטפערט די מוטער — די שטילקייט!

שדכנים און שידוכים

פינצטער אין די אויגן

אַ שדכן האָט צונויפגעפּירט אַ שידוך און האָט באַשטימט צווישן זיי אַ באַגעגעניש.

קומט אָן דער חתן צום באַשטימטן פּלאַץ מיטן אָפּגערעדטן סימן און גייט אין דער ריכטונג צו דער כּלה.

באַגעגנט אים די כּלה מיט אַ שמייכל: „מיר שײַנט, אַז — — —

רײַסט איר איבער דער חתן אין מיטן די רייד:

„איך שײַנט, און מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן".

געפילטע פיש

דער שדכן צום חתן:

— נו, ווי געפעלט דיר דאָס פישעלע, וואָס איך האָב דיר אויסגעשדכנט?

— אַ פישעלע, זאָגסטו? — ענטפערט דער חתן — זי איז דאָך געפילטע פיש.

ער וויל זי נישט

די עלטערן האָבן געמאָלדן דעם שדכן: „ער וויל זי נישט".

דער שדכן וווּנדערט זיך, און די עלטערן קלערן אים אויף: „ער וויל — זי נישט".

איך האָב זי שוין פײַנט

אַ חתן איז געקומען אָנקוקן אַ כּלה. חוץ זײַנע עלטערן האָבן אים באַגלייט אויך אַ סך מומעס.

בײַם טיש גיט דער שדכן אַ פרעג דער כּלה:

— אַנו, כּלה, טרעף ווער פון אָט די אַלע ווײַבער וועט זײַן דײַן שוויגער?

— אַט די! — ווײַזט אָן די כּלה אויף דעם חתנס מוטער.
— ווי אַזוי האָסטו געטראָפן? — פרעגט דער שדכן.
— איך האָב זי שוין פֿײַנט — ענטפערט די כּלה.

רעדן אינטעליגענטע רייד

אַ ייִד רעדט אַ שידוך: „דער חתן איז אַזוינס און אַזעלכס, און אויב ער וועט דאַרפֿן גיין מיט דער כּלה צום אַפּטייקערס ווײַב אויף אַ גלעזל טיי און רעדן אינטעליגענטע רייד — קען ער דאָס אויך״.

מחותנים, חתנים און כלות

מיר האָבן זיך ביידע ניט גענאַרט

דער חתן — אַ גנבֿ, די כּלה — ניט קיין איבעריקע צנועה.

טרינקט דעם חתנס פֿאָטער אַ „לחיים" צו דער כּלהס פֿאָטער: „לחיים, מחותּן, מיר האָבן זיך ביידע ניט גענאַרט".

אַ הונט און אַ חזיר

דעם חתנס פֿאָטער טרינקט אַ „לחיים" צו זײַן קאַרגן מחותּן און רופֿט אויס צו די קלעזמאָרים: „שפּילט אַ פֿריילעכס פֿאַר אַ הונט מיט אַ חזיר. כּדאַי איך זאָל זײַן דער הונט, אַבי מײַן מחותּן זאָל וויסן, אַז ער איז אַ חזיר".

זי איז פֿאַר מיר אַליין?

אַ קליינער און דאַרער חתן האָט זיך אָנגעקוקט מיט אַ גרויסער און דיקער כּלה. פֿרעגט ער שטילערהייט זײַן מוטער: „מאַמע, זי איז פֿאַר מיר אַליין?"

איך טרינק ניט מער

אַ חתן איז געקומען זיך אָנקוקן מיט אַ כּלה. האָט מען געשטעלט כּיבוד טיי מיט אײַנגעמאַכטס.

האָט דער חתן געמישט דעם צוקער און, פֿאַרקוקנדיק זיך אויף דער כּלה, איבערגעקערט דאָס גלאָז מיט דער טיי. האָט די באַלעבאָסטע אָנגעגאָסן גלײַך אַ צווייט גלאָז טיי. מיטן צווייטן גלאָז טיי איז געשען דאָס זעלבע. האָט די באַלעבאָסטע געוואָלט אָנגיסן אַ דריט גלאָז. רופֿט זיך אָן דער חתן: „מ'דאַרף ניט, אין דער היים טרינק איך אויך ניט מער, ווי צוויי גלעזער טיי".

אַ שמאַלץ־גרוב

— וואָס ווערסטו זאָגן אויף דײַן שכנס חתן? ער איז דאָך אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב.

— דאָס שמאַלץ וועט אויסרינען, און ער וועט בלײַבן בײַם גרוב.

צו יעדער נאַרישקייט פּוצן די שיך?

וועגן מײַנעם אַ ידיד האָט מען דערציילט, אַז ער איז געגאַנגען צו דער חופּה אין זײַנע טאָג־טעגלעכע בגדים.

האָט אים געזאָגט זײַן כּלה: „זע, פּוץ כאָטש אָפּ די שיך!" האָט ער איר געענטפערט: „זע־נאָר־זע! צו יעדער נאַרישקייט וועל איך גיין פּוצן די שיך?"

מאַן און ווײַב

מחמת און אַגב

אַ ליטוואַק וועקט זײַן ווײַב: „סײנדל, סטײ סען אופעט, מחמת עס טאַגט סען און אַגב ברענט אונדזער סטוב".

יאָ מיט אַלעמען

צוויי ייִדן שמועסן:

— אוי, מײַן ווײַב איז עפּעס ניט מיט אַלעמען.

— אוי, מײַן ווײַב איז דווקא יאָ מיט אַלעמען.

ניט קיין מענטש

— מײַן ווײַב איז אַ מלאך.

— מײַנע איז אויך ניט קיין מענטש.

שלאָפן אויפן פּיעקעליק

אַ פּאָרפאָלק איז געקומען צום דאָקטער זיך באַראַטן: אַ פולע שטוב מיט קינדער. זאָגט דער דאָקטער צום מאַן:

— איר דאַרפט גיין שלאָפן אויפן פּיעקעליק.

רופט זיך אָן די פרוי:

— מילא, יאַנקל, מירן שוין גיין שלאָפן אויפן פּיעקעליק.

מײַן צווילינג-מאַכער

פרײַנד זײַנען געקומען אָפּגעבן אַ „מזל-טוב" צום געבורט פון אַ צווילינג. זאָגט דער בעל-שׂמחה: „בײַ מיר ווערן געבוירן נאָר צווילינגען".

גיט צו זײַן ווײַב: „וואָס וועט איר זאָגן אויף מײַן צווילינג-מאַכער? ווען איך פאַרלאָז זיך אויף אים, וואָלט איך דאָס אויך ניט געהאַט".

דאָס איבעריקע זאָגט זי

— וואָס זאָגסטו דײַן ווײַב, ווען דו קומסט אַהיים שפּעט בײַ נאַכט?

— איך זאָג איר „גוט אָוונט", ווײַטער זאָגט זי שוין.

וואָס קאָסט אַזאַ מאַשינקע?

אַ קראַנקער ייִד איז געגאַנגען צום דאָקטער; זײַן ווײַב האָט אים באַגלייט. וואָס דער דאָקטער האָט געפרעגט דעם ייִדן, האָט געענטפערט די ייִדענע. דעם דאָקטער איז אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק: ער האָט געכאַפּט אַ טערמאָמעטער און אים אַרײַנגעשטעקט דער ייִדענע אין מויל.

פרעגט דער ייִד: „דאָקטער, וואָס קאָסט אַזאַ מאַשינקע?"

אַ שטענדיקע שׂמחה

— בײַ מיר אין שטוב איז שטענדיק אַ שׂמחה.

— ?

— אַז מײַן ווײַב וואַרפט מיר אַ טעלער און טרעפט ניט, איז בײַ מיר אַ שׂמחה; טרעפט זי יאָ, איז בײַ איר אַ שׂמחה.

שטענדיק וואַרט איך אויף דיר

מאַן און ווײַב זײַנען געווען אײַנגעלאַדן צו פרײַנד. דער מאַן האָט זיך איבערגעטאָן איינס־צוויי און זיך אָוועקגעזעצט וואַרטן אויף זײַן ווײַב.

נאָך עטלעכע גוטע שעה פּוצן זיך גייט צו די פרוי צום דרעמלענדיקן מאַן און וועקט אים: „קום שוין, שטענדיק דאַרף איך וואַרטן אויף דיר".

מײַן מאַן איז בײַ מיר גאָר קליין

אַ פרוי איז אַרײַן מיט איר מאַן אין אַ געשעפט קויפן אַ זשאַקעט פאַרן מאַן. דער פאַרקויפער גיט אַ מעסט אָפּ מיטן אויג דעם מאַן און דערלאַנגט אים אַ זשאַקעט פון אַ פאַסיקער גרויס.

רופט זיך אָפּ די פרוי: „גיט אים אַ קלענערן נומער, מײַן מאַן איז בײַ מיר גאָר קליין".

איך ווער ייִנגער

— איך ווער ייִנגער פון טאָג צו טאָג.

אַ שטענדיקע שמחה

— ?

— מײַן װײַב פֿאַרקירצט מיר די יאָרן.

דאָס לעצטע װאָרט

— אין יעדן װיכּוח מיט מײַן װײַב האָב איך דאָס לעצטע װאָרט.

— ?

— איך פֿאַרענדיק אונדזער װיכּוח מיט: „יאָ, מײַן װײַב".

איר צונג שלאָגט איר

— פֿאַר װאָס שלאָגסטו דײַן װײַב?

— איך שלאָג איר? איר צונג שלאָגט איר!

מײַן װײַב געפֿעלט מיר ניט

אַ ייִד קלאַפּט אָן צום דאָקטער שפּעט בײַ נאַכט.

— דאָקטער, מײַן װײַב געפֿעלט מיר עפּעס ניט.

— אַ חוצפּה פֿון אַ ייִד! מײַן װײַב געפֿעלט מיר ניט שױן העכער עטלעכע צענדליק יאָר, קום איך דיך װעקן בײַ נאַכט?!

באַרעדן? — ניין!

דער רב פֿרעגט דעם ייִד פֿאַר װאָס װיל ער גטן זײַן װײַב. דער ייִד:

— איך װעל ניט באַרעדן מײַן אײגן װײַב.

נאָך דעם, װי דער רב האָט זי אָפּגעגט, װענדט ער זיך צום ייִד:

— נו, איצט קענט איר שױן זאָגן די סיבה?

— באַרעדן אַ פֿרעמדע פֿרױ? — ניין!

איצט קען איך גטן מײַן װײַב

דער רב צו אַ ייִד, װאָס איז געקומען זיך גטן מיט זײַן װײַב:

— איצט, אין אײַער עלטער, קומט איר זיך גטן?

— איך װעל אײַך דערציילן, רבי, אַז שױן גײענדיק פֿון דער חופּה, איז זי מיר גלײַך ניט געפֿעלן געװאָרן. אָבער, װער גײט זיך גטן צו מאָרגנס נאָך דער חופּה? אין אַ קורצער צײַט אַרום פֿאַרשװאַנגערט זי און ס׳װערט געבױרן

דאָס ערשטע קינד. נו, ווער גט זיך מיט אַ פרוי, וואָס איז מטופל מיט אַ קליין קינד? מיט דער צייַט ווערן געבוירן נאָך קינדער און מ׳דאַרף זאָרגן פאַר זיי.

איצט, אַז אַלע קינדער זייַנען שוין אויסגעגעבן, קען איך זיך דערלויבן גטן מייַן ווייַב.

די דעה — דאָס איז מייַן ווייַב

— פאַר וואָס ביסטו אַזוי צעקלאַפּט?

— איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה.

— ?

— די דעה — דאָס איז מייַן ווייַב.

וואָס וועל איך איר זאָגן אויף דיר?

אַ מאַן שפּאַצירט מיט זייַן ווייַב און פאַרבייַ זיי גייט אַדורך אַ פרוי און שמייכלט צום מאַן.

— ווער איז דאָס? — פרעגט דאָס ווייַב.

דער מאַן שווייַגט.

— זאָג, ווער איז זי? פאַר וואָס שווייַגסטו? וואָס קלערסטו?

— איך קלער — ענטפערט דער מאַן — וואָס וועל איך איר זאָגן מאָרגן אויף דיר ווער דו ביסט.

סאַפּע, בהמה!

אַ מאַן האָט געבראַכט זייַן ווייַב צום דאָקטער. דער דאָקטער הערט זי אויס און הייסט איר אָטעמען. די ייִדענע פאַרשטייט ניט וואָס דער דאָקטער וויל. ווענדט זיך דער דאָקטער צום מאַן, ער זאָל אויפקלערן זייַן ווייַב וואָס זי זאָל טאָן.

זאָגט דער מאַן צו איר: „סאַפּע, בהמה!"

ווער פאַרברענט מיט דייַנע מציאות

פון קוראָרט שרייַבט אַ ווייַב צו איר מאַן אַ בריוו און פאַרענדיקט מיט אַן „עיקר שכחתי": „זע, גיב ניט אויס קיין געלט אויף דעם, וואָס דו באַקומסט בייַ מיר אומזיסט".

ענטפערט איר דער מאַן מיט אַ ליבלעכן בריוו, זי זאָל פאַרברענגען גוט

און פאַרענדיקט אויך מיט אַן „עיקר שכחתי״: „ווער פאַרברענט מיט דיינע מציאות!״

ניטאָ נאָך אַזוינס

אַ מאַן צו זיין ווייב: „ביטאָ אויף דער גאַנצער וועלט נאָך אַזוינס ווי דו, און גוט וואָס ס'איז ניטאָ״.

זי וועט שוין פליִען

אַ ייִנגעלע צו זיין מוטער:
— מאַמע, אונדזער קעכין קען פליִען?
— ?
— נעכטן האָט דער טאַטע געזאָגט צו איר: „ליבע, פייגעלע מיינס״.
— נו יאָ, זי וועט שוין פליִען!

יאַנקל ווענטילאַטאָר

אַ מאַן איז געלעגן אויפן טויטן בעט. ווענדט זיך צו אים זיין ווייב:
— דו האָלסט שוין פאַרן טויט, טאָ שווער מיר, צי דו האָסט מיך פאַר־ראַטן?
— וויפל מאָל איך האָב דיך פאַרראַטן — שווערט זיך דער מאַן — אַזוי פיל מאָל זאָל איך זיך איבערדרייען אין קבר.
נאָך אַזאַ שבועה האָט די פרוי געמאַכט איר מאַן אַ שיינע לוויה.
אין אַ צייט אַרום איז זי אויך געשטאָרבן. שטייענדיק פאַרן מלאך הדומה בעט זי אים, ער זאָל איר אָנווייזן אויף איר יאַנקלען.
דער מלאך פרעגט איר אויס אייגצלהייטן וועגן איר מאַן און די פרוי דער־ציילט אים וועגן דעם מאַנס שבועה פאַר זיין טויט.
— אַהאַ! — שרייט אויס דער מלאך — יאַנקל ווענטילאַטאָר!

ער וועט נייען אַ גאַנץ יאָר

אַ מאַן איז געקומען אַ צופרידענער און האָט אָנגעזאָגט זיין ווייב, אַז ער האָט שוין באַשטעלט פאַר זיך תּכריכים.
— ביי וועמען? — פרעגט די פרוי.

זי וועט שוין פליִען

יאַנקל ווענטילאַטאָר

— ביַי האַצקלען דעם שניַידער — ענטפערט דער מאַן.

— וואָס? ביַי דעם פאַרטאַטש? ער וועט דאָך נייען אַ גאַנץ יאָר.

דו וועסט ליגן אין דער ערד

אַ מאַן דערציילט זיַין וויַיב, אַז לעצטנס איז אָנגענומען צו פאַרברענען דעם מת. ריַיסט זיך אָפּ אויף אים די פרוי: „ברענען זאָלן אונדזערע שונאים, דו וועסט ביַי מיר ליגן אין דער ערד".

קיין הנאה וועל איך שוין ניט האָבן

אַ פרוי ליגט אויפן טויטן בעט. זי ווענדט זיך צו איר מאַן:

— איך בעט דיך צוזאָגן גיין נאָך מיַין לוויה צוזאַמען מיט מיַין מאַמען, נאָך וואָס זאָלן ליַיט רעדן, אַז אַפילו נאָך מיַין טויט האָסטו געפירט מיט איר ברוגזן.

— מילא — זאָגט דער מאַן — איך מוז אויספילן דיַין לעצטן ווונטש, אָבער קיין הנאה וועל איך שוין ניט האָבן.

זי איז שוין אין הימל

אַ מאַן האָט באַגלייט זיַין וויַיב צו אייביקער רו; פון זיַין וויַיב האָט ער גאַנץ אָפט אַריַינגעכאַפּט קלעפּ.

גייט ער צוריק פון דער לוויה, באַגלייט פון זיַינעם אַ פריַינד. אָנקומענ־דיק פאַר דער שטוב איז אַראָפּגעפאַלן פון דאַך אַ ציגל.

— דו זעסט — זאָגט דער אַלמן צום פריַינד — זי איז שוין אין הימל.

איך זע זי דאָפּלט

זיצט אַ שיכּור און וויינט. פרעגט מען אים פאַר וואָס ער וויינט. ענטפערט ער: „איך האָב זיך אָנגעשיכּורט, כּדי צו פאַרגעסן פון מיַין וויַיב, זע איך זי גאָר דאָפּלט".

דו ביסט אַ מיאוסקייט

שריַיט אַ שיכּור צו זיַין וויַיב:

— דו ביסט אַ מיאוסקייט!

שריַיט זי:



זי איז שוין אין הימל

— און דו ביסט אַ שיכור!

ענטפערט ער:

— אָבער מאָרגן אין דער פרי וועל איך שוין זײַן ניכטער.

ווער גיט איר דען?

באַקלאָגט זיך איינער פאַר זײַנעם אַ פרײַנד:

— איך קען שוין ניט אויסהאַלטן פון מײַן ווײַב: זונטיק גיב איר געלט, מאָנטיק גיב און אַזוי אַלע טעג פון וואָך.

— פון וואַנען טאַקע האָסטו צו געבן איר אַזוי פיל געלט? — פרעגט דער פרײַנד.

— ווער גיט איר דען? — ענטפערט ער.

די ייִדן אין מדבר און מײַן ווײַב

טענהט אַ ייִד: „די ייִדן האָבן אין מדבר געגעסן דעם מן פערציק יאָר; מײַן ווײַב עסט דעם מאַן שוין העכער פופציק יאָר".

שטעקשיך

אַז אַן אַלטער בחור קומט שפעט בײַ נאַכט אַהיים, דאַרף ער פריִער אָנצינדן ליכט און זוכן זײַנע שטעקשיך.

דאַקעגן, אַ פאַרהייראַטער — פליִען אים זײַנע שטעקשיך גלײַך אין פנים אַרײַן.

זײַן ווײַב און דער מלאך־המוות

אַ מאַן ליגט אויפן טויטן־בעט. ער פאַרלאַנגט פון זײַן ווײַב זי זאָל זיך אויספוצן אין אירע חתונה־בגדים און צירונג.

די פרוי פילט אויס איר מאַנס בקשה און פרעגט אים צוליב וואָס דאַרף ער דאָס האָבן. ענטפערט ער: „אַז דער מלאך־המוות וועט אַרײַנקומען אין שטוב און וועט אַ קוק טאָן אויף מיר און אויף דיר — וועמען וועט ער אויסקלײַבן?"

וועמען איז גוט?

אַ ווײַב וועקט בײַ נאַכט איר מאַן:

— ס'איז מיר ניט גוט.

ענטפערט דער מאַן:

— שלאָף, שלאָף. ווען איז דען היינט גוט?

איך גיי שוין ניט

אַ מאַן איז אַראָפּ ביי נאַכט פון זיין בעט אין דער ריכטונג צו דער דינסט, וואָס פלעגט נעכטיקן ביי זיי.

גייענדיק אין דער פינצטער, האָט ער איבערגעקערט אַ בענקל. האָט זיך אויפגעכאַפּט זיין ווייב און פרעגט:

— יאַנקל, וווהין גייסטו?

ענטפערט ער:

— שלאָף, שלאָף, איך גיי שוין ניט.

ער קילט דאָס קבר

— צו וואָס פאָכעסטו מיט דעם פעכער אויפן קבר?

— מיין ווייב האָט מיך פאַרשוואָרן כ'זאָל ניט חתונה האָבן אַזוי לאַנג, ווי זי וועט זיך ניט אָפּקילן אין קבר.

שוויגערס

זי שעלט די טאָכטער,
און מיינט דער שנור.

בעסער געוואָרן

— וואָס מאַכט דײַן שוויגער?

— זי איז בעסער געוואָרן.

— אַזוי?

— נו יאָ, זי האָט ניט געוואָלט שטאַרבן, אָבער זי איז בעסער געוואָרן און איז פּאָרט געשטאָרבן. (זע ווערטערשפּיל)

אויך ניט קיין אומגליק

— ווי אַזוי פּרוווט מען אויס אַ נײַ־געבויטע בריק?

— מ׳פירט אַרויף אויף דער בריק טויזנט שוויגערס; וועט די בריק אויס־האַלטן — איז זי שטאַרקער פון אײַזן, וועט זי ניט אויסהאַלטן — איז אויך ניט קיין אומגליק.

ווו זײַנען זיי?

— באָבע, ווו זײַנען זיי אָט די, וואָס האָבן דיך געטראָגן אַהער צו אונדז?

— מײַן קינד, קיינער האָט מיך ניט געטראָגן, איך האָב זיך קוים פאַר־שלעפּט אַהער.

— טאָ, וואָס זשע האָט געזאָגט דער טאַטע: די שדים טראָגן שוין ווידער די שוויגער אַהער".

אומרו

— גוט, וואָס כ׳זע דיך. נעכטן בין איך געווען זייער אומרויִק איבער דיר.

— וואָס איז געשען?

— כ׳האָב געטראָפן דײַן שוויגער, האָט זי דיך זייער געלויבט, האָב איך מורא באַקומען, צי ס׳האַלט ניט שמאָל מיט דיר.

כעלעם איז אַ שטאָט

— וווהין פאָרסטו?

— קיין כעלעם אויף דער לוויה פון מײַן שוויגער.

— אָ, כעלעם איז אַ שטאָט!

ווּ זײַנען זיי אָט די, וואָס האָבן דיך געטראָגן אַהער?

חסידים און מתנגדים

לאָמיר גיין זאַטע קיין ארץ־ישׂראל

— פאַר וואָס עסן די מתנגדים צו ערשט די יויך און דערנאָך דאָס פלייש, און די חסידים — פאַרקערט ?

— מתנגדים גלויבן ניט, אַז משיח וועט קומען, איז זיי ניט וויכטיק וואָס עסן פריִער. אָבער, די חסידים האָבן מורא, טאָמער וועט אָנקומען משיח פּונקט, ווען זיי האַלטן בייַ דער יויך און זיי וועלן דאַרפן גיין קיין ארץ־ישׂראל הונגע־ריקע — כאַפּן זיי אַריַין און עסן אָפּ צו ערשט דאָס פלייש און „לאָמיר גיין זאַטע קיין ארץ־ישׂראל !״

„הודו״ און „ברוך שאמר״

אַן אָרעם קליין שטעטעלע מיט איין שול, אָבער מיט צוויי „פּאַרטייען״ : חסידים און מתנגדים.

האָבן געוואָלט די מתנגדים אָנהייבן דאָס דאַווענען מיט דער תּפילה „ברוך שאמר״, האָבן געטענהט די חסידים, אַז דאָס דאַווענען איז ריכטיקער, ווען מ׳הייבט אָן מיט דער תּפילה „הודו״.

האָט מען זיך געאַמפּערט און געקריגט און ניט געקענט קומען צו איינ־שטימונג ביז מ׳האָט אַריַינגעמישט אין דעם סכסוך די גויִישע מאַכט.

איז אַוועקגעפאָרן אַ מתנגדישע דעלעגאַציע צום גובערנאַטאָר און אַוועק־געפירט אים אַ שיינע מתּנה. איז צו מאָרגנס אַוועקגעפאָרן אַ חסידישע דעלע־גאַציע מיט אַ גרעסערער מתּנת־יד און ס׳איז געוואָרן אין שול שאַ־שטיל : מ׳קריגט זיך שוין ניט, וויַיל יעדע „פּאַרטיי״ איז זיכער, אַז אין גיכן וועט אָנקומען דער ריכטיקער פּסק־דין.

און כּך הווה : שבת אין דער פרי, ווען די ייִדן האַלטן אין מיטן דאַווענען, קומט אַריַין אין שול דער פּאָסט־טרעגער און ברענגט אַ טעלעגראַמע.

פאַרבעטן אים די מתפּללים אויף דער בינע, ער עפנט די טעלעגראַמע און לייענט איבער : „הודו ופעריאָד (פּאָרויס), גובערנאַטאָר איוואַנאָוו״.

טעלעגראמע
הודו
„ווּפּעריאַד"

אָפּטימיסטן / גלויביקע

אַז גאָט וויל

איז געקומען אַ ייִדענע צום פֿאַרקויפֿער פֿון לאָטעריע־צעטלען און פֿרעגט אים:

— אפשר האָב איך געוווּנען דעם גרויסן געווינס?

— ווײַזט מיר אײַער צעטל וועל איך זען.

— אַז גאָט וויל, קען מען געווינען אָן אַ צעטל אויך — ענטפֿערט די ייִדענע.

בעסער ווי גאָרניט

אין דעם מלמדס ברילן פֿעלט איין גלעזל, דאָס צווייטע גלעזל איז אָנגעשפּאָלטן און פֿאַרקלעפּט מיט אַ פּאַפּירל.

פֿרעגט מען אים:

— רבי, וואָס זעט איר דורך אָט די ברילן?

— אַלץ בעסער ווי גאָרניט — ענטפֿערט דער מלמד.

תחית המתים

פֿרעגט אַ ייִד און ענטפֿערט אַליין: „ווען הייב איך אָן גלויבן אין תחית המתים? — אַז איך עס זיך אָן שבת מיט טשאָלנט און קוגל און נאָך מאכלים, לייג זיך כאַפּן אַ שבתדיקן שלאָף און שטיי נאָך אויף אַ לעבעדיקער — דאַן הייב איך אָן גלויבן אין תחית המתים".

מיר האָבן אַ גרויסן גאָט

אַן אַרענדאַר האָט זיך צוריקגעקערט אין קרעטשמע אַרײַן און געפֿירט מיט זיך אַ גרויסן הונט.

זײַן ווײַב, אַ דערשראָקענע, פֿאַרברעכט מיט די הענט:

— וואָס איז דאָס?

דער אַרענדאַר:

— דער פּריץ האָט מיר געגעבן זײַן הונט, איך זאָל אים אויסלערנען רעדן פראַנצויזיש במשך פון אַ יאָר.

— וואָס? — טענהט די יידענע — ערשטנס, קענסטו אַליין ניט פראַנצויזיש, און צווייטנס גלויבסטו, אַז אַ הונט איז מסוגל צו לערנען רעדן און דערצו נאָך פראַנצויזיש?

— נאַרישע יידענע וואָס דו ביסט! מיר האָבן אַ גרויסן גאָט. במשך פון אַ יאָר קען דער הונט פגרן אָדער דער פּריץ.

פלי־קודש, חסידים
און אפיקורסים רחמנא ליצלן

מיַין אײדעם מײנט עס ערנסט

אַ ייִד האָט זיך פאַרקלאָגט פאַרן רבין אויף זײַן אײדעם:

— רבי, מײַן אײדעם האַלט אין אײן דאַוונען און לערנען.

— דאָס איז שלעכט? — פרעגט דער רבי — אויך איך דאַוון און לערן.

— רבי — זאָגט דער ייִד — אָבער מײַן אײדעם מײנט עס ערנסט.

דער רבי — סאַמע רוחניות

אַ חסיד דערצײלט װעגן זײַן רבין, אַז ער איז סאַמע רוחניות: „אין דער פרי, װען דער רבי איז אַװעק אין מיקווה אַרײַן און די רביצין אין קיך אַרײַן, האָב איך זיך אַרײַנגעכאַפּט אין זײער שלאָפֿצימער און האָב געזען, אַז דעם רבינס בעט — אַפילו קײן פליג איז ניט אַדורך, אָבער דער רביצנס בעט — װי חזירים װאָלטן זיך דאָרט געװאַלגערט".

אָנזאָגן ביאת המשיח

אַ יורד מנכסיו איז געקומען צום רבין בעטן שטיצע. האָט אים דער רבי פאַרגעלײגט אַ פּאָסטן: שטײן אויפן בערגל הינטערן שטעטל און אויסקוקן משיחס אָנקומען, און װי נאָר משיח װעט זיך באַװײַזן, זאָל ער גלײַך לויפן אָנזאָגן דעם רבין.

װען דער ייִד האָט זיך באַקלאָגט, אַז דער שׂכר איז זײער אַ נישטיקער, האָט דער רבי געזאָגט: „אָבער, דערפאַר איז דער פּאָסטן אַ לעבנסלענגלעכער פאַר דיר און אויך פאַר דײַנע קינדער און קינדס־קינדער".

כאַפּ זיך אַרײַן אין בעט

אַ חסיד האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר זײַן רבין, אַז זײַן װײַב לאָזט אים ניט אַרײַן אין בעט.

דער רבי, איבערראַשט פון אַזאַ חוצפה פון אַ ייִדענע, מורמלט צו זיך: „איַי, איַי, איַי, חצופה, לעשות רצון בעלה" און קלערט דערביַי, וואָס קען מען דאָ מאַכן. פּלוצלינג גיט ער אַ פרעג דעם חסיד:

— דיַין ייִדענע גייט צו סליחות?

— יאָ, יאָ — ענטפערט דער חסיד.

— נו — זאָגט דער רבי — אַז זי גייט אַוועק צו סליחות, כאַפּ זיך אַריַין אין בעט.

ער וועט קומען — ער וועט ניט קומען

אַ פרוי איז געקומען צום רבין מיט אַ שווער געמיט: איר מאַן איז אַוועק קיין אַמעריקע, און זי הערט ניט פון אים.

דער רבי קוקט אַריַין אין ספר און זאָגט: „פאַר אַהיים, אישה, דיַין מאַן וועט אם־ירצה־השם קומען צו די ימים נוראים".

ביַי דער טיר זיצט דעם רבינס גבאי, הערשעלע אָסטראָפּאָלער. אַז די פרוי איז אַרויס פון רבינס צימער, זאָגט צו איר הערשעלע: „ער וועט ניט קומען".

נאָך ימים נוראים קומט די פרוי ווידער און דער רבי זאָגט איר צו, אַז איר מאַן וועט קומען אויף פּסח. ביַים אַרויסגיין זאָגט ווידער הערשעלע: „ער וועט ניט קומען".

די פרוי לויפט אַריַין צום רבין, ברעכט אויס אין אַ געוויין און דערציילט, וואָס הערשעלע האָט געזאָגט.

דער רבי האָט אַריַינגערופן הערשעלען און אָנגעשריגן אויף אים.

הערשעלע: „רבי, ווהיין האָט איר געקוקט רעדנדיק מיט דער פרוי?"

דער רבי: „וואָס הייסט? — אין ספר אַריַין".

הערשעלע: „און איך — דער אישה אין פּנים אַריַין".

הנאה פון עולם הזה

צוויי סוחרים זיַינען געקומען אויף אַ דין־תּורה צום יונגן רב פון שטעטל. ווען די סוחרים האָבן געטענהט זייערע טענות פאַרן רב, האָט די יונגע און שיינע רביצן דערלאַנגט דערוויַיל דעם רב זיַין מיטאָג. דער רב שיט אויפן עסן זאַלץ אָן אויפהער. פרעגט אים איין סוחר:

— רבי, פאַר וואָס שיט איר אויפן עסן אַזוי פיל זאַלץ?

ענטפערט דער רב:

— וואָס ווייניקער הנאה מ׳האָט פון עולם הזה, אַלץ מער הנאה וועט מען האָבן פון עולם הבא.

ווייַזט אָן דער צווייטער סוחר אויף דער רביצן און פרעגט:

— וויפל זאָלץ דאַרף מען אָנשיטן אויף דעם עולם הזה, כּדי ניט הנאה האָבן פון אים?

אַן עצה פון אַ רבין

— רבי, גיט מיר אַן עצה קעגן די מענטשן, וואָס קומען צו מיר און שטערן מיר אין לערנען.

— זייַנען זיי רייַכע, בעט בייַ זיי אַ גמילות־חסד, וועלן זיי שוין מער ניט קומען צו דיר; זייַנען זיי אָרעמעלייַט, לייַ זיי אַ גמילות־חסד, וועלן זיי זיכער שוין מער ניט קומען צו דיר.

די ערשטע שאלה

אַ רב, וואָס האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זייַן כּסא הרבנות, האָט געזעגנט־פערט איינעם פון די באַלעבאַטים, וואָס האָט אים געפרעגט פאַר וואָס ער פאַרלאָזט זיי:

— דערפאַר, וואָס אין משך פון די יאָרן, וואָס איך בין דאָ רב, פרעגט מען מיך איצט די ערשטע שאלה.

פאַר וואָס?

אַ חדר־ייִנגל האָט געפרעגט דעם מלמד פאַר וואָס ער קייַט די באָרד בייַם לערנען. דער מלמד האָט דערויף געענטפערט:

— איך טו עס שוין גאַנצע דרייַסיק יאָר און ווייס נאָך אַלץ ניט פאַר וואָס, און דו, סמאַרקאַטש איינער, ווילסט עס וויסן מיט איין מאָל?!

די ווערעמדיקע פלוים

אַן אַפּיקורס איז געלעגן אויפן טויטן־בעט. האָט ער געבעטן מ׳זאָל אים געבן אויפעסן אַ ווערעמדיקע פלוים.

אַז די בני־בית האָבן אים געפרעגט צו וואָס ער דאַרף עס האָבן, האָט ער געענטפערט: „אין גיהנום וועט מען מיך דאָך שמייַסן פאַר אַלע מייַנע חטאים,

איז אַז איך וועל הערן דעם מלאך הדומה רופט אויס „כך וכך מלקות פאַר אויפעסן אַ ווערעמדיקע פלוים" וועל איך וויסן, אַז ס'איז שוין אַ סוף צו די יסורים".

דעם רבינס זייגער

אַ רבי האָט געפּראַוועט טיש פאַר זײַנע חסידים. פּלוצלינג האָט ער באַמערקט, אַז זײַן ירושה־זייגער איז נעלם געוואָרן פון וועסטל־קעשענע. איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע, אַ מהומה.

איינעם פון די חסידים איז אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק זיך ווענדן צום קייסער פון די גנבים.

מ'האָט געלאָזט רופן דעם גנבים־קייסער און אים דערציילט די מעשה.

זאָגט דער גנבים־קייסער צום רבין: „רבי, אויב דעם זייגער האָט צוגעגנבעט מײַנער אַ חסיד, וועט איר האָבן דעם זייגער צוריק במשך פון אַ שעה; אויב, אָבער, דאָס האָט געטאָן אײַערער אַ חסיד — איז דער זייגער פאַרפאַלן".

אַ פײַנע טיוטקע

אַ ייִד איז געקומען צום רב מיט אַ ביטע, ער זאָל אים אָפּגטן זײַן ווײַב.

— פאַר וואָס ווילסטו זי גטן? — פרעגט דער רב.

— ווײַל זי איז אַ פּראָסטיטוטקע — ענטפערט דער ייִד.

— שיק מיר צו די אישה — באַפעלט דער רב.

נאָך דעם, ווי דער רב האָט געשמועסט מיט דער פרוי, האָט ער געלאָזט רופן דעם ייִד און זאָגט צו אים:

— פאַר וואָס זאָגסטו, אַז זי איז אַ פּראָסטע ט'יוט'קע? לויט מיר איז זי אַ גאָר פײַנע ט'יוט'קע.*

כצפּיחית בדבש

אַ מלמד לערנט מיט זײַנע תלמידים דעם פּסוק „וטעמו כצפּיחית בדבש". אַ ליטוואַק איז פאַרבײַ דעם חדר, האָט אַרײַנגעקוקט דורכן פענצטער און אַ פרעג געטאָן:

— רבי, וואָס איז דער טײַטש פון „כצפּיחית"?

---

* ט'יוט'קע — אַ הינדל.

דער מלמד הייבט אָן דערציילן וועגן די ייִדן אין מדבר סיני, וואָס האָבן ניט געהאַט צו עסן און גאָט האָט זיי אַראָפּגעלאָזט מן פון הימל, וואָס זײַן טעם איז געווען כצפיחית בדבש — ווי אַ צפיחית אין האָניק.

— רבי — זאָגט דער ליטוואַק — אָבער, וואָס איז דער טײַטש פונעם וואָרט „כצפיחית"?

הייבט אָן דער מלמד דערציילן פון יציאת מצרים און קריעת ים־סוף, גייט איבער צום מדבר סיני און פאַרענדיקט מיטן פסוק „וטעמו כצפיחית בדבש" — און זײַן טעם איז געווען ווי אַ צפיחית אין האָניק.

אָבער, דער ליטוואַק לאָזט ניט אָפּ, און דער מלמד הייבט אָן אַלע מאָל פון נאָך פריִערדיקע געשעענישן ביז ער איז דערגאַנגען צו אָדם הראשון.

אָבער, אַז דער ליטוואַק האָט אַלץ ניט אָפּגעלאָזט און געשטעלט ווידער זײַן עקשנותדיקע פראַגע, האָט בײַם מלמד געפּלאַצט זײַן געדולד און האָט אַ געשריי געטאָן צו זײַנע תּלמידים: „טרײַבט אים אַוועק פון דאַנען אָט דעם אַפּיקורס, ער וויל וויסן וואָס ס'איז געווען פאַר מעשׂה בראשית..."

ואת הינשוף — דעם משוגענעם פיש

לערנט אַ מלמד זײַנע תּלמידים: „כל צפור טהורה תאכלו" — יעדן ריינעם פויגל זאָלט איר עסן; „וזה אשר לא תאכלו" — און די פייגל זאָלט איר ניט עסן: הנשר — דעם אָדלער, והפּרס — און דעם פּרס, ואת האַיָה — די אַיה, והדיָה — די דיה, ואת היַנשוף — און דעם משוגענעם פיש".

פרעגט איינער פון די תּלמידים: „רבי, ווי קומט אַ פיש צווישן די עופות טמאים?"

ענטפערט דער מלמד: „אין דעם באַשטייט דאָך זײַן שגעון: דו, משוגענער פיש, וואָס שפּאַרסטו זיך צווישן די עופות?"

שבת רעכטס און שבת לינקס

אַ באַוווּסט לידל וועגן אַ רבין, וואָס איז געפאָרן פרײַטיק אַהיים פון אַן אַנדער שטעטל און צוליב אַ שניי־שטורעם האָבן די פערד פאַרבלאָנדזשעט און דאָ פאַרגייט שוין די זון און ס'קומט אָן דער שבת.

האָט דער רבי אַרויסגענומען זײַן פאַטשיילע, אַ מאַך געטאָן רעכטס און לינקס — איז רעכטס און לינקס געווען שבת, אין מיטן וועג איז געווען וואָכן, און דער רבי איז געפאָרן ווײַטער.

שבת רעכטס – שבת לינקס

ס׳רעדט זיך גאָר אַנדערש

אַ בעל־דרשן איז אָנגעקומען אין שטעטל אַרײַן פרײַטיק פאַר ליכט־בענטשן און איז אײַנגעשטאַנען בײַם גביר פון שטעטל.

אײדער זײ זײַנען געגאַנגען אין שול אַרײַן מקבל שבת זײַן, האָט דער בעל־דרשן געבעטן בײַם גביר אַ גמילות־חסד און האָט עס באַקומען.

שבת פאַרן לײענען האָט דער בעל־דרשן געהאַלטן זײַן דרשה אין שול. נאָך הבדלה האָט ער אָפּגעגעבן דעם גביר דעם גמילות־חסד.

פרעגט אים דער גביר נאָך וואָס האָט ער געדאַרפט דעם גמילות־חסד, אַז ער האָט עס ניט אויסגענוצט במשך דעם שבת.

ענטפערט דער בעל־דרשן: „מיט מזומן אין קעשענע רעדט זיך גאָר אַנדערש״.

אשריך וטוב לך

אַן אַפּיקורס האָט געהערט אַ מלמד טײַטשן דעם פסוק פון „פרקי־אָבות״: „פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה — — — אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא״.

זאָגט דער אַפּיקורס צום מלמד: „מיט אַזאַ לעבן איז דיר עפּעס גוט אויף דער וועלט? — אַזוי וועט דיר זײַן גוט אויך אויף יענער וועלט״.

טראָג, טראָג, אסתּר־רחל

אין דער פאַר פּסח־וואָך גײט אַ חסיד פון שול און באַגעגנט זײַן ווײַב וועלכע טראָגט אויף די פּלײצעס אַ שווער פּעקל.

— וואָס טראָגסטו, מײַן ווײַב?

— קאַרטאָפל אויף יום־טוב.

— טראָג, טראָג, אסתּר־רחל.

אַ ווײַטער קוק

דערצײלט אַ חסיד, אַז זײַן רבי איז נעכטן געשטאַנען פאַרטראַכט בײַם דאַוונען און ווי נאָר ער איז אויסגעגאַנגען „שמונה־עשׂרה״ האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אײַ, אײַ, דאָס שטעטל ר׳ ברענט״.

רופט זיך אָן אײנער פון די מתפּללים: „נעכטן בין איך דאָרט געווען און איך האָב ניט געזען קײן שום שׂריפה״.

ענטפערט דער חסיד: „יאָ געברענט, ניט געברענט, אָבער אַ ווײַטן קוק האָט ער מײַן רבי".

דאָס איז איר גיהנום

אַ מלמד האָט אַרײַנגעטענהט אין זײַנע תּלמידים, אַז ער וועט נאָך זײַן טויט גיין גלײַך אין גן־עדן.

מיט דער צײַט איז דער מלמד געשטאָרבן, און אין אַ צײַט שפּעטער אויך איינער פון זײַנע תּלמידים.

דער תּלמיד, אַן אַפּיקורס, איז אָנגעקומען, געווײנטלעך, גלײַך אין גיהנום אַרײַן. וועמען טרעפט ער דאָרט, אויב ניט זײַן מלמד מיט אַ יונג שיין מיידל זיצט אויף זײַן שויס.

— רבי — פרעגט דער תּלמיד מיט פאַרוווּנדערונג — דאָס איז אײַער גן־עדן?

— דאָס איז איר גיהנום — ענטפערט דער מלמד.

די דאגה פון שטאָט־אַפּיקורס

„אַז איך רויכער שבת אַ פּאַפּיראָס, פאַרטרינק איך מיט אַ ביסל בראָנפן, כּדי פאַרטושן דעם ריח פונעם רויך. תּשעה־באָב, אַז איך טרינק אויס אַ גלעזל בראָנפן, פאַרטוש איך דעם ריח פון דעם בראָנפן מיט אַ פּאַפּיראָס. אָמערגסטן איז יום־כּיפּור".

דער אַפּיקורס און די שיקסע

ערב יום־כּיפּור. דער רב פון שטעטל לויפט פון מיקווה און זעט אין אַ ווינקל דעם שטאָט־אַפּיקורס רעדן מיט אַ שיקסע. דער רב שרײַט אויס צום אַפּיקורס:

— געוואַלד געשריגן! ערב יום־כּיפּור, פאַר כּל־נדרי, מיט אַ שיקסע!

— רבי — ענטפערט דער אַפּיקורס — איך באַשטעל זי אויף מוצאי יום־כּיפּור.

אַ דאַנק פאַר אַ נײַעם אַדרעס

דער רב מוסרט דעם שטאָט־אַפּיקורס און צווישן אַנדערע חטאים וואַרפט ער אים פאַר אויך דאָס גיין צו דער שיקסע מאַרוסיאַ.

דער אַפּיקורס טענהט, אַז ער קען גאָרניט אַזאַ שיקסע. זאָגט אים דער רב, אַז דאָס איז די שיקסע מאַרוסיאַ, וואָס וווינט אונטער דעם וואַסער־מיל.

רופט זיך אָן דער אַפּיקורס: „אַ דאַנק אײַך, רבי, פאַר אַ נײַעם אַדרעס".

טײַערע עבירות

אַ קאַליע געוואָרענעם ישיבה־בחור האָט מען געפרעגט, פאַר וואָס ער גייט ניט צו תשליך.

האָט ער דערויף געענטפערט: „מײַנע עבירות קאָסטן מיך צו טײַער און ס'איז פּשוט אַן עבירה אַרײַנוואַרפן זיי אין וואַסער".

ווען מ'מעג הנאה האָבן

איינער אַן אַפּיקורס האָט אויסגעפונען אַ היתר מדאורייתא:

אין דער תורה שטייט דרײַ מאָל „לא תבשל גדי בחלב אמו". זאָגן דערויף חז"ל, אַז איינס מיינט אָסור צו קאָכן, איינס — אָסור צו עסן און ס'דריטע מאָל מיינט אָסור הנאה צו האָבן.

דאַקעגן „לא תנאף" שטייט נאָר צוויי מאָל. הייסט עס: מ'טאָר ניט קאָכן, נישט עסן, אָבער הנאה האָבן מעג מען.

צוויי שותּפים

אַ מלמד, וואָס האָט זיך געוואָלט נעמען צום האַנדל, האָט געמאָלדן, אַז ער זוכט צוויי שותּפים צו אַ גוטן מסחר: איינער זאָל אַרײַנלייגן דאָס געלט, און דער אַנדערער זאָל נעמען אויף זיך צו פירן ס'געשעפט, ווײַל ער אַליין איז פאַרנומען מיט מלמדות.

סײַדן אַ מלמד

טענהט אַ פאָטער צו זײַן זון: „אַז לערנען ווילסטו ניט, און צו מסחר טויגסטו ניט, טאָ וואָס זשע וועט אַרויס פון דיר? — סײַדן אַ מלמד".

סגולות קעגן דער הינער־מגיפה

אַ פּערמער איז געקומען צום רבין און האָט זיך פאַרקלאָגט, אַז זײַנע הינער פּגרן אויס.

דער רבי האָט געהייסן דעם פּערמער אָפּפאַרבן מיט בלויער פאַרב דאָס רעכטע פּיסל פון די לעבן־געבליבענע הינער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ווידער געקומען דער פּערמער צום רבין און אים געמאָלדן, אַז אויך די געפאַרבטע הינער פגרן אויס איינע נאָך דער צווייטער. האָט דער רבי געהייסן דעם פּערמער אָפּפאַרבן דאָס לינקע פּיסל פון די איבערגעבליבענע הינער אויף רויט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען דער פּערמער און זאָגט אָן דעם רבין, אַז אויך די געפאַרבטע הינער אויף רויט זײַנען אויסגעפּגרט און ער איז געבליבן אָן הינער.

רעדט דער רבי מיט צער צו זיך און צו דעם פּערמער: „אַ שאָד, אַ שאָד, איך האָב נאָך אַזוי פיל סגולות קעגן דער מגיפה“.

וואָס פאַרשטייט דער ספרדישער רב?

אַ ייִד האָט פאַרזינדיקט מיט אַ שיקסע. איז ער אַוועק צום ספרדישן רב און האָט אויסגעדריקט חרטה אויף זײַן עבירה. דער רב האָט אים געקנסט מיט פופציק שקל פאַר דער שול.

דער ייִד איז אַרויס פונעם רב און האָט ניט געקענט מַשלים זײַן מיט אַזאַ לײַכטן קנס; איז ער אַוועק צום אַשכּנזישן רב. דער אַשכּנזישער רב האָט באַשטראָפט דעם ייִד מיט צוויי טויזנט שקלים לטובת דער שול.

דערציילט דער ייִד וועגן דער לײַכטער שטראָף פון דעם ספרדישן רב. רופט זיך אָן דער אַשכּנזישער רב: „וואָס פאַרשטייט דער ספרדי דעם טעם פון אַ שיקסע?“

ייִדן צווישן גויִים / ייִדישע פרנסות

פֿאַר וואָס זײַנען ייִדן קלוג?

אַ פּויער זעט אַ ייִדן עסן אַ הערינג און ער פֿרעגט אים:

— פֿאַר וואָס זײַנען די ייִדן אַזוי קלוג?

— ווײַל זיי עסן די קעפּ פֿון די הערינג — ענטפֿערט דער ייִד.

בעט דער פּויער בײַם ייִדן ער זאָל אים פֿאַרקויפֿן אַ קאָפּ פֿון אַ הערינג. דער ייִד פֿאַרקויפֿט אים אַ קאָפּ פֿון אַ הערינג פֿאַר צען גראָשן.

נאָך דעם ווי דער פּויער האָט אויפֿגעגעסן דעם קאָפּ, האָט ער געטענהט צום ייִד, אַז ער האָט אים אָפּגענאַרט, ווײַל פֿאַר צען גראָשן קען ער קויפֿן אַ גאַנצן הערינג.

— זעסט — רופֿט זיך אָן דער ייִד — דו האָסט אויפֿגעגעסן נאָר איין קאָפּ און ס׳ווירקט שוין אויפֿן שׂכל.

פֿאַר און פֿײַף!

אַן אונדזעריקן ייִד איז אויסגעקומען צו זײַן אין לאָנדאָן. לויפֿט ער צו צו אַ טאַקסי־שאָפֿער און שרײַט אויס צו אים:

— פֿאָר!

ענטפֿערט דער שאָפֿער:

— נאָ, פֿײַף!

זאָגט דער ייִד:

— ווער פֿאַרברענט, פֿאָר און פֿײַף!

פֿרײַלינס פֿון אַסימילאַטאָרישע משפּחות

אַסימילירטע ייִדן אין פּוילן פֿלעגן אָפּהיטן ייִדישקייט אויפֿן שפּיץ מעסער: דעם סדר פֿון פּסח און די תּקיעות פֿון ראָש־השנה; די תּקיעות פֿלעגן זיי רופֿן „טראָמבקי״.

אײַלט זיך אַן אַסימילירטע פֿרײַלין צו דער שול און ס׳באַגעגנט איר אַ חברטע מיט דער בשורה: „װוזש פּאַ טראַמבקאַך״ (ס׳איז שוין נאָך די תּקיעות). פֿאַרברעכט די פֿרײַלין די הענט: „יעזוס, מאַריאַ!״

אויך אַ ייִד!

אין קופּע פֿון באַן־װאַגאָן זיצט אַ פּױלישע געזעלשאַפֿט און שמועסט. אין װינקל זיצט אַ ייִד פֿאַרטיפֿט אין לייענען אַ צײַטונג.

די טעמע פֿון געשפּרעך: דערפֿינדער, װיסנשאַפֿטלער און װעלט־פּערזענ־לעכקייטן. איינער פֿון זיי דערמאָנט דעם נאָמען קאַרל מאַרקס. רופֿט זיך אָן דער ייִד פֿון זײַן װינקל: „אַ ייִד!״

שמועסן די גױיִם װײַטער און ס׳װערט דערמאָנט דער נאָמען זיגמונד פֿרױד. דער ייִד רוקט אַרויס דעם קאָפּ פֿון צײַטונג: „אַ ייִד!״

ס׳װערן אין גאַנג פֿון שמועס דערמאָנט די נעמען: ד״ר זאַמענהאָף, אַלבערט אײַנשטיין, ד״ר סאַלק און נאָך אַנדערע און בײַ יעדן דערמאָנטן נאָמען רופֿט אויס דער ייִד פֿון זײַן װינקל: „אַ ייִד!״

דאַן ברעכט אויס איינע פֿון די פּאָלקעס מיט אַ פֿאַרצװייפֿלטן אויסגעשריי: „אָ, יעזוס!״

רופֿט זיך אָן דער ייִד: „אויך אַ ייִד!״

קלעפּ מאַדעראַ, קלעפּ מאַלאַגאַ

אַן אַרענדאַר האָט געהאַט אין קעלער אַ פֿאַס מיט ראָזשינקעס־װײַן און עטיקעטן פֿון פֿאַרשיידענע אויסלענדישע װײַנען.

זיצן אין קרעטשמע עטלעכע פּריצים בגילופֿינדיק פֿון דעם בראָנפֿן, װאָס זיי האָבן שוין אַרײַנגעגאָסן. שרײַט אויס איינער פֿון זיי: „מאָשקאָ, דערלאַנג מאַדעראַ!״

שרײַט דער אַרענדאַר אין קעלער אַרײַן: „חאַצקל, קלעפּ מאַדעראַ!״ און דערנאָך, לויט דער פֿאָדערונג פֿון אַ צװייטן פּריץ: „חאַצקל, קלעפּ מאַלאַגאַ!״

בוקי בן־יגלי

אַ זשאַנדאַרם פֿאַרהאַלט צװיי ייִדן אָן פּאַספּאָרטן און פֿרעגט זיי זייערע נעמען. ענטפֿערט איינער פֿון זיי: בוקי בן־יגלי. פֿרעגט דער זשאַנדאַרם: „װאָס איז דאָס פֿאַר אַ נאָמען יגלי?״

קלעפּ מאַלאַגאַ

זאָגט דער ייִד צו זייַן חבר: „מיט בוקי איז ער שוין פֿאַרטיק, ווייסט ער שוין, נאָר יגלי ווייסט ער ניט".

דער ייִד איבערזעצט אויף דייַטש

אין געריכט. אַ דייַטש, פֿון די דייַטשישע קאָלאָניסטן אין וואָלין (פּוילן), ווערט באַשולדיקט אין גנבֿענען אַ פּאָר פֿערד. דער דייַטש פֿאַרשטייט ניט וואָס דער ריכטער רעדט צו אים. דער ריכטער פֿרעגט ווער פֿון פּובליקום וועט זיך אונטערנעמען איבערזעצן דעם דייַטש דעם אינהאַלט פֿון דער באַשולדיקונג.

פֿאַרשטענדלעך, אַז אַ ייִד כאַפּט זיך אַרויס און זאָגט צום דייַטש בזו הלשון: „דער שופט דברט, אַז איר האָט געלקחנט שני סוסים".

דער דייַטש האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין סימנים, אַז ער פֿאַרשטייט עפּעס פֿון אָט דער איבערזעצונג. רופֿט זיך אָן דער ייִד צום ריכטער: „אַזאַ דייַטש איז דאָס, וואָס פֿאַרשטייט ניט אַפֿילו זייַן אייגענע שפּראַך".

ייִדן אין גלות

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַ ייִדישער שרייַבער געשריבן, אַז ווען מ׳זאָל מיט אַ כּישוף־שטעקעלע אַראָפּנעמען פֿון די אַלע פֿראָנטן די גויִישע סאָלדאַטן, וואָלט זיך אַרויסגעוויזן אַ מערקווירדיק בילד, ווי ייִדן קעמפֿן קעגן ייִדן.

אויף דער זעלבער טעמע האָט געשריבן דער פּאָעט שאול טשערניכאָווסקי זייַן באַוווּסטע פּאָעמע „בין המצָרים", ווי צוויי ברידער (ייִדן), פֿון צוויי קעגנערישע אַרמייען האָבן זיך דערקענט, ווען ביידע זייַנען געפֿאַלן טויט פֿון זייערע קוילן.

אַ מנין

לצים דערציילן: אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת אַן איבעררייַס פֿון דער שיסערייַ, איז אַריבער אַ ייִדישער זעלנער די פֿראָנט־ליניע צו דער קעגנערישער אַרמיי און זאָגט צו די יענִיקע ייִדישע זעלנער: „ייִדן, קומט אַריבער צו אונדז ווען מיר זיך שטעלן דאַווענען מיט מנין".

אַ גוי צווישן ייִדן

ווען ס׳איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן דער פּאָליט־ביוראָ אין קרעמל אין

דער ערשטער צײַט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, זײַנען דאַן נאָך געווען טעטיק טראָצקי, קאַמעניעוו, זינאָוויעוו, קאַגאַנאָוויטש און נאָך ייִדן.

דערציילן די לצים:

ווי נאָר ס׳האָט זיך פאַרענדיקט אַ זיצונג פון פּאָליט־ביוראָ, רופט זיך אָן קאַמעניעוו צו זינאָוויעוון: „לאָמיר אַרויסשיקן פון צימער דעם גוי (געמיינט לענינען) וועלן מיר זיך שטעלן דאַווענען מנחה מיט מנין״.

יידן צווישן זיך

וואָס הערט זיך מיטן פּעקל?

זיצן צוויי ייִדן און שמועסן. גיט אָ זאָג איינער פון זיי: „אוי, האָב איך אַ פּעקל צרות", רופט זיך אָן דער אַנדערער: „ס'זייַנען דאָ ייִדן, וואָס האָבן מער ווי איין פּעקל צרות, קום אַרויס אין גאַס וועסטו זיך איבערצייַגן".

זיי גייען אַרויס אין גאַס און איינער פון זיי פאַרהאַלט אַ דורכגייער און פרעגט אים: „וואָס הערט זיך מיטן פּעקל?"

פרעגט דער דורכגייער: „מיט וועלכן פּעקל?"

„זעסטו, ער האָט עטלעכע פּעקלעך".

ניט געמסרט

ייִדן פאַלן אָן אויף איציקן, הלמאַי ער האָט געמסרט זייַן שכן. פאַרענטפערט זיך איציק, אַז ער האָט אים ניט געמסרט, נאָר אַז ער האָט געזען דעם פּריסטאַוו אַדורכגיין, האָט ער אים דערציילט די מעשׂה.

דו הייבסט שוין אָן?

צוויי שכנים, וואָס האָבן זיך געקריגט אַ גאַנץ יאָר, האָבן זיך איבערגעבעטן ערב יום־כּיפּור פאַר כּל־נדרי.

גאַנץ יום־כּיפּור איז געווען יעדער איינער פון זיי פאַרנומען מיט זיך און מיטן דאַווענען.

מוצאי יום־כּיפּור האָט חיים אָפּגעפּאַסט פריִער, איז אַרויס כאַפּן פרישע לופט און איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער פון משהס שטוב, אַרייַנגעקוקט אינעווייניק און אַ זאָג געטאָן: „גוט יאָר, ר' משה".

ענטפערט משה: „חיים, דו הייבסט שוין אָן?"

וואַשט זיך די הענט

אַ באַלעבאָסטע צו איר גאַסט: „וואַשט זיך די הענט, איך גיי אין יאַטקע נאָך פלייש".

אַ וויכּוח

צוויי ייִדן פירן צווישן זיך אַ וויכּוח. איינעם פון זיי האָבן זיך געענדיקט אַלע אַרגומענטן, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם אַנדערן פאַר די הענט און זיי שטאַרק צוגעהאַלטן.

„מי שברך"

אַ ייִד איז עולה לתּורה געווען און, ווי דער מנהג איז, פאַרענדיקט זיך די מיצווה מיט מאַכן אַ „מי שברך", וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ „בעבור שנָדר".

האָט דער ייִד געהייסן מאַכן אַ „מי שברך" אויף פאַר זײַן ווײַב און פאַר אַלע קינדער.

אַ צופרידענער איז דער ייִד אַראָפּ פון דער בינע און זיך אַוועקגעזעצט אויף זײַן פּלאַץ.

רופט זיך אָן זײַן שכן:

— איר האָט געהייסן מאַכן איין „מי שברך" נאָכן צווייטן. אײַער ייִדענע האָט דאָס אַלץ געהערט דאָרט אין דער „עזרת נשים".* אַז איר וועט קומען אַהיים, וועט זי פאַר די אַלע „מי שברכס" אײַך מאַכן איין גרויסן „מי שברך".

רכילות־טרײַבערינס

זיצן עטלעכע ייִדענעס און טרײַבן רכילות. קומט אָן נאָך אַ ייִדענע און פרעגט:

— וועגן וועמען רעדט איר?

— פון דיר האָבן מיר אָנגעהויבן, קענסט זיך שוין צוזעצן.

האָבן די ייִדענעס באַרעדט כּמעט אַלעמען. רופט זיך אָן איינע:

— שוין געענדיקט, ניטאָ מער וועמען צו באַרעדן.

זאָגט אַ צווייטע:

— איר ווייסט וואָס? איך וועל אַוועקגיין, וועט איר שוין האָבן וועמען צו באַרעדן.

---

* עזרת נשים — די ווײַבערשע שול.

אַ וויפּוּחַ צווישן ייִדן

אוי, בין איך געווען דאַרשטיק

פאָרט אַ ייִדענע אין באַן, זיפצט און קרעכצט אָן אויפהער: „אוי, איך בין דאַרשטיק".

אַ פּאַסאַזשיר האָט ניט געקענט פאַרטראָגן איר צער, איז אַדורכגעלאָפן איבער די וואַגאָנען און געפונען פאַר איר עפּעס צום טרינקען.

די ייִדענע האָט זיך אָנגעטרונקען און אָנגעהויבן ווידער צו קרעכצן און זיפצן: „אוי, בין איך געווען דאַרשטיק".

דעם בעקערס פּרנסה

אַ בעקער באַקלאָגט זיך פאַר זײַנע פרײַנד, אַז ער דערלייגט צו זײַן בעקערײַ.

— פון וואַנען זשע נעמט איר פון דעסטוועגן צום לעבן — פרעגן זיי אים.

— פון דער וואָך פּסח, ווען די בעקערײַ איז געשלאָסן — ענטפערט ער.

גזלנים, וואָס האָט איר צו אונדז?!

ייִדן שמועסן וועגן אַנטיסעמיטן. רופט זיך אָן איינער מיט אַ געשריי:

— לאָזט מיר צו צו זיי!

פרעגן אים די ייִדן:

— נו, און אַז מיר וועלן אײַך צולאָזן צו זיי, וואָס וועט איר טאָן?

ענטפערט ער:

— איך וועל זיי זאָגן: גזלנים, וואָס האָט איר צו אונדז?!

ליכט, אָדער לעכט

אַמפּערט זיך אַ ייִד, אַ ליטוואַק, מיט אַ פּוילישן ייִד.

דער ליטוואַק: מ'דאַרף זאָגן „ליכט", והראיה: „בהעלותך את הנרות" — אַז דו וועסט אָנצינדן די ליכט.

דער פּוילישער: ס'שטייט דאָך געשריבן בפירוש: „נר תּמיד" — אַ שטענדיק־לעכט.

מ'דאַרף קענען רעדן

צוויי בחורים פון שטעטל זײַנען מאָביליזירט געוואָרן אין דער גוייִשער אַרמיי. איינער פון זיי איז געווען אַ פּיקאָמש, אַ שטאַמלער.

די צוויי סאָלדאַטן האָבן באַקומען אורלויב אויף פּסח צום סדר און אויף די ערשטע טעג יום־טוב. אָבער, די מאַמעס האָבן איבערצייַגט זייערע זונדעלעך צו בלייַבן אין דער היים ביז איבער גאַנץ יום־טוב.

נאָך יום־טוב קומען די סאָלדאַטן צוריק אין זייער אייַנהייט און ווערן צוגעשטעלט צום ראַפּאָרט פאַרן קאָמאַנדיר.

בעט דער פּיקאַטש זייַן חבר ער זאָל אַרייַן דער ערשטער. גייט אַרויס משה פון קאָמאַנדיר מיט אַ שטראָף. נאָך אים איז אַרייַן דער פּיקאַטש. דער קאָמאַנדיר האָט ניט געהאַט צו אים קיין געדולד און האָט אים אַרויסגעטריבן.

פרעגט משה דעם פּיקאַטש וואָס פאַר אַ שטראָף האָט ער באַקומען. ענטפערט דער פּיקאַטש: „גאָרניט, מ'דאַרף קע־קע־קענען רע־רע־רעדן...״

דער הונט איז אַראָפּ פון דער סוכּה

דו פּיקעוועסט שלעכט?

אַ פּיקאַטש פֿרעגט ביי אַ דורכגייער ווו איז די שולע פֿאַר פּיקאַטשעס. פֿרעגט אים דער דורכגייער: „וואָס, דו פּיקעוועסט שלעכט?״

סוכה, אָדער סיבה

טענהט דער פּוילישער ייִד צום ליטוואַק: „מיט אײַער רעדן מאַכט איר חוזק פֿון זיך אַליין ווען איר זאָגט, אַז דער הונט איז אַראָפּ פֿון דער סוכה״.*

משה האָט זיך געשמדט דער ערשטער

משה און יאָסל האָבן באַשלאָסן זיך שמדן. זײַנען זיי אַוועק צום גלח. האָט יאָסל אַרײַנגעשטופּט משהן ער זאָל זײַן דער ערשטער.

אַז משה איז אַרויס פֿונעם גלח, פֿרעגט אים יאָסל: „נו, משה, ווי אַזוי איז דאָס געגאַנגען?״

ענטפֿערט משה: „ערשטנס הייס איך שוין מאָזעס, און צווייטנס שטייט מיר ניט אָן צו רעדן מיט אַ פֿאַרשיוון זשיד״.

טופּל ניט!

— פֿאַר וואָס נעמסטו צו בײַ מיר מײַן פּרנסה? איך בין דאָך אַ מטופּל מיט קינדער.

— איך האָב דיר געהייסן טופּלען? — טופּל ניט!

אַ ייִדישער גזלן

אַ ייִד איז געבליבן אָן פּרנסה. האָט ער באַשלאָסן ווערן אַ גזלן. באַקלערט און געמאַכט. האָט ער גענומען פֿון שטוב אַ האַק, פֿאַרשטעקט אין גאַרטל פֿון דער קאַפּאָטע און אַוועק אין וואַלד אַרײַן.

איז אָנגעפֿאָרן אַ ייִד פֿון זעלבן שטעטל. דער „גזלן״ האָט אים אָפּגעשטעלט, אַרויסגעצויגן די האַק פֿון גאַרטל און אויסגערופֿן:

— גיב אַהער דײַן געלט, אַניט — הרגע איך דיך!

— האָסט ניט קיין גאָט אין האַרצן — טענהט צו אים דער ייִד — דו ווילסט אומגליקלעך מאַכן אַ ייִדישע פֿרוי מיט קינדער?

---

* סוקע — אַ הינטיכע.

— טאָ, אויב אַזוי — זיפצט אָפּ דער „גזלן״ — גיב זשע אַ שמעק טאַבאַק.

איך האָב אויסגעקאָמבינירט

אין באַן זיצט אַן עלטערער ייִד און אַנטקעגן אים זיצט אַ יונגער עלעגאַנטער מאַן און לייענט אַ ביכל.

דעם ייִד איז לאַנגווייַליק און ער פאַרפירט אַ שמועס מיטן יונגנמאַן:

— וווהין פאָרט אַ יונגערמאַן?

— קיין רעמבערטאָוו.

— פון וואַנען פאָרט אַ יונגערמאַן?

— פון ווין.

— וואָס זשע האָט איר אין דעם ווין געטאָן?

— שטודירט מעדיצין.

— נו, האָט איר געענדיקט לערנען אייַער מעדיצין?

— זיכער! איך בין אַ דיפּלאָמירטער דאָקטאָר מעדיצין.

— טאָ, נאָך וואָס פאָרט איר קיין רעמבערטאָוו?

— באַזוכן משפחה.

— אויב אַזוי, ווי הייסט איר?

— מאַריאַן רודניצקי.

— האָ, זייַט איר מסתמא דעם אַלטן ראָזענבערגס אייניקל?

— יאָ, אָבער פון וואַנען האָט איר געטראָפן?

— אַז איר האָט שטודירט מעדיצין אין ווין, און איר פאָרט קיין רעמבערטאָוו באַזוכן משפחה, און מ׳רופט אייַך מאַריאַן רודניצקי — האָב איך אויסגעקאָמבינירט, אַז איר מוזט זייַן דעם אַלטן ראָזענבערגס אייניקל.

אַ מבֿין אויף שווימען

שטייט אַ ייִד ביי אַ שווים־באַסיין, ווו ס׳קומען פאָר שווים־פאַרמעסטן און רודעוועט מיט די הענט און פיס און מיטן גאַנצן קערפּער, צוגעבנדיק די שווימער קוראַזש.

פרעגט אים אַ צווייטער צושויער: „ר׳ ייִד, איר זייַט אויך אַ שווימער?״ ענטפערט דער ייִד: „קיין שווימער בין איך ניט, אָבער אַ מבֿין אויף שווימען בין איך יאָ״.

דער טשאָלנט

ערב שבת פלעגן באַלעבאָסטעס אין שטעטל אַרײַנשטעלן די טעפּלעך מיטן טשאָלנט אינעם גרויסן אויסגעהייצטן אויוון פון דער שטעטל־בעקערײַ און צו מאָרגנס נאָכן דאַווענען אַרויסנעמען דעם טשאָלנט.

אַ באַלעבאָס פלעגט זיך נוהג זײַן אַראָפּנעמען פאַר זיך די ערשטע וויכטיקסטע פּאָרציע און די רעשט פאַרטיילן דער פרוי מיט די קינדער.

איין שבת עפנט ער אויף דעם צודעק פונעם טעפּל און דערזעט די רײַכקייט פון אַ פרעמדן טשאָלנט — האָט ער געגעבן די ערשטע פּאָרציע דער פרוי און נאָך דעם גענומען פאַר זיך מיט די קינדער.

פרעגט דאָס ווײַב, פאַר וואָס האָט ער געענדערט זײַן מנהג, זאָגט ער: „אָט דער טשאָלנט איז זיכער דעם גבירס. אַז ער האָט אײַנגעזען אונדזער טשאָלנט, האָט ער זיכער אַ שעלט געטאָן: „מיטן ערשטן ביס זאָלן זיי זיך דערוואָרגן"".

ער וואַרט אויפן צווייטן שוך

די דירות פון צוויי שכנים זײַנען אָפּגעטיילט מיט אַ דין ווענטל. איין שכן איז אַן עלטערער מאַן, און דער צווייטער אַ יונגער.

דער יונגער פלעגט קומען פון זײַנע פאַרברענגעכצן גאָר שפּעט, ווען זײַן שכן איז שוין געשלאָפן. דער יונגער הייבט זיך אָן צוגרייטן צום שלאָפן גייט און וואַרפט אַראָפּ זײַנע שיך פון די פיס מיט אַ רעש.

דער אַלטער האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר אים, אַז דער רעש וועקט אים אויף פון זײַן שלאָף און ער קען שוין דערנאָך ניט אײַנשלאָפן.

איין מאָל, ווען דער יונגערמאַן האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם ערשטן שוך, האָט ער זיך דערמאָנט אין זײַן שכנס ביטע און האָט אַראָפּגענומען דעם צווייטן שוך שטילינקערהייט.

דער אַלטער האָט אָנגעקלאַפּט אין וואַנט און געבעטן דעם יונגנמאַן ער זאָל אַראָפּוואַרפן אויך דעם צווייטן שוך, כּדי ער זאָל שוין קענען אײַנשלאָפן.

עצה־געבערס

שטייט אַרעלע ר' און פאַרריכט די טרעפּלעך פון אַרײַנגאַנג אין זײַן קראָם. גייט צו איין שכן פון רעכטס און גיט עצות, ווי אַזוי מאַכן בעסער און דאָס זעלבע טוט אויך זײַן שכן פון לינקס.

רעגט זיך אויף אַרעלע: „נאָך אַ נס, וואָס קינדער מאַכט מען ביי נאַכט, ווען די שכנים שלאָפן און גיבן ניט קיין עצות, ווי אַזוי מאַכן בעסער״.

אָן הענט

אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג גייען צוויי ייִדן אין גאַס און שווייַגן. לסוף, שוין ביים טויער פון איינעמס הויז, רופט זיך איינער אָפּ און פאַרענטפערט זיך: „נו, טאַקע, ווי אַזוי קען מען רעדן? ס׳איז דאָך אַזאַ קרירה, אַז ס׳איז ניט מעגלעך אַ האַנט אַרויסצושטעקן...״

וויַיטער גייט שוין ניט

נאָך גוט, וואָס אין בית־המדרש איז דאָ אַ מזרח־וואַנט. ווען ניט די מזרח־וואַנט, וואָלט אַ ייִד זיך געררוקט אַלץ ווייַטער און ווייַטער צום אויבנאָן, ביז ער וואָלט פאַרקראָכן ערגעץ אין עק וועלט. ביי דער מזרח־וואַנט שטעלט ער זיך אָפּ; ווייַטער גייט שוין ניט.

ווי זאָגט מען דאָס אויף פויליש?

די ייִדישע שפּראַך איז באַוווּסט מיט איר מעגלעכקייט צו אַסימילירן און פאַרייִדישן ווערטער און באַגריפן פון אַנדערע שפּראַכן.

לויפט אַ ייִד אויף נאַלעווקע־גאַס (אין וואַרשע) אין דער ריכטונג צום שטייַערן־אַמט, כּדי מבטל צו מאַכן די צייַטווייַליקע סעקוועסטראַציע אויף זייַנע מעבל און גרייט שוין צו אין מחשבה די טענות פאַרן באַאַמטן.

טרעפט ער זייַנעם אַ באַקאַנטן און שטעלט אים אָפּ:

— זאָלסט מיר געזונט זייַן, איטשע־מאיר, ווי אַזוי וועט זייַן אויף פויליש אַ טימטשאַסאָווע זאַיענציע?

מ׳שאַרפט די מוחות

ישיבה־בחורים פלעגן שאַרפן די מוחות דורך שטעלן פראַגעס און זוכן אויף זיי אַ גוטן ענטפער.

לויפט אַרום אין ישיבה אַ ישיבה־בחור פון איינעם צום צווייטן און שרייט: „איך האָב אַ גוטן תירוץ, גיט מיר אויף אים אַ קשיא״.

אַן אַנדערער: „איך האָב אַ גוטן נמשל, גיט מיר אויף אים אַ משל״.

ידידים צווישן זיך

בעסער פרעג ניט

שמועסן צוויי ידידים. רופט זיך אָן איינער:

— זעסט, דו פרעגסט מיך ניט אַפילו וואָס איך מאַך.

— אוי, טאַקע, וואָס מאַכסטו?

— בעסער פרעג ניט.

מיט דער פוטער אַראָפּ

— אַ פּענעצל ברויט געשמירט מיט פוטער פאַלט שטענדיק מיט דער פוטער אַראָפּ.

— נעכטן איז ביי מיר אַראָפּגעפאַלן מיט דער פוטער אַרויף.

— האָסטו אָנגעשמירט ניט אויף דער ריכטיקער זייט.

גוטער רעטער

איינער האָט אַ גרעפּץ געטאָן. פרעגט אים זיין פריינד: „ווו קויפסטו אַזאַ גוטן רעטעך?"

עטלעכע ווערטער

ידידים האָבן געמוסרט אַ יעקע, וואָס איז שוין אַ סך יאָרן אין לאַנד, און קען נאָך ניט קיין עברית.

פאַרענטפערט זיך דער יעקע, אַז ער קען געציילטע ווערטער, ווי: שלום, תודה, סליחה, בבקשה.

— נו, און קינדער האָט איר? — פרעגן אים די פריינד — זיי קענען עברית?

— יאָ, זיי קענען אַלע ווערטער, אויסער אָט די עטלעכע ווערטער, וואָס איך קען.

צוויי שאַפעס

— ביַי מיר שטייען צוויי ביכער־שאַפעס: איינע אַ פולע מיט ביכער, און די צווייטע אַ ליידיקע.

— ?

— די פולע איז מיט ביכער, וואָס איך האָב געליִען ביַי מיַינע ידידים.

— און די ליידיקע?

— דאָס איז פון ביכער, וואָס איך האָב אַוועקגעליִען מיַינע ידידים.

אַבי מ׳דערקענט זיך

— וואָס מאַכסטו?

— אבי מ׳זעט זיך.

— אַבי מ׳דערקענט זיך.

וואָס מאַכסטו (אַ שמועס צווישן דריַי)

— וואָס מאַכסטו?

— כ׳בין קראַנק און מאַך אונטערזוכונגען. וואָס מאַכסטו?

— איך מאַך זיך ניט וויסנדיק.

— און איך מאַך שוין גאָרניט.

ידידים פון שול־באַנק

באַגעגענען זיך אין גאַס ידידים פון די יוגנט־יאָרן, נאָך פון שול־באַנק, איינער פון זיי אַ דאָקטער.

פאַרקלאָגט זיך איינער פאַר זיַין חבר דעם דאָקטער אויף שטערונגען אין מאָגן. דער דאָקטער נעמט אַרויס זיַין בלאָקנאָט און שטייענדיק שריַיבט ער אים אויס אַ רעצעפּט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום באַקומט ער פון דעם דאָקטער אַ חשבון צו באַצאָלן האָנאָראַר פאַר דעם רעצעפּט.

באַגעגנט ער אין גאַס זיַינעם אַ צווייטן פריַינד, אויך פון די שול־יאָרן, דעם אַדוואָקאַט בערענשטיין און דערציילט אים פון דאָקטאָר רובינשטיינס חוצפּה. זאָגט אים דער אַדוואָקאַט: „גיב אים קדחת״.

אין אַ פּאָר טעג אַרום באַקומט ער אַ חשבון פון דעם אַדוואָקאַט צו באַצאָלן האָנאָראַר פאַר דער יורידישער עצה.

מגן און מאָגן

איך האָב זיך באַקלאָגט פאַר מיַינעם אַ ידיד, אַז איך ליַיד פון מיַין מאָגן. רופט ער זיך אָן: „איך האָב געהערט פון „מגן אַברהם״, „מגן אבות״, „מגן דוד״, * אָבער איך האָב קיין מאָל ניט געהערט וועגן „מאָגן לייבל״.

דער בעל־תּוקע

איז געקומען אַ דאָרפישער ייִד נאָך ראש־השנה אין שטעטל אַריַין צו זיַינעם אַ ידיד און דערציילט אים, אַז היַינטיקן ראש־השנה האָט דאָס ביסל ייִדן פון דאָרף געמאַכט אַ מנין ביַי זיך אין דאָרף.

פרעגט אים אויס דער שטאָטישער ייִד ווער איז געווען בעל־תּפילה, בעל־קורא אאַז״וו. ווען דער דאָרפישער ייִד האָט אָנגערופן דעם נאָמען פונעם ייִד, וואָס האָט געבלאָזן תּקיעות, רופט זיך אָן דער שטאָטישער ייִד: „איך וועל איַיך דערציילן אַ מעשׂה פון ראש־השנה־לאילנות אין וואַלד: דיביימער פון וואַלד האָבן צוזאַמען מיט די חיות באַשלאָסן פראַווען זייער ראש־השנה כּדת וכדין.

האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרטיילן כּיבודים: דער לייב — רב פון די מתפּללים, דער זינגפויגל — בעל תּפילה אאַז״וו.

ווען עמעצער פון דער אַסיפה האָט פאָרגעלייגט דעם ווינט אַלס בעל־תּוקע, האָט דער פוקס פּראָטעסטירט און געזאָגט: „איך האָב נעכטן געזען, ווי דער ווינט האָט פאַרהייבן אַ שיקסע דאָס קליידל״.

* מגן אַברהם און מגן אבות — אין די תּפילות.

גבירים, אָרעמע לײַט, קבצנים

צוויי גבירישע חתונות

אַ לץ גיט איבער אַ באַריכט פון צוויי גבירישע חתונות:

ביי אַ קאַרגן גביר: טיש און בענק פון האָלץ, פיש און פלייש — עין לא ראתה.

בײַ אַ גביר מיט אַ ברייטן פּאַרנעם: הינט האָבן געשלעפּט גאַנצע קעפּ.

שטיקער און שטיקלעך

פאַר וואָס היטן אָפּ אָרעמע לײַט די מיצוות מער ווי די גבירים?

די לצים ענטפערן אויף דער פראַגע: ווען משה רבנו האָט צעבראָכן די לוחות־הברית, זײַנען די ייִדן געלאָפן כאַפּן שטיקלעך צום אָנדענק, אָדער צו אַ סגולה.

די גבירים זײַנען געקומען מיט פערד און וואָגן, האָבן זיי געכאַפּט די גרויסע שטיקער: תגנוב, תחמוד, תנאף.

די אָרעמע לײַט זײַנען געקומען מיט ליידיקע הענט, האָבן זיי געכאַפּט די קליינע שטיקלעך: לא, לא, לא.

מיט אַ פול מויל אײַנגעמאַכטס

זאָגט אַ לץ, אַז אַן אָרעמאַן שטאַרבט מיט אַ פול מויל אײַנגעמאַכטס, ווײַל ווען ער גוססט לויפט אַרײַן איין שכנטע מיט אַ לעפל פּאָווידלע און שפּאַרט עס אים אַרײַן אין מויל; לויפט אַרײַן אַ צווייטע שכנטע און שפּאַרט אים אין מויל נאָך אַ לעפל אײַנגעמאַכטס.

אַן איידעם אויף קעסט

אָרעמע לײַט פלעגן וואַנדערן פון שטעטל צו שטעטל, גיין איבער די הײַזער און, ווען ס'איז אָנגעקומען פרײַטיק צו נאַכטס נאָך קבלת־שבת, פלעגט דער גבאי פון שול פאַרטיילן די אָרעמע לײַט יעדן באַלעבאָס אַן אורח אויף שבת.

גייט אַ באַלעבאָס פון שול און נאָך אים אַן אורח. קומט אַרײַן דער באַלעבאָס אין שטוב מיט אַ הויכן „גוט שבת״ און ער הערט הינטער זיך צוויי שטילע שטימען זאָגן דעם „גוט שבת״.

דרייט ער זיך אויס און פרעגט דעם אורח ווער איז דער צווייטער אָרעמאַן. ענטפערט דער אורח, אַז דאָס איז זײַן איידעם, וועמען ער האָט צוגעזאָגט קעסט.

זקנים און זקנות

מ׳מאַטערט דאָס קינד מיט לשון־קודש

אין דובנא. מיין פרוי פירט אין וועגעלע אונדזער קליין טעכטערל און רעדט צו איר עברית.

אַן אַלטיטשקע ייִדענע שטעלט זיך אָפּ, קוקט אַריַין אין וועגעלע און זאָגט: „אַזאַ פּיצל קינד און מ׳מאַטערט עס שוין מיט לשון־קודש״.

וראשו מגיע השמימה

אַ ייִדענע האָט געגעבן איַינבינדן איר „צאינה וראינה״. דער איַינבינדער האָט פאַרטוישט די קונטרסים פון צוויי פּרשיות: בלעטלעך פון פּרשת „נח״ מיט בעלטלעך פון פּרשת „ויצא״.

לייענט די ייִדענע: „וירא חם את ערוות אָביו״ און איבערמישנדיק אַ בלעטל לייענט זי שוין פון דער פּרשה „ויצא״ וועגן דעם לייטער: „וראשו מגיע השמימה״ — האָט די ייִדענע אויסגעשריִען מיט פאַרוווּנדערונג און פּאַטאָס: „אַר־וואַ!״

די ייִדענע וויינט אויף יצחקס גורל

די ייִדענע לייענט אין איר „צאינה וראינה״, אַז גאָט האָט געהייסן אַברהם אָבינו ער זאָל ברענגען זײַן אײנציקן זון יצחק צו דער עקידה.

די ייִדענע האָט שוין פאַרגעסן, אַז זי האָט געלייענט פאַראיאָרן אין זעלבן „צאינה וראינה״, ווי דער מלאך האָט געראַטעוועט יצחקן פון טויט און זי פאַרגיסט טײַכן טרערן אויף יצחקס גורל און ניט דערזעענדיק שוין דאָס געשריבענע, וויינט זי און לייענט: „און אַברהם האָט געפירט יצחקן צו דער נקבה, אוי, ווי איז צו מיר״.

אַ מצווה אויף אים!

די יידענע האָט געלייענט אין זעלבן „צאינה וראינה״ די פרשה וועגן מכירת יוסף.

די יידענע האָט שטאַרק געוויינט אויף יוספס גורל, ווען זיינע ברידער האָבן געוואָלט אים הרגענען און צום סוף אים פאַרקויפט צו די ישמעאלים.

אין אַ יאָר אַרום לייענט זי ווידער די זעלבע פרשה, און ווען זי איז געקומען ווידער צום טראַגישן מאָמענט, האָט זי זיך אויפגערעגט: „אַ מצווה אויף אים! ער האָט זיך שוין אָפּגעבריט פאַראיאָרן מיט זיינע שיינע ברידערלעך, טאָ וואָס קריכט ער ווידער צו זיי?״

ס׳איז אָנגענעם זיך דערמאָנען

אַ זקנה האָט זיך פאַרקלאָגט אין דער פּאָליציי, אַז מ׳האָט זי פאַרגוואַלדיקט. פרעגט איר דער פּאָליציי־קאָמיסאַר ווען איז דאָס געשען, ענטפערט זי: „מיט פופציק יאָר צוריק״. וווּנדערט זיך דער פּאָליציי־קאָמיסאַר: „זייט איר געקומען איצט זיך פאַרקלאָגן?״ ענטפערט די יידענע: „ס׳איז אָנגענעם זיך דערמאָנען״.

בייס מיך איין

אַ פּאָר אַלטע לייט פייערן זייער גאָלדענע חתונה. די געסט זיינען זיך צעגאַנגען און דאָס אַלטע פאָרפאָלק ליגט אין די בעטן. ער דרימלט שוין נאָכן אַריינכאַפּן עטלעכע כוסות משקה, און זי — פאַרזונקען אין זכרונות.

— געדענקסט מיט פופציק יאָר צוריק נאָך דער חופה?

— איך געדענק — ענטפערט ער שוין אַ פאַרשלאָפענער.

— געדענקסט, ווי דו האָסט זיך צוגעכאַפּט צו מיר און האָסט מיך איינגעביסן?

— איך געדענק, איך געדענק.

— בייס מיך איין אויך איצט.

— דערלאַנג מיר די ציין פון גלאָז.

נאָך פון דעם ערשטן חורבן אָן

אַן אַלטיטשקע איז געגאַנגען און, ניט באַהערשנדיק זיך, האָט זי עפּעס אַרויסגעלאָזט און באַגלייט עס מיט „אוי, אַ חורבן איז מיר״.

זי גייט ווייטער און ווידער דאָס זעלבע און ווידער „אַ חורבן איז מיר״

און אַזוי אויך דאָס דריטע מאָל. דאַן האָט זי באַמערקט, אַז עמעצער גייט הינטער איר.

— שוין לאַנג, ווי איר גייט נאָך מיר? — פרעגט זי.

— נאָך פונעם ערשטן חורבן אָן — ענטפערט דער יונגערמאַן.

אויפשטיין פאַר טאָג צו שפּילן אין קאָרטן

אַן אַלטע ייִדינקע איז אויפגעשטאַנען פאַר טאָג און אַרויס עפענען די לאַדנס. זי האָט באַמערקט, אַז קעגן איבער דער גאַס לײַכט זיך פון די שכנימס פענצטער. איז זי צוגעגאַנגען נענטער, אַרײַנגעקוקט און געזען אַ חברה בחורים זיצן און שפּילן אין קאָרטן.

— רופט זי זיך אָן צו זיך אַליין: „אַ בעלנות פון אַלטע בחורים אויפשטיין פאַר טאָג צו שפּילן אין קאָרטן".

ס'ליגט זיי נאָך אין זינען

אַ זקן איז אַדורך נעבן אַ שול און געזען פירן חתן־כּלה צו דער חופּה. האָט ער זיך אויסגעהוסט, אָפּגעקרעכצט, אָפּגעזיפצט און אַ זאָג געטאָן: „עך, ס'ליגן זיי נאָך אין זינען די נאַרישקייטן".

יעדעס יאָר אַן אייניקל

שמועסן צוויי זקנים. פרעגט איינער:

— און ווי איז מכּוח „יענעם עסק"?

— ניט צום פאַרזינדיקן, יעדעס יאָר אַן אייניקל.

— נו, איז דאָך גוט און וווּיל.

— דער חסרון איז, וואָס מ'דאַרף מיט דעם אָנקומען צו קינדער.

דו פאַרשטייסט דאָך ניט קיין שפּאַס

אַ ייִדענע איז אויסגעקומען אַריבערגיין פון איין ברעג טײַכל צום צווייטן אויף אַ שמאָל ברעטל. פּלוצלינג איז געוואָרן אַ שטורעם און דאָס ברעטל האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען. האָט די ייִדענע געגעבן גלײַך אַ נדר צוויי פונט ליכט פאַר דער שול.

איז טאַקע באַלד שטיל געוואָרן און דאָס ברעטל האָט אויפגעהערט צו שאָקלען זיך. רעדט די ייִדענע צו זיך: „און אַז איך וועל געבן אין שול אַרײַן

דו פֿאַרשטייסט דאָך ניט קײַן שפּאַס

נאָר איין פונט ליכט?״ — איז באַלד געוואָרן ווידער אַ שטורעם, נאָך אַ שטאַרקערער פונעם ערשטן.

רופט זיך אָן די ייִדענע: „אוי, רבונו־של־עולם, דו פאַרשטייסט דאָך ניט קיין שפּאַס״.

פּאַגראַם איז פּאָגראָם!

אַ קלאַנג איז שטעטל, אַז ס׳קומט פאַר אַ פּאָגראָם און פּרויען ווערן פאַרגוואַלדיקט, האָט אויפגערודערט די ייִדישע באַפעלקערונג און אַלע זײַנען געלאָפן זיך באַהאַלטן.

נאָר די אַלטיטשקע באָבע האָט זיך ניט גערירט און איז געבליבן שטיין אין דרויסן בײַ דער שטוב.

אויף די געשרייען פון די בני־בית פון קעלער אַרויס פאַר וואָס זי באַהאַלט זיך ניט, האָט די באָבע געענטפערט:

— פּאָגראָם איז פּאָגראָם!

מיט מײַן רעוומאַטיזם

אַ זקנה איז געקומען צו דער „חברא קדישא״ קויפן אַ קרקע אויף איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר.

ווײַזט איר דער גבאי פון דער „חברא קדישא״ פאַרשיידענע קרקעס מיט פאַרשיידענע פּרײַזן, אָנהייבנדיק פון גאָר טײַערע ביז די ביליקסטע.

פרעגט די זקנה:

— פאַר וואָס איז אָט די קרקע אַזוי ביליק?

ענטפערט דער גבאי:

— ווײַל דערנעבן גייט אַדורך די קאַנאַליזאַציע.

רופט אויס די זקנה:

— אוי, מיט מײַן רעוומאַטיזם!

על חטא...

אַן אַלטער ייִד שטייט יום־כיפור אין שול און דאַוונט מיט גרויס התלהבות. אָבער, ווען ס׳קומט צו די על־חטאס פאַרמאַכט ער דעם מחזור. פרעגט מען אים, פאַר וואָס ער טוט דאָס?

ענטפערט דער זקן: „וואָס פאַר אַן עבירות, מ׳שטיינס געזאָגט, קען איך נאָך אָפּטאָן, חוץ אָנרירן אַ לײַכטער אום שבת?״

דאָקטוירים

— ער איז אַ גוטער דאָקטער?
— ער פאַרשטייט אַ קרענק.

זאָגט אויך

אַ פּאַציענט פאַרקלאָגט זיך פאַרן דאָקטער אויף זײַן שוואַכן „כוח גברא" און גיט צו, אַז זײַן שכן איז עלטער פון אים און זאָגט, אַז בײַ אים איז נאָך אין אָרדענונג.

דער דאָקטער: „ער זאָגט? — זאָגט אויך".

זיבעציק אַפּיקוֹמנס

— דאָקטער, פון וואָס איז מיר געקומען אָט די קרענק?
— פון אויפעסן זיבעציק אַפּיקומנס — ענטפערט דער דאָקטער.

דאָ ברעכט, דאָ שטעכט

אַ ייִדענע צום דאָקטער: „דאָ ברעכט מיר און דאָ שטעכט מיר און דאָ קוועטשט מיר און אַליין פיל איך מיך אויך ניט אַזוי פייגלדיק".

טוישן דעם סערוויז

אַ ייִדענע בײַם דאָקטער:
— אין לעפּעלע נאָגט מיר, די שיסעלעך פון די פּיס ברעכן מיר און די גאָפּעלעך פון די הענט טוען מיר ווײ.
— איך ראָט אײַך — זאָגט דער דאָקטער — טוישן דעם גאַנצן סערוויז.

כאַפּט מיט ביידע הענט

דער דאָקטער פרעגט אויס בײַ אַ פּאַציענטקע אירע פּערסאָנאַליען ביז ער קומט צום עלטער.

— וויפל זײַט איר אַלט?
— איך ווייס, מ׳גיט מיר עטלעכע און פערציק.
— כאַפּט מיט ביידע הענט, ס׳איז אַ מציאה!

ווער פאַרלאָזט זיך אויף איין דאָקטער?

אַ פרוי צו איר מאַן:
— וואָס טרינקסטו אַזוי פיל משקה, אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל? דער דאָקטער האָט דאָך דיר געזאָגט בפירוש, אַז דו מעגסט נעמען נאָר איין גלעזל פאַרן עסן.
— ווער פאַרלאָזט זיך דען אויף איין דאָקטער? — ענטפערט דער מאַן.

זיקנהזע

— אַלע דאָקטוירים שטעלן אויף מײַן קרענק די זעלבע דיאַגנאָזע.
— וועלכע?
— זיקנהזע.

זי דאַרף ניט קיין דאָקטער

אין שטעטל אַרײַן האָט זיך צוריקגעקערט פון אויסלאַנד דעם גבירס זונדל מיט אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם.

האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום גביר שדכנים. אָבער, דער זון האָט ניט געוואָלט פון דעם הערן.

דער פאָטער האָט קוים געפועלט בײַם זונדל, ער זאָל אָנקוקן כאָטש איינע פון די כלות.

נאָכן אָנקוקן זיך פרעגן אים דער שדכן און זײַן פאָטער:
— נו?
— זי איז פולקאָם געזונט — ענטפערט ער — זי דאַרף ניט קיין דאָקטער.

לאַטײַן — אַ טויטע שפּראַך

— פאַר וואָס רעדן צווישן זיך די דאָקטוירים בעת אַ קאָנסיליום אויף לאַטײַן?
— כדי דער חולה זאָל זיך צוגעוויינען צו אַ טויטער שפּראַך.

אַ רפואה צו אַ קאַטאַר

אַ פּאַציִענט צום דאָקטער:

— גיט מיר אַ רפואה צו מײַן קאַטאַר.

דער דאָקטער:

— קעגן אַ קאַטאַר האָבן מיר ניט קיינע מיטלען, ס׳מוז אויסשטיין. דאַקעגן, פאַרשרײַב איך אײַך איין אויסגעפּרוווט מיטל קעגן אַ לונגען־אָנצינדונג.

שופטים און משפטים

פופציק ביז הונדערט און צוואַנציק

אַ ייִד אַלס עדות אין אַ גויִיש געריכט. דער ריכטער פרעגט אים ווי אַלט איז ער. ענטפערט דער ייִד:

— פופציק ביז הונדערט און צוואַנציק.

— דאָס הייסט — זאָגט דער ריכטער — אַז איר זײַט אַלט זיבעציק יאָר.

— ניין — זאָגט דער ייִד.

— איך פאָדער פון אײַך אַ דײַטלעכן ענטפער — כּעסט זיך דער ריכטער.

דער ייִדישער אַדוואָקאַט האָט געפילט, אַז קיין גוטס וועט שוין פון דעם וויכּוח ניט אַרויסקומען און ער בעט בײַם ריכטער אַ דערלויבעניש צו שטעלן דעם עדות אָט די פראַגע.

דער אַדוואָקאַט צום ייִד:

— ביז הונדערט און צוואַנציק וויפל זײַט איר אַלט?

— פופציק — ענטפערט דער ייִד.

דער ריכטער האָט געדאַנקט דעם אַדוואָקאַט פאַרן אַרויסבאַקומען פונעם עדות דעם געוווּנטשטן ענטפער.

אָט, איך דריי זיך

אַ ריכטער פרעגט אַ ייִד וועגן זײַן באַשעפטיקונג.

— אָט, איך דריי זיך — ענטפערט דער ייִד.

דער ריכטער גיט זיך אַ דריי אַרום דעם ייִד און פרעגט:

— אָט, איך דריי זיך אַרום אײַך, קען איך דען האָבן פון דעם פּרנסה?

— לאָזט מיר זיך דרייען אַרום אײַך — זאָגט דער ייִד — וועלן מירביידע האָבן פּרנסה.

מאַמע, שפּיל זיך ניט לאַנג

ס'האָט זיך פאַרלאָפן אין שטעטל אַ מעשׂה, אָדער אַ בילבול צווישן צוויי

שכנטעס. די מוטער פונעם מיידעלע האָט אָנגעקלאָגט אין געריכט די מוטער פונעם יינגעלע, אַז ער האָט פאַרגוואַלדיקט איר טעכטערל.

דעם יינגלס מוטער פאַרטיידיקט זעלבסט דעם ענין. זי כאַפּט אָן דעם דאַרן און קליינעם משהלען, שטעלט אים אַרויף אויף אַ בענקל און וויל באַווייזן דעם ריכטער, אַז אַזאַ קליינער און דאַרער איז אוממעגלעך ער זאָל...

משהלע מישט זיך אַריין און זאָגט צו זיין מוטער שטילערהייט: „מאַמע, שפּיל זיך ניט לאַנג, דו וועסט פאַרשפּילן דעם משפּט".

איידעלע כוונות

אַ מיידל האָט זיך פאַרקלאָגט אין געריכט אויף איר בחור, אַז ער האָט צוגעגנבעט ביי איר אַ בינטל מיט געלט.

דער ריכטער:

— ווו האָט איר געהאַלטן דאָס געלט?

— אין בוזעם.

— האָט איר ניט געפילט, אַז דער בחור שפּאַרט זיין האַנט אין אייער בוזעם? — פרעגט דער ריכטער.

— איך בין געוועזן זיכער — זאָגט דאָס מיידל — אַז ער שפּאַרט זיין האַנט אין מיין בוזעם מיט איידעלע כוונות.

אַט באַלד לויף איך זיצן

שטייט אַ יידענע פאַרן גוייִשן געריכט אַלס אַ באַשולדיקטע אין גנבענען אַ הון.

די יידענע פאַרשטייט ניט גוייִש. דער איבערזעצער איבערזעצט אין ביידע ריכטונגען ווערטערלעך און טרוקן, אָן דער איראָניע פון דער יידענעס רייד:

דער ריכטער: „איר ווערט באַשולדיקט אין גנבענען אַ הון".

די יידענע: „אַוודאי האָב איך געגנבעט אַ הון!"

דער ריכטער: „צו וואָס האָט איר געדאַרפט די הון?"

די יידענע: „אויף כפּרות האָב איך זי געדאַרפט".

דער ריכטער: „איר וועט גיין זיצן אַ חודש תּפיסה".

די יידענע: „איך האָב טאַקע ניט וואָס צו טאָן; אַט באַלד לויף איך זיצן".

קהל און עסקנים

איך מיט מײַן ווײַב

אויף אַן אַסיפה אין שול האָט אַ ייִד געהאַלטן אין איין טענהן און איבער־צײַגן מיט „קהל טענהט" און „קהל זאָגט".

אַז מ'האָט אים אַ פרעג געטאָן, ווער איז דאָס דער קהל, האָט ער געענט־פערט: „איך מיט מײַן ווײַב".

ס'וועט זײַן ווי געווען

אַ ייִד איז געקומען פון אַן אַסיפה, וואָס איז גערופן געוואָרן בנוגע דעם גבאי פון שול, וועמען קהל האָט באַשולדיקט אין גנבענען קהלשע געלטער.

פרעגט אים זײַן ווײַב:

— וואָס האָט מען באַשלאָסן אויף דער אַסיפה?

ענטפערט דער ייִד:

— אַז וואָס ס'איז געווען איז פאַרפאַלן, און ווײַטער וועט זײַן ווי געווען.

די ניט־גערעדטע רעדע

איז געקומען אַ ייִד צום דאָקטער און באַקלאָגט זיך, אַז ס'דריקט אים עפּעס אינעווייניק.

ניט געפינענדיק קיין שום חשד אויף אַ קרענק, פרעגט אים דער דאָקטער, צי ער האָט געהאַט פון עפּעס עגמת־נפש.

דער פאַציענט האָט דערציילט דעם דאָקטער, אַז ער איז געווען אײַנגעלאַדן צו באַגריסן אויף אַן אָפּשייד־אָוונט, און איידער ס'איז אָנגעקומען זײַן ריי צום באַגריסן, האָט דער פאָרזיצער געשלאָסן די רשימה פון די רעדנער.

זאָגט דער דאָקטער צום פאַציענט ער זאָל פאָרלייענען פאַר אים זײַן באַגריסונג.

דער ייִד האָט זיך גענומען צום לייענען. נאָכן פאַרענדיקן רופט זיך אָן

דער דאָקטער: „ניט קיין ווּנדער, וואָס ס'האָט איַיך אַזוי געדריקט, האַלטן אין זיך אַזאַ פּאַסקודסטווע".

געזעלשאַפטלעכע טוער אין גן־עדן

אַ גרויסער צדיק איז נפטר געוואָרן און דער מלאך, דער משגיח אויפן גן־עדן, האָט מקבל פּנים געווען דעם צדיקס נשמה און געמאַכט מיט איר אַ שפּאַציר איבער די פּאַוויליאָנען פון גן־עדן.

אין צווישן האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן ביי אַ ליידיקן פּאַוויליאָן, אָן צדיקים און אויף די מעבל בערג מיט שטויב.

פרעגט דעם צדיקס נשמה פאַר וואָס ס'איז דאָ ליידיק. ענטפערט דער מלאך, אַז אָט דער פּאַוויליאָן איז באַשטימט פאַר די נשמות פון העוסקים בצרכי ציבור באמונה.

גנבים

געבענטשט זאָלן זײַן די הענט,
וואָס נעמען זיך אַליין.

צדקה איז צדקה, און פּרנסה איז פּרנסה

נאָך אַ לוויה פון אַ גנב זײַנען געגאַנגען זײַנע חברים און נאָך גנבים. בײַם אַרײַנגאַנג האָט איין גנב אַרײַנגעוואָרפן אין פּושקע פון אַ קבצן גאָר אַ גרויסע נדבה.

אַרויסגייענדיק פון בית־עולם נאָך דער לוויה האָט איין גנב געמוסרט אָט דעם גרויסן נדבן, הלמאַי ער האָט אָוועקגעגנבעט בײַ דעם זעלבן קבצן זײַן פּושקע מיטן געלט.

פאַרענטפערט זיך דער גנב: „צדקה איז צדקה, און פּרנסה איז פּרנסה".

ציגײַנער אין שטעטל

פלוצלינג האָט זיך באַוויזן אין גאַס אַ ציגײַנער מיט זײַן געשטעל און מכשירים צום שאַרפן מעסערס און שערלעך.

האָבן זיך אַרויסגעלאָזט צו אים ווײַבער און קינדער, ווער מיט אַ מעסער און ווער מיט אַ שערל.

פאַר די קינדער איז דאָס געווען סתם אַן אַטראַקציע צו זען, ווי אַזוי די פונקען פליִען פונעם גרויסן דרייענדיקן זיך שאַרפשטיין; ווער פון זיי האָט געפרוווט אַפילו צורוקן דעם פינגער נענטער צום שאַרפשטיין, כדי זיך איבער־צײַגן, צי די פונקען זײַנען באמת פײַערדיקע.

געוויינלעך, פלעגן די ווײַבער געבן שאַרפן נאָר די פליישיקע מעסערס; ווער, כ'בעט אײַך, וועט גיין אויסגעבן געלט אויף שאַרפן אַ מילכיק מעסער? פלעגט טאַקע אומגיין אין שטעטל אַ ווערטל: „טעמפּ, ווי אַ מילכיקער מעסער".

אין דער צײַט, ווען דער ציגײַנער האָט געטאָן זײַן אַרבעט, האָבן די

ווײַבער, ווי דורך אַ טעלעפאָן, איבערגעגעבן איינע צו דער צווייטער, אַז ציגיינער האָבן זיך באַוויזן און דאָס שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן צוגרייטן צו דעם ציגיינער־באַזוך: אַלע בני־בית האָבן זיך אַרויסגעלאָזט, יעדער איינער אין זײַן הויף אַראָפּצונעמען אַלץ, וואָס ס׳איז געהאַנגען אויף די שטאַכעטן: אַ פּענדל, אַ זאַלץ־ברעטל און אַפילו די שמאַטע פון פאָל, ווײַל די ציגײַנער בראַקעווען ניט, זיי גנבענען אַלץ, וואָס נאָר ס׳לאָזט זיך.

דער גנב זיצט אומשולדיק

אַ גנב איז צוריקגעקומען אַהיים נאָכן אָפּזיצן עטלעכע יאָר אין טורמע און באַמערקט אין וויגעלע אַ צוויי־וואָכיק קינד.

ער האָט זיך געמאַטערט מיט די אויסרעכענונגען, אָבער דער חשבון האָט ניט געשטימט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דאָס קינד געשטאָרבן. זעצט מען זיך שבעה. זײַנען געקומען זײַנע חברים אים מנחם־אָבל זײַן. צווישן איין שמועס מיטן צווייטן רופט זיך אָן דער גנב, דער אָבל, צו זײַנע חברים: „הערט, חברה, איך בין דאָך עפּעס געזעסן פאַר מײַן ביסל חטאים, אָבער אַזוי אומשולדיק, ווי איך זיץ איצט, בין איך נאָך קיין מאָל ניט געזעסן״.

דאָ ווערט מען ניט פאַרפאַלן

אַ מוטער באַזוכט אין טורמע איר זון דעם גנב.

— אוי, מײַן זון, דו וועסט דאָ פאַרפאַלן ווערן.

— ניין, מאַמע! — ענטפערט דער זון — דאָ ווערט מען ניט פאַרפאַלן, מ׳ציילט אונדז דרײַ מאָל אַ טאָג.

אויפן בית־עולם

קומט דאָך דיר אַ „מזל־טוב"

צוויי יעקעס האָבן זיך באַגעגנט אויפן בית־עולם.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעגט איינער.

— איך האָב באַגלייט מײַן פאַרשטאָרבן ווײַב צו אייביקער רו.

— דײַן ווײַב איז דאָך געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק.

— נאָך דעם האָב איך ווידער חתונה געהאַט.

— קומט דאָך דיר אַ „מזל־טוב".

מ׳גייט אַליין

אַ פרוי גייט נאָך דער לוויה פון איר גאָר קליין קינד און רעדט צו איר טעכטערל, ווי צו אַ לעבעדיק נפש און הערט ניט אויף צו רעדן אויך קומענדיק אויפן בית־עולם:

„זע, מײַן קינד, זאָלסט צוגיין צו דער באָבע רבקה און איר זאָגן, זי זאָל זײַן אַ מליץ־יושר פאַר אונדז; און דערנאָך זאָלסטו צוגיין צו דער מומע ברײַנדל און איר זאָגן, אַז אונדזער פּרנסה איז לעצטנס ניט אַזוי גוט; און דערנאָך זאָלסטו צוגיין צו דער מומע שיינצע———

דאָ האָט איר איבערגעריסן דער גבאי פון דער „חברה קדישא": „יידענע, מיט אַזוי פיל שליחותן שיקט מען אַזאַ פּיצל קינד? — מ׳גייט אַליין!"

דײַנע אַלטע שטיק

אַ ייִדענע האָט זיך באַזעצט נעבן איר מאַנס קבר און וויל שוין אָנהייבן אירע טענות ומענות, און דאָ האָט אַ גרעזעלע איר אַ קיצל געגעבן. זאָגט זי: „ס׳ליגן דיר נאָך אין זינען דײַנע אַלטע שטיק?!"

איר ליגט ניט גוט

ערב יום־כּיפּור. אַ ייִדענע האָט געהאַט אַ טעות און האָט זיך צעלייגט

בײַ אַ פרעמדן קבר און וואַרט ביז דער חזן וועט קומען מאַכן דעם „אל מלא רחמים״.

דער חזן איז אָנגעקומען און הייבט אָן מאַכן דעם „אל מלא רחמים״. קומענדיק צום נאָמען פונעם נפטר, שרײַט אויס די ייִדענע:

— חזן, איר מאַכט ניט גוט!

— נײַן, ייִדענקע — ענטפערט דער חזן — איר ליגט ניט גוט!

„עמד"
טיפן, זיטן, מנהגים און ווערטלעך

דאָס חוק׳ל

דאָס פאָלקס־ספר „חוק לישׂראל", וואָס האָט געדינט דעם פשוטן „עמד"־ייִד אַלס קוואַל פון תורה און מוסר, האָט זיך געפונען כמעט אין יעדער שטוב און האָט זיך גערופן אין פאָלקס־מויל „דאָס חוק׳ל".

און היות, דער ייִד פלעגט אַרײַנקוקן גאַנץ אָפט אין אָט דעם חוק"ל, האָבן די ליידיקע, ניט פאַרדרוקטע בלעטלעך זײַנע, אָדער די טאָוולען, געדינט דעם ייִד אויך אַלס „טאָג־בוך"; דאָרט פלעגט ער פאַרשרײַבן זײַנע וויכטיקסטע געשעענישן, ווי למשל, די געבורטס־טעג פון זײַנע קינדער, יאָרצײַטן פון זיינע נאָענטסטע און נאָך וויכטיקע געשעענישן.

און היות, אויף אַ ספר טאָר מען ניט שרײַבן אויף קיין שום שפּראַך, חוץ לשון־קודש, האָט דער ייִד געשריבן בזו הלשון:

אָבי מורי, ר' משה ע"ה, נפטר פרשת „אחרי מות", שנת תר"..... לפ"ק
בני בכורי, ר' אהרן נ"י, נולד פרשת „תולדות", שנת תר"..... לפ"ק
הפרה ברחה, פרשת „תזריע" *

דער שטעטל־קאַלענדאַר

אין שטעטל איז געווען אָנגענומען אַ ספּעציעלער קאַלענדאַר.

דערציילט אַ ייִדענע: „מײַן יאַנקעלע איז געבוירן געוואָרן צוויי יאָר פאַר דער גרויסער שׂריפה, משהלע — דרײַ יאָר נאָך דער קליינער שׂריפה.

אַ פּוד האָבער

די עליה „רביעי" פלעגט מען צוטיילן שבת נאָר די בעלי־מלאכות און סתם „עמך"־לײַט.

---

* די כוונה פון ברחה איז „אַפּגעלאָפן".

איינעם פון אָט די באַעוולטע איז נמאס געוואָרן עולה לתּורה זײַן אַלע זײַנע יאָרן נאָר צו „רביעי".

איין מאָל, ווען ער איז אויפגערופן געוואָרן ווידער צו „רביעי" און דער חזן האָט געמאַכט דעם אָנגענומענעם „מי שברך" און געקומען צום „בעבור שנדר", האָט דער אויפגערופענער געזאָגט „אַ פּוד האָבער".

אַראָפּגייענדיק פון בעלעמער האָבן אים געפרעגט די מתפּללים, פאַר וואָס עפּעס האָבער, האָט ער געענטפערט: „אַז דער גבאי איז אַ פערד, דאַרף מען אים געבן עסן האָבער".

דער בעל־עגלה און דער שמײַסער

דער שמײַסער האָט געוואָלט חתונה האָבן און ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער בעל־עגלה. האָט ער זיך געוואָנדן צו זײַן באַלעבאָס און געבעטן, ער זאָל אים באַצאָלן זײַן שׂכר פאַר די לעצטע פאַר יאָר.

דער בעל־עגלה:

— לאָמיר פּריִער דיך פאַרהערן, צי דו קענסט שוין זײַן אַ בעל־עגלה. דו פאָרסט אין אַ שלאַקס־רעגן מיט אַ פולן וואָגן סחורה און דו פאָרסט אַרײַן אין אַ טיפער בלאָטע.

דער שמײַסער:

— איך לייג צו אַן אַקסל צום וואָגן און גיב אַ צי מיט די לייצעס רעכטס.

— און אַז ס'העלפט ניט?

— לייג איך אַוועק אונטער די פאָדערשטע רעדער פון וואָגן אַ ברעט און צי די לייצעס לינקס.

— און אַז ס'העלפט פאָרט ניט?

— שפּאַן איך אויס די פערד — — —

דאָ רײַסט אים איבער דער בעל־עגלה מיט אַ זאַפטיקער קללה און מיט אַ פּאַטש און שרײַט אויס:

— אין אַזאַ בלאָטע פאָרט מען ניט אַרײַן!

שוין ווידער אַ יאָר

זיצן ערב פּסח אין באָד צוויי ייִדן און קילן זיך אָפּ נאָכן אַרויסגיין פון שוויץ־באָד. גיט איינער אַ זיפץ: „שוין ווידער אַ יאָר".

זי זוכט איר הינדל

אַ יידענע זוכט איר הינדל: „טיו, טיו, טיו! ווײַבער, אפשר האָט איר געזען מײַן הינדל? אַ גוט שבת, אָן אַ ווײדל״.

וואָס איז דאָ אין אַ לעבל ברויט?

בײַ אונדז אין שטוב האָט געאַרבעט אַ דינסט־מיידל. זאָגט צו איר איין מאָל מײַן מוטער: „דבורהל, דו האָסט דאָך אויפגעגעסן צו פרישטיק אַ גאַנצן לעבל ברויט״.

ענטפערט זי: „באַלעבאָסטע, וואָס איז דאָ אין אַ לעבל ברויט? — צוויי אָקרײַטשיקעס מיט אַ מיטל שטיקל״.

מנשה „דאָס״

בײַ אונדז אין שטעטל איז געווען אַ טרעגער, מנשה האָט ער געהייסן, אָבער, מ׳האָט אים ניט גערופן לויט זיין באַשעפטיקונג, נאָר מיטן צונאָמען מנשה „דאָס״, ווײַל זײַן אָרעמע שפּראַך איז באַשטאַנען פון געציילטע ווערטער, אין וועלכע ס׳פלעגן זיך איבערחזרן אָממערסטן די ווערטער „דאָס״ און „יענץ״.

און אַזוי פלעגט ער דערציילן: „נעכטן האָב איך „אָפּגעדאָסט״ דעם „יענץ״ צום „דאָס״. געמיינט האָט ער צו זאָגן דערמיט: נעכטן האָב איך אָפּגעטראָגן דאָס פּעקל צו דער באַן.

היות פון טרעגערײַ האָט ער ניט געהאַט קיין פרנסה, האָט ער זיך צוגע־קליבן נאָך צוויי פרנסות: אַ באַגראַבער אויפן בית־עולם און אַ שמש אין אַ שול. פון די אַלע דרײַ פרנסות איז ער געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס.

אַ סומאַטאָכע אין דער „עזרת־נשים״

פאַר וואָס ברעכט אויס צו כל־נדרי אין דער ווײַבערשער שול אַ מהומה? — די זאָגערקע לייענט: „און דער מלאך פון פײַער״, די צווייטע יידענע דער־הערט ניט און זאָגט: „ביים גלח אין שײַער״, אַ דריטע יידענע, וואָס זיצט נאָך ווײַטער פון דער זאָגערקע זאָגט: „אַ פײַער ביים גלח אין שײַער״ — ווערט אַ מהומה און אַ גערודער און ווײַבער הייבן אָן לויפן פון שול מיט אַ געפילדער: „אַ פײַער ביים גלח אין שײַער, געוואַלד, ראַטעוועט!״

נו־אי־אָ!

אַ ייד וואַשט זיך די הענט צום עסן און אויף דעם געגרייטן טיש פעלט

אַ מעסער און זאַלץ. קען ער ניט מאַכן די ברכה „המוציא״, שרייַט ער צו די בני־בית: „נו־אי־אַ! סכין! מלח!״

„עמך״־ווּנטשן, פאַרגלייַכונגען צו בעלי־מלאכות און זייערע גלייַכווערטלער

די באָבע לאה זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, זאָל שטיין און זיך באַמיִען פאַר אונדז און מלמד זכות זייַן אויף אונדז און אויף כלל ישׂראל.

אַלע שוסטערס גייען באָרוועס.

ווי אויף אַ שוסטערשער חתונה.

ער איז אַ דאַמען־שנייַדער. (ס׳ווערן אים געבוירן נאָר מיידלעך.)

ער איז ניט קיין הינקעדיקער שנייַדער.

ער מאַכט אַ שוסטערשן חשבון.

ער איז אים אָפּגעפאָרן פון אויבן ביז אַראָפּ. (אַ בעל־עגלה)

ס׳ציט אים צו איר, ווי אַ פערד צום האָבער. (אַ בעל־עגלה)

ער באַקט ליגנס. (אַ בעקער)

ער קנעלט מיט אים אַרייַן.(אַ מלמד)

ער האָט אים געמאַכט אַ „מי שברך״ (געשאָלטן). (אַ חזן)

ער האָט אים פאַרזונגען אַ מזמור. (אַ חזן)

וועגן אָפּזאָגן די הויכע „שמונה־עשׂרה״

איך האָב אָפּגעשמיסן אַ „שמונה־עשׂרה״ (אַ בעל־עגלה)

איך האָב אָפּגעפּלעקלט אַ „שמונה־עשׂרה״ (אַ שוסטער)

איך האָב אָפּגעשטעפּט אַ „שמונה־עשׂרה״ (אַ שנייַדער)

איך האָב אָפּגעבאַקן אַ „שמונה־עשׂרה״ (אַ בעקער)

איך האָב אָפּגעמאָלן אַ „שמונה־עשׂרה״ (אַ מילנער)

נעמען און צונעמען

כמה מעלות טובות

אין שטעטל פלעגט מען זיך נוצן זעלטן מיט דעם פאַמיליע־נאָמען. צו אַ גענויער אידענטיפיצירונג פון דער פּערזאָן האָבן געדינט אַנדערע סימנים, ביי־געלייגטע צום פּערזענלעכן נאָמען פונעם ייִד: סתּם אַ צונאָמען, אָדער ער ווערט גערופן לויטן טאַטנס נאָמען, ווי צום ביישפּיל: אַהרון משהס, איציק חיימס אאַז״וו.

אָבער, אויב דאָס ווייַב איז געווען דער „קאָזאַק" אין שטוב, פלעגט מען רופן דעם באַלעבאָס אויף איר נאָמען, ווי צום ביישפּיל: יאַנקל שׂרהס, יחיאל ביילע־וויטלס.

שטייט אַזוי אַזאַ יחיאל ביילע־וויטלס ביים אַריינגאַנג פון זיין קראָם און הערט, ווי זיין ביילע־וויטל שטייט אין אַ רעדל קרעמערקעס און באַקלאָגט זייער קו, וואָס איז ערשט נעכטן אַוועקגעפּגרט און רעכנט אויס אַ לאַנגע רשימה פון אירע מעלות: האָט געגעסן מאָך און בלאָטע, האָט געגעבן אַזוי פיל און אַזוי פיל פולע מעלק־שעפּעלעך מיט מילך אַ מעת־לעת (איצט איז דאָך שוין ניטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר אַן עין־הרע) און זי קראַצט אויס נאָך אַ מעלה און נאָך אַ מעלה.

רופט זיך אָן פון דער וויַיטנס איר מאַן יחיאל:

— ביילע־וויטל, האָסט פאַרגעסן נאָך אַ מעלה: דאָס בלעטל גמרא אויסגע־וויינט.

„שבת־הגדול" און „קורצער פּריַיטיק"

ס׳זיינען געווען שטעטלעך, וועמענס לציִם האָבן זיך אויסגעצייכנט אין געבן צונעמען זייערע ייִדן. דער צונאָמען האָט באַצייכנט אַ גענויע אָפּשפּיגלונג פון דעם מענטשנס אויסזען און כאַראַקטער, אָדער אין אַ פאַרקערטן מיין, וואָס ווערט גערופן „בלשון סגי־נהור".

אַזוי, למשל, פלעגט מען רופן אין שטעטל מיטן צונאָמען „שבת הגדול" אַ גאָר הויכן, אָדער אַ גאָר נידעריקן. אויך מיטן צונאָמען „קורצער פרײַטיק" האָבן די לצים באַערט צוויי מענטשן: אָדער אַ גאָר קליינעם, אָדער אַ גאָר הויכן. און אַז גאָט האָט געהאָלפן און ס'זײַנען אַדורך די גאַס צוזאַמען אַ הויכער מיט אַ קליינעם, האָבן די לצים אָנגעקלייגט מיט אײן שאָס צוויי האָזן און געפרייט זיך: „אָט גייען דער „שבת הגדול" מיטן „קורצן פרײַטיק".

ר' בנימין דער בעל־יועץ

אין אונדזער שטעטל איז געווען אַן אײַנגעפּונדעווטער סוחר. אַז מ'פלעגט קומען צו אים בעטן אַ גמילות־חסד, פלעגט ער אָפּקומען מיט אַן עצה: „קיין גמילות־חסד קען איך דיר ניט געבן, נאָר אַן עצה בײַ וועמען דו קענסט קריגן אַ גמילות־חסד".

האָט מען אים גערופן „ר' בנימין דער בעל־יועץ", אָדער „ר' בנימין דער עצה־געבער". אַז עמעצער פלעגט עצהנען זײַנעם אַ ידיד, פלעגט ער אים איבעררײַסן: „דײַנע עצות דאַרף איך ניט, אויף דעם איז דאָ „ר' בנימין דער עצה־געבער".

מענדל דרייפוס

אין די לעצטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז אָנגעקומען אין שטעטל דאָמבראָוויץ אַ פרישער חתן, וואָס איז געווען זייער ענלעך צו דרייפוסן, קעגן וועמען ס'האָט זיך דאַן געפירט אין פאַריז דער באַוווסטער פּראָצעס.

פאַרשטענדלעך, אַז שוין צומאָרגנס האָט דער חתן זוכה געווען געקרוינט צו ווערן מיטן צונאָמען „דרייפוס".

אַפילו ווען ער איז שפּעטער אַריבער ווױנען אין אונדזער שטעטל, איז דער צונאָמען געגאַנגען צוזאַמען מיט אים ביז דעם לעצטן טאָג פון זײַן לעבן, און אַפילו נאָך דעם.

עם־הארצים

„ביד חזקה"

פרעגט אַן עם־הארץ: „ווי קומט אַ „דבר־אחר" אין דער הגדה?" ענטפערט אים אַ צווייטער עם־הארץ: „ער האָט זיך אַרײַנגעריסן „ביד חזקה" — מיט כּוח.

חד־גדיא

בײַם סדר־טיש איז מען דערגאַנגען בײַם קרעטשמער ביז „חד־גדיא". האָט דעם קרעטשמערס זון פאַרשטרײַקט און ניט געוואָלט זאָגן ווײַטער. פרעגט אים זײַן פאָטער פאַר וואָס, ענטפערט ער: „אַז דו האָסט געקויפט אַ ציגעלע שפּעט בײַ נאַכט אַזוי ביליק, איז דאָס זיכער אַ געגנבעטס".

ר' עליע, מאַכט ניט קיין שאָדנס!

ווען דער שטאָט־גביר האָט בײַם סדר געהאַלטן בײַ „שפוך חמתך" און די טיר איז שוין געווען אָפן פאַר אליהו הנביאס אַנקומען, האָבן חברה־לצים אַרײַנגעשפּאַרט אַ ווײַסע ציג.

די בני־בית, דערשטוינטע, זײַנען געבליבן זיצן מיט אָפענע מײַלער. די ציג, ניט געשטערט דורך קיינעם, איז אַרויף אויפן טיש און אָנגעהויבן עסן, איבערקערנדיק און אַראָפּוואַרפנדיק כּלים פונעם טיש.

דאָ האָט דער גביר זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ זאָג געטאָן צו דער ציג: „ר' עליע, עסט און טרינקט וויפל איר ווילט, אָבער מאַכט ניט קיין שאָדנס".

נפטר־פּיפּטער

מ'האָט אָנגעזאָגט אַן עם־הארץ, אַז זײַן פאָטער איז נפטר געוואָרן. ניט וויסנדיק דעם באַדײַט פון וואָרט „נפטר", האָט דער עם־הארץ געזאָגט: „נפטר־פּיפּטער, אָבער פּרנסה האָט ער?"

ר׳ עליע, מאַכט ניט קיין שאָדנס!

סוף גנב לתּליה

נאָך אַן עם־הארץ, באַקומענדיק אַ ידיעה וועגן זײַן פאָטערס טויט, האָט געוואָלט רעאַגירן מיט אַ ווערטל, אָבער אַנשטאָט „סוף אָדם למות", איז ער אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ צווייטן פּסוק: „סוף גנב לתּליה".

לא יעלה ולא יבוא

שבת מברכים האָט דער שמש פון שול אויסגערופן פון בעלעמער: „יעלה ויבוא". איז אַרויפגעלאָפן אויפן בעלעמער אַ ייִד, וואָס איז געווען ברוגז אויפן גבאי, האָט אַ קלאַפּ געטאָן אויפן טיש און אויסגערופן: „לא יעלה ולא יבוא!" *

שהלך לנקבה

אין דער תּפילה „אל מלא רחמים" שטייט געשריבן: „... את נשמת..., שהלך (לנקבה: שהלכה) לעולמו (לעולמה)".

אַ חזן, אַן עם־הארץ, ניט פאַרשטייענדיק די כּוונה פון דעם געשריבענעם אין די קלאַמערן, האָט, מאַכנדיק אַן „אל מלא רחמים", אָפּגעקלאַפּט אַלץ צוזאַמען: „את נשמת..., שהלך לנקבה, שהלכה לעולמו".

סידור ערגער

אַ בעל־עגלה האָט געהאַט יאָרצײַט. האָט אים דער גבאי פון שול צוגעלאָזן צום „עמוד" אָפּדאַווענען אַ מנחה.

אַז דער בעל־עגלה האָט אָנגעהויבן זאָגן די הויכע „שמונה־עשׂרה", האָט ער געהאַקט גרײַזן ווי אין קרויט אַרײַן. האָט דער גבאי אים אונטערגערוקט אַ סידור.

רעגט זיך אויף דער בעל־עגלה: „נו, אי, אָ, סידור ערגער!"

קוריצאַ צנצנת באַך־באַך!

שטייט אַ ייִד און דאַוונט בײַ זיך אין שטוב און האַלט בײַ די תּפילות צווישן „קריאת־שמע" און „שמונה־עשׂרה", ווען מ'טאָר ניט רעדן אַפילו אויף לשון־קודש, חוץ געציילטע ווערטער.

---

* דעם שבת, ווען מ'בענטשט ראש־חודש, זאָגט מען אין דער „שמונה־עשׂרה" פון מוסף די תּפילה „יעלה ויבוא".

ווען דער ייִד האָט געהאַלטן בײַ סאַמע־סאַמע, איז אַרײַן אין שטוב פֿון הויף אַ הון און איז אַרויף אויפֿן טיש און אָנגעהויבן שפּאַצירן צווישן די גלעזערנע כּלים.

טאָר מען דאָך ניט רעדן און ניט מפסיק זײַן בשעת התּפילה, שרײַט דער ייִד צו די בני־בית אויף כּמעט לשון־קודש: „גו, אי, אָ, קוריצא צנצנת באָך־באָך!" *

מקום קדוש

אַ ייִדענע אויף אַ צווייטער: „אָט די יאַכנע פּאַרמאָגט יענעם מקום קדוש (געמיינט זאָגן „פּה קדוש"), וואָס שיט פּעך און שוועבל".

ווי אַלע כּותל מערביס אויף דער וועלט

איז געווען אין שטאָט ל' אַן עם־הארץ, יואל האָט מען אים גערופֿן, אַ ייִד מיט אַ סך פּרנסה, אָבער ניט אַזאַ אָנשטענדיקע און צניעותדיקע; ער איז געווען אַן אינהאַבער פֿון אַ הײַזל.

אַז די קינדער זײַנען אונטערגעוואַקסן, איז יואל אַוועק צום רבין כאַפּן אַן עצה. האָט אים דער רבי געהייסן טוישן דעם „עסק" אויף אַ מער סאָלידן. האָט יואל פֿאַרקויפֿט דאָס הײַזל און געעפֿנט אַ רעסטאָראַן; איז אים ווידער אַוועק גוט. אין זײַן רעסטאָראַן האָבן געגעסן ייִדישע שרײַבער, שוישפּילער און אַנדערע פֿון דער שטאָט־באַהעמע און געגנט.

חברה קינסטלער האָבן זיך איין מאָל אָנגעזעצט אויף יואלן ער זאָל אַבאָנירן שלום־עליכמס ווערק אין דער ספּעציעלער אויפֿלאַגע. האָט יואל אַ זאָג געטאָן צו זײַן ייִדענע: „זע נאָך, ברײַנע, אין דעם קליענטן־בוך, צי ער עסט בײַ אונדז אָט דער שלום־עליכם, וועל איך שוין קויפֿן זײַנע ביכער".

חברה־לצים האָבן אײַנגערעדט יואלן און אים אַרויסגעשטופּט בכּוח קיין ארץ־ישׂראל אַלס טוריסט.

אַז ער איז צוריקגעקומען, האָבן די חברה זיך צוגעזעצט צו אים און געהאָרעוועט שווער, כּדי אַרויסבאַקומען פֿון אים זײַנע אײַנדרוקן פֿון ארץ־ישׂראל.

— זאָגט אונדז, ר' יואל, דעם כּותל מערבי האָט איר געזען?

* קוריצאַ — אויף גוייִש אַ הון.

— אַוודאי, האָב איך אים געזען.

— ווי אַזוי זעט ער אויס?

— ווי אַלע כותל־מערבים אויף דער וועלט.

— וואָס נאָך האָט איר געזען?

— איך האָב געזען דעם קבר פון דער מוטער — — — (ברײַנע, ווי הייסט די ייִדענע, וואָס טראָגט אונדז מילעך?) יאָ, יאָ, פון דער מוטער רחל.

ייִדענעס רעדן לשון־קודשדיק

ייִדענעס האָבן געהאַלטן פאַר אַ סגולה נאָכמאַכן די מענער, ניט נאָר מיט דאַווענען דרײַ מאָל אַ טאָג, נאָר אויך מיט אַרײַנפלעכטן אין זייערע רייד לשון־קודשדיקע ווערטער.

האָט געהערט אַ ייִדענע די מענער רעדן: „גיי דערצייל אַ סריס דעם טעם פון ביאה״, און, ניט וויסנדיק דעם פירוש פון דעם וואָרט „סריס״, זאָגט די ייִדענע: „גיי, דערצייל שׂרהן דעם טעם פון ביאה״.

אַ המצאה

אַן עם־הארץ, וואָס האָט זיך געוואָלט באַווײַזן מיט זײַנע קענטעניש, האָט געזאָגט, אַז דערפאַר לייגט מען תשעה־באָב תפילין ערשט צו מנחה, כדי מ׳זאָל ניט קענען עסן אַ גאַנצן טאָג; ווער וועט עס נעמען עפּעס אין מויל פאַר תפילין לייגן?

בענקלעך פאַר די מלאָכים

אַן אורח אויף שבת האָט געזען, ווי דער באַלעבאָס שטעלט אַוועק נעבן זיך צוויי ליידיקע בענקלעך.

אויף זײַן פאַרוווּנדערונג האָט דער באַלעבאָס אים אויפגעקלערט, אַז דאָס זײַנען בענקלעך פאַר די צוויי מלאָכים, וואָס באַגלייטן שבת יעדן ייִד.

— פאַר וואָס זשע שטעלט איר ניט צו בענקלעך אויך פאַר מײַנע מלאָכים?

— פרעגט דער אורח.

— איר האָט דאָך געזען — ענטפערט דער באַלעבאָס — אַז איך האָב גיך פאַרמאַכט די טיר... ניטאָ בײַ מיר קיין בענקלעך פאַר אַזוי פיל מלאָכים.

אַ רב און אַ רבי אין דער הגדה

אַן עם־הארץ דערגייט אין דער הגדה ביז די מכות און וווּנדערט זיך:

„מילא, בנים (כינים) איז אַ נישקשהדיקע מכּה, אָבער ווי קומט צווישן די מכּות אַ רב (ערוב) און אַ רבי (אַרבה)?"

הושענות

אין דער שטאָט בריסק, וואָס שטייט ביים טייך בוג אין פוילן, פלעגט מען דרוקן ספרי־קודש.

אין מחזור פאַר הושענא־רבה איז געווען געדרוקט מיט קליינע אותיות אין יידיש אָנווייזונגען פאַרן דאַווענער, ער זאָל וויסן ווען קלאַפּן מיט דער הושענא.

אַנשטאָט „בוג" איז געווען געדרוקט „בוך" (אַזוי פלעגן די יידן רופן דעם טייך). און אַזוי איז געווען געשריבן מיט די קליינע אותיות: מ'נעמט די ערבה, וואָס וואַקסט ביים בוך, מ'נעמט אין האַנט און מ'קלאַפּט אין וואַנט.

אַ ייד, אַן עם־הארץ, האָט עס געלייענט בזו הלשון: „מ'נעמט די ערווה, וואָס וואַקסט ביים בוך, מ'נעמט אין האַנט און מ'קלאַפּט אין וואַנט" און אומר ועושׂה: ער האָט מקיים געווען דעם פּסוק כּכתבו וכלשונו.

גבינה משכּרת

— פאַר וואָס האָסטו זיך אָנגעשיכּורט?

— גבינה משכּרת.

— וואָס מיינסטו זאָגן דערמיט?

— „גבינה" מאַכט בגימטריא „יין".

— ביסטו דאָך אַן עם־הארץ. דאָס וואָרט „סוד" מאַכט בגימטריא „יין", אָבער ניט דאָס וואָרט „גבינה".

— האָב איך טאַקע געוואָלט אויסגלייכן און האָב גענומען נאָך אַ שטיקל קעז, האָט די גימטריא פון „גבינה" איבערגעשטיגן. האָב איך גענומען נאָך אַ גלאָז וויין, האָט ווידער ניט געשטימט די גימטריא, האָב איך גענומען נאָך אַ שטיקל קעז — און אַזוי פון די צוגאָב־שטיקלעך קעז בין איך געוואָרן שיכּור.

משלי — אַ קלוגער ייד

— פון וואַנען נעמסטו דיינע גלייכווערטלעך?

— זיי זענען אַלע פאַראַן אין משלי.

— איז משלי, ווייזט אויס, געווען אַ קלוגער ייד.

מושב־לצים / רכילותניקעס

„...ובמושב־לצים לא ישב"

יידישע נייעס־אַגענטורן

חברה־לצים האָבן דערפונדן צוויי יידישע נייעס־אַגענטורן:

1. ייוו"אָ — יידן ווילן אַזוי.

2. ייר"אָ — יידן רעדן אַזוי.

דער מיין איז אַ פּאַרקערטער

— סוף, סוף זייט איר געקומען! — רופן אויס די גאַסט־געבער. נאָכן פאַרברענגען צוזאַמען, קלייבן זיך די געסט אַוועקגיין. רופן אויס די גאַסט־געבער:

— וואָס, איר גייט שוין אַוועק?

און דער מיין איז אַ פאַרקערטער.

מיט געסט פרייט מען זיך

מיט געסט פרייט מען זיך צוויי מאָל: ווען זיי קומען און ווען זיי גייען אַוועק.

מילא, נאָר ווער ציילט דען?

— עסט נאָך אַ קיכעלע.

— איך האָב שוין געגעסן צוויי.

— מילא, איר האָט שוין געגעסן דווקא פיר, נאָר ווער ציילט דען?

זיך פרייען צוזאַמען מיט אײַך

איינער האָט באַזוכט זיינע ידידים און זיך פאַרהאַלטן ביי זיי גאַנץ שפּעט.

סוף, סוף איז ער אַוועק. אין אַ מינוט אַרום איז ער געקומען צוריק. די גאַסט־געבער, דערשראָקענע, פרעגן אים וואָס איז געשען. ענטפערט דער גאַסט: „ס'איז גאָרניט געשען. אַז איך בין אַרויס, איז זיכער געוואָרן ביי אייך אַ גרויסע שׂמחה, בין איך געקומען זיך פרייען צוזאַמען מיט אייך".

ווּ לייגן די באָרד?

יונגע לצים האָבן געזען אַ ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד און האָבן אים אַ פרעג געטאָן: „זיידע, ווען איר לייגט זיך שלאָפן, ווּ לייגט איר די באָרד: אונטער דער קאָלדרע, אָדער איבער איר?

נאָך אָט דער פראַגע האָט דער ייִד ניט געקענט באַשליסן ווי אַזוי ער זאָל איינלייגן זיין באָרד.

וואָס וועט איר טאָן?

אין אַכסניה פון שטעטל ליגן שוין אַלע געסט אין דעם איין־און־איינציקן גרויסן צימער, יעדער איינער אויף זיין בעטל.

שפּעט אין אָוונט איז אַריין דער נאָר וואָס אָנגעקומענער גאַסט און זוכט אַ קישן צום לייגן זיך שלאָפן, און געפינט ניט.

רופט זיך אָן צו אים איינער פון די געסט:

— נעמט מיין קישן.

פרעגט אים דער גאַסט:

— וואָס זשע וועט איר טאָן?

ענטפערט ער:

— איך וועל געבן אין די ציין.

די לוויה

צו מאָרגנס האָט זיך באַקלאָגט איינער פון די געסט אין אַכסניה, אַז ער איז ניט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט.

האָט מען אים געפרעגט:

— פאַר וואָס?

האָט ער געענטפערט:

— ווייל איך האָב געפונען אין בעט אַ טויטע וואַנץ.

— נו, איז וואָס האָט איך געקענט אַ טויטע וואַנץ שטערן צום שלאָפֿן?
— ריכטיק, אָבער די לוויה נאָך דער טויטער וואַנץ!...

ווען עסט מען קרעפּלעך?

— ווען עסט מען קרעפּלעך?
— ווען מ׳שלאָגט: המנען, כּפּרות, הושענות.

אַ זייגער צי אַ לולב?

זרח צום זייגערמאַכער: „דער זייגער שטייט". דער זייגערמאַכער לייגט צו דעם זייגער צום אויער, גיט אַ שאָקל און זאָגט: „ער גייט". אַזוי חזרט זיך דאָס איבער עטלעכע מאָל.

צום ווייפֿלסטן מאָל רופֿט זיך אָן זרח צום זייגערמאַכער: „איך פֿאַרשטיי ניט, ר׳ האַצקל, וואָס האָב איך געקויפֿט ביי אייך: אַ זייגער צי אַ לולב?!"

חוץ שבתים און ימים־טובים

— וואָס זאָגט זי, אַז זי איז אַלט פֿערציק יאָר?
— נו יאָ, חוץ שבתים און ימים־טובים.

אַז מ׳האָט געדולד

אויף אַן אויפֿנאַמע ביי אַ פֿריינד צו זיין אַכציק־יאָריקן געבורטסטאָג רופֿט זיך אָן אַ חבר: „אַז מ׳האָט געדולד, דערגייט מען צו אַכציק אויך".

גזלן — גזלנים

— וואָס איז דער אונטערשייד פֿון אַ יולדת אין שטאָט און אַ יולדת אין קיבוץ?
— אין שטאָט שרייט די יולדת אין אירע ווייען: „גזלן, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?" און אין קיבוץ: „גזלנים, וואָס האָט איר געהאַט צו מיר?"

לעשׂות נקמה בגויים

חברה־לצים זיינען געקומען מיט טענות צו זייערן אַ חבר, פֿאַר וואָס פֿאַרנעמט ער זיך נאָר מיט שיקסעס.

אַ זייגער, צי אַ לולבֿ?

האָט ער געענטפערט: „ס'איז דאָך דאָ אַ בפירושער פסוק לעשות נקמה בגויים..."

אויך דאָרט גנבעט מען

— רינדער קוילעט מען און פון דעסטוועגן זײַנען זיי דאָ אַ סך און ניט טײַער. פערד קוילעט מען ניט און זיי זײַנען דאָ ווייניקער און פיל טײַערער.

— ווײַל פערד גנבעט מען.

— דאַרפן דאָך זײַן די געגנבעטע פערד דאָרט וווּהין מ'פאַרקויפט זיי.

— אויך דאָרט גנבעט מען.

ער מאַנעוורירט

אַ זיבעציק־יאָריקער זקן, ווען ער פלעגט הערן, אַז ס'איז געשטאָרבן אַ פינף און זיבעציקער, פלעגט ער נאָכן אָפּזאָגן דעם אָנגענומענעם פסוק „ברוך דיין אמת", פאַרענדיקט מיט „קיין ייִנגערע פון אים זאָלן ניט שטאַרבן".

אָבער, אַז ער פלעגט הערן, אַז דער געשטאָרבענער איז געווען אין עלטער פון פינף און זעכציק, פלעגט ער פאַרענדיקן מיט „קיין עלטערע פון אים זאָלן ניט שטאַרבן".

אַלטע שטעקשיך — נײַע שיך

— וואָס איז דער אונטערשייד פון אַ ווײַב, מיט וועלכער דו לעבסט שוין עטלעכע צענדליק יאָר, און אַ יונג ווײַבל ערשט נאָך דער חתונה?

— די ערשטע איז געגליכן צו אַלטע שטעקשיך: יעדע מאָזאָליע האָט איר פלאַץ; אַ יונג ווײַבל איז געגליכן צו נײַע שיך: דאָ קוועטשט, דאָרט דריקט.

קאַפּ־ווייטיק און בויך־ווייטיק

זעט אַ לץ חתן־כלה געפירט צו דער חופה. רופט ער זיך אָן: „נו יאָ, ער איז שוין פאַרזאָרגט אויף זײַן גאַנץ לעבן מיט קאָפּ־ווייטיק, און זי — מיט בויך־ווייטיק".

אַ נאַרישקייט געדענקט זיך

— דו געדענקסט, ווען מיר האָבן חתונה געהאַט, איז———

— נו, יאָ, אַ נאַרישקייט געדענקט זיך.

דער הערשער

איינער האָט פאַרבעטן זײַן זיך חבר צו זיך אויף מיטאָג. אָנקומענדיק צו דער שטוב, גיט דער מכניס־אורח אַ געשריי צו זײַן ווײַב דורכן פענצטער: „גרייט צו וואַרעם וואַסער!"

רופט זיך אָן דער פאַרבעטענער חבר:

— דו געוועלטיקסט אין דײַן שטוב גאָר פײַן.

— וואָס זשע דען האָסטו געמיינט — זאָגט דער מכניס־אורח — איך וועל וואַשן די כּלים מיט קאַלט וואַסער?

חיי־שעה

— איך האָב באַשלאָסן זיך שמדן.

— ?

— אַז ס׳קומט אָן דער דאָנערשטיק און מײַן ווײַב הייבט אָן פאָדערן געלט אויף מאַכן שבת, איז מיר ניט ליב דאָס לעבן.

— אַז דו וועסט זיך שמדן, וועסטו דאָך דאַרפן געבן פרײַטיק אויף מאַכן דעם זונטיק.

— גוט איז חיי־שעה.

דער איבערקלײַבער

— איך עס אַלץ, וואָס מ׳לייגט מיר אָן אין טעלער.

— און איך ניט. איך בין אַן איבערקלײַבער אין עסן. איך עס נאָר מאכלים, וואָס הייבן זיך אָן מיט אַן אַלף: אַ פּאָר קאָטלעטן, אַ קלאָפּס, אַ פלייש אין זויערן, אַ שטיקל געדעמפּט אינדיק־פלייש, אַ געפּעקלטע צונג, אַ טשאָלנט מיט אַ געפילטע קישקע, אַ געבראָטענע קאַטשקע אאַז״וו.

דער קליינער און גרויסער קאָפּ־ווייטיק

דערציילט אַ פרײַנדין, אַז איר מוטער פלעגט לײַדן פון אָפטע קאָפּ־ווייטיקן, וועלכע זײַנען געווען פון צוויי קאַטעגאָריעס: דער קליינער קאָפּ־ווייטיק און דער גרויסער קאָפּ־ווייטיק.

— ווי אַזוי האָט איר געוווסט צו אונטערשיידן צווישן די צוויי קאַטע־גאָריעס?

— אַז די מוטער האָט פאַרבונדן איר קאָפּ מיט אַ קליין טיכל, איז דאָס

געוועזן דער קליינער קאָפּ־ווייטיק. אָבער, אַז די מוטער האָט אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ מיט אַ גרויס האַנטעך באַנעצט מיט עסיק, האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז ס׳געוועלטיקט דער גרויסער קאָפּ־ווייטיק און מ׳דאַרף אַרומגיין אויף די שפּיץ פינגער שטילינקערהייט.

פאַר וואָס קומט ניט משיח ?

די לצים גיבן אויף דער פראַגע זייער ענטפער: די ייִדן אַליין לייגן אָפּ זײַן קומען. אַז ס׳קומט אָן דער יום־טוב פּסח, דאַוונען די ייִדן „לשנה הבאה בירושלים״.

הייבט אָן משיח זיך גרייטן אין וועג אַרײַן. גייט אַדורך אַ האַלב יאָר און די ייִדן פאַרענדיקן זייערע תּפילות פון יום־כּיפּור ווידער מיט „לשנה הבאה בירושלים״. וואַרט שוין משיח ווידער אַ האַלב יאָר. און אַזוי שטופּן אָפּ די ייִדן זײַן קומען פון איין האַלב־יאָר צום צווייטן.

אַ סך קינדער בײַ אָרעמע לײַט

— פאַר וואָס איז בײַ אָרעמע לײַט אַ סך קינדער ?

— אויף דעם האָב איך צוויי ענטפערס:

א) אָרעמע לײַט וווינען אַלע צוזאַמען אין איין צימער, איז ווו דער מאַן גיט זיך אַ דריי, פאַרטשעפּעט ער זיך אין זײַן ווײַב.

ב) ס׳איז דאָ אַ פּסוק: „עני חשוב כּמת״ — פּרוּווט ער זיך אַלע מאָל, צי ער איז טאַקע אַ מת.

לא ממדבר הרים

אַזוי טײַטשן די לצני־הדור אָט דעם פּסוק: „ניט פון רעדן ווערט מען טראַגעדיק״.

איין שלעבט טאַגעלע

איך האָב געאַרבעט אַמאָל אין דובנא. דער סעקרעטאַריאַט פון דער ייִדישער קהילה האָט זיך געפונען אין דעם בנין פון ייִדישן שפּיטאָל.

זיצנדיק בײַם סעקרעטאַר פון דער ייִדישער קהילה, האָב איך דערהערט שאַרפע געשרייען פון אַ פרוי.

אויף מײַן פראַגע האָט געענטפערט דער סעקרעטאַר: „ניט געפערלעך, אַ

יונג ווייַבעלע גייט צו קינד; פאַר אַזוי פיל גוטע נעכטעלעך מעג זי האָבן איין שלעכט טאָגעלע".

איך האָב געפּרוּווט ביידע זאַכן

אויף דעם מאמר אין „ירושלמי": „כל האוכל מצה בערב פסח, כאילו בועל ארוסתו בבית חָמיו" זאָגט אַ לץ: „איך האָב געפּרוּווט ביידע זאַכן — ווייס איך וואָס, ס'איז גאָר קיין פאַרגלייַך ניט".

איך וויל אויך לעבן

אַ ווייַב האָט געשיקט איר מאַן צום דאָקטער. איז געקומען דער מאַן צו גיין מיט אַ מיקסטור און האָט עס אויסגעגאָסן דורכן פענצטער.

פרעגט אים זייַן ווייַב:

— וואָס טוסטו?

ענטפערט ער:

— איך בין געגאַנגען צום דאָקטער און אים באַצאָלט, דער דאָקטער דאַרף לעבן; איך האָב געקויפט די רפואה — דער אַפּטייקער דאַרף לעבן; איך האָב עס אויסגעגאָסן — איך וויל אויך לעבן.

קורצע שמועסן צווישן פרויען

— וואָס מאַכט איר?

— אָט, מ'לעבט.

— מ'ווייסט אַפילו מיט ווער.

— איר שפּילט אין קאָרטן?

— ניין.

— ווער איר האָבן זייער אַן אומעטיקע עלטער.

אַ קורצער שמועס צווישן מענער

— וואָס האָסטו אַזוינס אין איר געפונען?

— געפונען האָב איך טאַקע גאָרניט, אָבער דאָס זוכן אַליין איז אינטערע־סאַנט און אַנגענעם.

אַ היפּשע מטבע

— וויפל האָט איר פאַרדינט ביַי דעם עסק?

— צווישן 98 און 100 דאָלאַר.

— אַ גאַנץ היפּשע מטבע.

— סך־הכּל צוויי דאָלאַר.

חזירים מעלקן זיך ניט

פרעגט אַ ייִד דעם רב פון שטעטל:

— איז די מילך ביַי אונדז אין שטעטל כּשר?

— אַוודאי כּשר — ענטפערט דער רב.

— ווי אַזוי זיַיט איר זיכער? ס׳קען דאָך זיַין אַריַינגעמישט מילך פון חזירים?

— ס׳קען ניט זיַין, וויַיל די היגע חזירים לאָזן זיך ניט מעלקן.

אַ שטאָך און דער ענטפער

אין פּוילן איז געווען באַוווּסט אין די דריַיסיקער יאָרן דער בינע־סאַטיריקער, דער געשמדטער ייִד קרוקאָווסקי.

אויף איינער פון זיַינע בינע־אויפפירונגען איז ער אַרויס מיט אַ שטאָך־ווערטל: „וואָס איז דאָס אַזוינס אַ ציוניסט?" און האָט אַליין געענטפערט: „דאָס איז אַזאַ ייִד, וואָס פאַרן געלט פון אַ צווייטן ייִד שיקט ער אַרויס אַ דריטן ייִד קיין פּאַלעסטינע".

איז גליַיך אויפגעשטאַנען אין זאַל אַ ייִדישער סטודענט און אויסגערופן: „מיַינע דאַמען און הערן! וואָס איז דאָס אַזוינס קרוקאָווסקי?" און האָט אויך אַליין געענטפערט: „דאָס איז אַזאַ געשמדטער ייִד, וואָס פאַרן געלט פון אַ צווייטן ייִד מאַכט ער חוזק פון אַ דריטן ייִד".

די דאָקטאָרין און די לערערין

זאָגט אַ לץ:

— איך פאַרנעם זיך גערנער מיט אַ לערערין, איידער מיט אַ דאָקטאָרין.

— פאַר וואָס?

— וויַיל אַ דאָקטאָרין זאָגט פון געוווינהייט אין איר באַשעפטיקונג: „דער

נעקסטער אין דער ריי". דאַקעגן, אַ לערערין, אויך פון געוווינהייט, זאָגט: „חזר דאָס איבער נאָך אַ מאָל".

זי זוכט אַן אַרכעאָלאָג

אַן אַלטע פאַרזעסענע מויד וויל נאָר אַן אַרכעאָלאָג. פרעגט מען איר, פאַר וואָס דווקא אַן אַרכעאָלאָג. ענטפערט זי, ווײַל ער האָט ליב זיך פאַרנעמען נאָר מיט אַלטע זאַכן.

דאָס לעפעלע האָט זיך אָפּגעזוכט

ווען מ'האָט זיך גענומען פליַיסיק צום רייניקן לכבוד פסח און די בני־בית האָבן געריבן און געשיַיערט דעם הילצערנעם דעק פונעם טיש, האָבן זיי געפונען אונטער דער דיקער שיכט שמוץ פון אַ גאַנץ יאָר דאָס פאַרלוירענע לעפעלע.

זייערע קרבנות

דער לערער צום דאָקטער: „איך בין דיך מקנא. אַז דו קומסט אַרויף אויפן בית־עולם, זעסטו דאָרט גליַיך אַלע דיַינע קרבנות. דאַקעגן, מיַינע קרבנות זיַינען צעזייט און צעשפּרייט אויף דער גאָרער וועלט".

אַ צענטער

אין אַ שטוב פון אַן אָבל האָבן זיך שוין צונויפגעזאַמלט ניַין מתפללים און ס'האָט געפעלט אַ צענטער צו אַ מנין.

איז אַרויס די אַלמנה פאַר דער שטוב און אויסגעקוקט ס'זאָל עמעץ אַדורכגיין ביז ס'איז אַדורך אַ יונגערמאַן און די יידענע האָט אים געפרעגט:

— אפשר ווילט איר זיַין אַ צענטער?

— איך וויל ביַי איַיך ניט זיַין אַפילו דער ערשטער — ענטפערט דער יונגערמאַן.

איך לעק דאָ ניט קיין האָניק

אַ וויַיב האָט געוואָלט וויסן ווי אַזוי פאַרברענגט איר מאַן אין שענק מיט זיַינע חברים.

איז זי אַוועק אין שענק אַריַין. איר מאַן צוזאַמען מיט זיַינע חברים האָבן

זי באַגעגנט מיט אַ געהויבענעם וויוואַט, אָנגעגאָסן איר אַ קופּל ביר און געצוווּנגען אויסצוטרינקען.

זי האָט אָנגעהויבן טרינקען, פאַרקרימט זיך און פאַרכליִנעט זיך. רופט זיך אָן איר מאַן: „און דו האָסט געמיינט, אַז איך לעק דאָ האָניק?"

אָך און ווי צו דײַן געלעכטער

צווישן אַ חברה קאָרטנשפּילער זײַנען געזעסן אויך אַ פּאָטער מיט זײַן זון. אין סאַמע ברען פון שפּיל גיט דער זון אַ פרעג:

— טאַטע, דו האָסט פּיק?

— יאָ — ענטפערט דער פּאָטער.

— טאָ ליגסטו אין דער ערד.

אַלע האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און צוזאַמען מיט זיי אויך דער פּאָטער. רופט זיך אָן דער זון:

— טאַטע, דו לאַכסט? אָך און ווי צו דײַן געלעכטער!

שיכּור ווי לוט

די וועלט זאָגט: „שיכּור ווי לוט".

פרעגן די לצים: פאַר וואָס עפּעס ווי לוט, און ניט ווי נח? נח האָט זיך דאָך אָנגעשיכּורט פיל מיאוסער, אַז זײַן זון האָט געזען זײַן ערווה.

די לצים ענטפערן אַליין אויף זייער פראַגע: „נח האָט געמעגט זיך דער־לויבן שיכּורן, ווײַל ער האָט געהאַט דרײַ זין, אָבער לוט האָט געהאַט צוויי טעכטער צום אויסגעבן, האָט ער ניט געטאָרט שיכּורן".

מײַז און דער שולחן־ערוך

באַקלאָגט זיך אַ ייִד פאַר זײַנעם אַ ידיד, אַז די מײַז מאַכן אים אָן אַ חורבן אין שטוב. ענטפערט אים דער ידיד:

— לייג זיי אונטער אַן אַפּיקומן, און ווער עסט דען נאָכן אַפּיקומן?

פרעגט דער ייִד:

— פון וואַנען ווייסן דען די מײַז אָט די הלכה?

— וואָס רעדסטו — זאָגט דער ידיד — זיי האָבן אויפגעגעסן בײַ מיר אַ גאַנצן שולחן־ערוך".

אַ פּאַטש פאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט

אַ ייִד איז געשטאַנען פּורים אין שול בשעת דעם לייענען די מגילה און יעדעס מאָל, ווען ס'איז דערמאָנט געוואָרן המנס נאָמען, האָט ער אים געשאָלטן מיט די מיאוסטע קללות.

ייִדן האָבן פּראָטעסטירט, וואָס אין אַ מקום קדוש רעדט אַ ייִד מיאוסע רייד. האָט זיך דער שלעכטער פאַרענטפערט: „אַ פּאַטש פאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט".

אַ קאַפּאָטע אָן אַ חסיד

דערציילט אַ לץ אַ שמועס, וואָס ער האָט כּלומרשט געהערט צווישן אַ בעל־עגלה מיט זײַן פערד:

— דו, פערד איינער — טענהט דער בעל־עגלה — וואָס שרעקסטו זיך פאַר אַן אויטאָ? דאָס איז דאָך פּונקט ווי דײַן וואָגן, וואָס דו ציסט.

— ווען דו וואָלסט געזען גיין אַ קאַפּאָטע אָן אַ חסיד — ענטפערט אים דאָס פערד — וואָלסטו זיך ניט געשראָקן?

איר קענט ניט מײַן טאַטן

דער לערער צו הערשעלען:

— איך וועל דיר געבן אַן אויפגאַבע אין חשבון: דײַן טאַטע האָט געליִען בײַ מיר 300 דאָלאַר אויף דרײַ חדשים און זיך פאַרפליכטעט אָפּגעבן יעדן חודש הונדערט דאָלאַר. דעם ערשטן חודש האָט ער מיר אָפּגעגעבן הונדערט דאָלאַר. וויפל וועט ער מיר אָפּגעבן אין די קומענדיקע צוויי חדשים?

הערשעלע:

גאָרניט!

דער לערער:

— קענסטו דאָך ניט קיין חשבון!

הערשעלע:

— און איר קענט ניט מײַן טאַטן!

דאָס חומש זאָל שטאַרבן

צוויי חדר־ייִנגלעך:

— הלוואַי זאָל דער רבי שטאַרבן!

— אַז דער רבי וועט שטאַרבן, וועט דער טאַטע אויפזוכן אַ צווייטן רבי. דו בעט גאָט, אַז דאָס חומש זאָל שטאַרבן!

גיי דו אין חדר אַרײַן!

איז געגאַנגען אַ ייִנגעלע אין חדר אַרײַן און האָט געהאַלטן אין האַנט דאָס פּלעצל, וואָס זײַן מוטער האָט אים געגעבן צו פרישטיק.

האָט זיך אונטערגעגנבעט אַ הונט און אַרויסגעכאַפּט פון זײַן האַנט דאָס פּלעצל. האָט דאָס ייִנגעלע אַ וואָרף געטאָן צום הונט אויף דעם סידור מיטן חומש און וויינענדיק אויסגעשריִען: „טאַ, גיי שוין דו אין חדר אַרײַן!"

דער הונט ווייסט דעם כּלל?

— וואָס האָסטו מורא פאַרן הונט? דו ווייסט ניט דעם כּלל, אַז אַ הונט וואָס בילט, בײַסט ניט?

— איך ווייס דעם כּלל, אָבער איך בין ניט זיכער, צי דער הונט ווייסט עס.

ביליאַרד

— וואָס איז דאָס אַזוינס ביליאַרד?

— שטייען צוויי לצים און האַלטן לאַנגע עצים און קלאַפּן אין די ביצים און ווער ס'טרעפט אין לעכל איז זוכה בגורל.

מצות אויף פּסח

באַגעגנט אַ ייִד זײַן ידיד און זאָגט:

— כ'האָב פאַר דיר אַ נײַעם וויץ: איין ייִד פרעגט דעם אַנדערן — — — רײַסט אים איבער דער ידיד:

— שטענדיק זײַנען דײַנע וויצן וועגן 'אַ ייִד פרעגט אַ צווייטן ייִד'.

— נו, גוט — זאָגט דער ייִד צום ידיד — איין כינעזער טרעפט אַ צווייטן כינעזער און פרעגט אים: „האָסט שוין מצות אויף פּסח?"

זיי זײַנען אײַנגעלייגט

— פאַר וואָס זעט מען דיך ניט לעצטנס?

— איך בין געלעגן אויף אַן אישיאַס.

— און איך אויף אַן אשת־איש.

— זעסטו, דאָס איז שוין מער אָנגענעם, אפשר וואָלטן מיר זיך געטוישט?!


תלמוד-תורה
גיי דו אין חדר אַריין!

וואָס אַ גביר קען ניט

— פאַר וואָס איז אַ גביר מקנא דעם חכם, און ניט דער חכם דעם גביר?

— ווייַל אַ חכם קען נאָך אַ מאָל ווערן אַ גביר, אָבער אַ גביר זאָל ווערן אַ חכם קען ניט געמאָלט זייַן.

זייַן איינציק פאַרמעגן

ער: מייַן איינציק פאַרמעגן איז שׂכל.

זי: נו, מילא, אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנד...

ביטערקייט

ביטערקייט איז ניט קלוגשאַפט. בלויז בהמות האַלטן דעם פוקס פאַר אַ קלוגן.

שחרית, מנחה, מעריב

מ׳האָט אַרייַנגעזעצט אין אַ קאָסמאָס־שיפל אַן ענגלענדער, אַ פראַנצויז און אַ ייִד. נאָך דעם, ווי דאָס קאָסמאָס־שיפל האָט אַרומגערינגלט דעם ערד־קיילעך אַ פּאָר צענדליק מאָל און די פּאַסאַזשירן זענען אויסגעשטיגן, האָבן קאָרעס־פּאָנדענטן זיי באַוואָרפן מיט פראַגעס וועגן זייערע אייַנדרוקן.

דער ענגלענדער און דער פראַנצויז האָבן דערציילט פון וואָס זיי זייַנען געווען באַצויבערט אַממערסטן, נאָר דער ייִד האָט געשוויגן.

אויף דער פראַגע פאַר וואָס ער דערציילט גאָרניט, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט גאָרניט געזען.

— איך האָב ניט געהאַט ווען צו זען עפּעס — האָט ער געזאָגט — ווייַל ס׳האָט זיך געדרייט אַזוי שנעל, אַז ביז איך האָב קוים באַוויזן אָפּדאַווענען שחרית, האָב איך שוין געמוזט זיך שטעלן דאַווענען מנחה און מעריב.

רעלאַטיוויטעט־טעאָריע

דו שטייסט און רעדסט מיט אַ שיינער פרוי אין אַ ווינטער־נאַכט אַ פּאָר שעה — לויפט עס דיר אַדורך ווי אַ פּאָר מינוט.

אָבער, אַז דו וואַרסט אויף אַן אויטאָבוס עטלעכע מינוט — ציט עס זיך ווי עטלעכע שעה.

אַז די שיקסע גייט צום רב, געשיקט דורך איר באַלעבאָסטע, פרעגן אַ שאלה — איז די שיקסע — אַ שיקסע און דער רב — אַ רב.

אָבער, אַז דער רב גייט צו דער שיקסע — איז דער רב קיין רב ניט און די שיקסע קיין שיקסע ניט.

פרעגט אַ ייִד זײַן חבר:

— וואָס איז דאָס אַזוינס אינפלאַציע?

ענטפערט דער חבר מיט אַ משל:

— אַז דו האָסט חתונה געהאַט צוריק מיט יאָרן, האָט דײַן ווײַב געוויגן 50 קילאָ, איצט וועגט זי 80 קילאָ. אַלזאָ: וועגט מער — ווייניקער ווערט.

— עפּעס ציט מיך שוין ניט צו מײַן ווײַב, ווי אין די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה.

— וואָס זשע טוסטו?

— פאָרן גיין שלאָפן דריי איך זיך אַרום דעם טיש אין סאַלאָן און רעד זיך אײַן: ס׳איז ניט מײַן ווײַב, ס׳איז מײַן שכנס ווײַב, ס׳איז מײַן חברס ווײַב.

צוויי אַרעסטאַנטן מאַכן זייער טעגלעכן שפּאַציר אין הויף פון דער תפיסה.

פרעגט איינער זײַן חבר: „וואָס איז דאָס אַזוינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע?"

ענטפערט דער אַנדערער: „איאַ, מיר גייען? — אָבער מיר זיצן".

„אינטעליגענטע" רייד

לצים האָבן געוואָלט רעדן „אינטעליגענטע" רייד, האָבן זיי דאָס געמאַכט אויף זייער שטייגער און פאַרייִדישט אינטערנאַציאָנאַלע באַגריפן.

זאָגט איינער: „מ׳דאַרף זײַן קאָנסעקווענט".

פרעגט דער אַנדערער: „קאָנסעקוואָס?"

זאָגט איינער: „קאָרפּוס דעליקטי".

פרעגט דער אַנדערער: „קאָרפּוס דאָ ליגט עס?"

לצנישע „שאר־ירקות"

— דו וועסט האָבן אין מיך אַ מצווה.

— איך קלײַב ניט קיין מצוות.

— ס׳ברענט מיר אויפן האַרצן.
— איז דיר ליכטיק אין בויך.

— לאָמיר רעדן וועגן פריילעכערע זאַכן.
— ווען איז געשטאָרבן דײַן באָבע ?

— אַז מ׳דערלאַנגט מיר עסן אַ קאָפּ פון אַ פיש, איז ערשטנס וואַרף איך אַרויס די אויגן.
— ?
— איך קען ניט לײַדן, אַז מ׳קוקט מיר אַרײַן אין מויל.

— פון וואַנען ביזטו ?
— ביזט אַליין אַ נאַר.

— אַ שירעם און קאַלאָשן שטאַרבן ניט מיט אַ נאַטירלעכן טויט.
— ?
— אָדער מ׳פאַרגעסט זיי, אָדער מ׳גנבעט זיי צו.

— דאָס הויז שטייט קרום.
— ?
— ס׳וואָלט געווען גלײַכער, ווען דאָס איז מײַנס.

איינער צו זיין הינקעדיקן חבר:
— דו גייסט ?
— איך גיי גלײַך — ענטפערט דער הינקעדיקער.

— מײַן מאַשין, די טראַנטע, איז באַרג אַרויף ניט אויסצוהאַלטן, און באַרג אַראָפּ — ניט אײַנצוהאַלטן.

— אָט דאָס מיידל האָט אַ חסרון.
— ?
— זי דערהערט ניט: אַז מ׳בעט איר זיך זעצן, לייגט זי זיך.

אונדזערע חכמים (חז״ל) האָבן געזאָגט: „אַל תרבה שיחה עם האישה״; גיבן צו די לצני־הדור: „פֿאַרשטענדלעך, וואָס איז דאָ צו רעדן אַ סך מיט איר? — יאָ־יאָ, ניין־ניין״.

— אַז איך וויל מאַכן אַ געשעפֿט, גיי איך פֿריִער זיך איבערלייגן מיט מײַן ווײַב.

— אויב דו ווילסט מאַכן אַ גוט געשעפֿט, פֿרעג אַן עצה בײַ דײַן ווײַב, און טו פּונקט פֿאַרקערט.

— ווען איך וואָלט געווען קלוג מיט פֿינף מינוט פֿריִער, ווי מײַן ווײַב מיט פֿינף מינוט שפּעטער, וואָלט איך געמאַכט די בעסטע געשעפֿטן.

— וואָס פֿאַר אַן אונטערשייד צווישן דעם געזעצלעכן ווײַב און דער געליבטער?

— אַן אונטערשייד פֿון טאָג ביז נאַכט.

— כ׳האָב געגעבן זעליגן אַ הלוואה.

— מעגסט שטעלן אויף דעם צוויי פּייען: פֿאַרפֿאַלן, אָדער פּ.א.ק. — פֿאַרשרײַבן אין קוימען.

איינער מיט אַן „אָבסטרוקציע״ זיצט אין קלאָזעט, און דער אַנדערער מיט אַ „לויפּעניש״ קלאַפּט אים אָן: „לאָז מיך אַרײַן — איך וויל אַרויס!״

— אַ האַלבן פּסח האָט ער שוין. די מצווה פֿון ביעור חמץ האָט ער שוין פֿון לאַנג מקיים געווען.

— ער איז אַ האַלבער גביר: ער איז ש ו י ן אַ חזיר!

— איציקל, דו טרינקסט נאָך אַלץ?
— ניט מער.
— טאַקע?
— אָבער ניט ווייניקער.

— איך קען צוויי שלימזלען:
אַ זייגערמאַכער — אַז ער פאַרריכט אַ זייגער, שטייט ער;
אַ שוחט — אַז ער קוילעט אַ האָן, גייט ער.

— דער בעל־עגלה האָט פאַרקויפט זײַן פערד און וואָגן.
— וואָס זשע וועט ער איצט טאָן?
— סײַדן ער וועט שרײַבן ספרים.

אַ דיקער: וואָס מײַן בויך קאָסט מיר אָפּ, זאָל איך דאָס פאַרמאָגן; וואָס ער איז ווערט — זאָלן דאָס מיינע שונאים פאַרמאָגן".

פאַרקלאָגט זיך איינער פאַר זײַן פרײַנד:
— אוי, האָב איך צרות פון מײַן יורשל: ער קען ניט טרינקען, ניט רויכערן און ניט שפּילן אין קאָרטן.
— איז דאָך זייער גוט — רעאַגירט אויף דעם דער פרײַנד.
— די צרה איז, וואָס ער קען ניט טרינקען, און שיכּורט אָן אויפהער; ער קען ניט רויכערן, און סמאָקעט די סיגאַרעטן איינס נאָך איינס; ער קען ניט שפּילן אין קאָרטן, און פאַרשפּילט געלט אָן אוצר.

— וואָס האָבן די ייִדן געטאָן אין מדבר? — האָט מען געפרעגט אַ חדר־ייִנגל.
— זיי זײַנען געוואָרן אויסגעריסן און פאַרשוואַרצט.

— אַמאָל, אַז אַ ייִד האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין דער פרעמד אויף אַ לענ־גערע צײַט, פלעגט ער מיטנעמען מיט זיך זײַן ווײַב, ווײַל אַ טלית און תּפילין האָט מען געקראָגן אומעטום.
אין אונדזערע צײַטן נעמט דער ייִד מיט זיך בלויז אַ טלית און תּפילין.

— אַלע קינדער זײַנען חכמים.
— טאָ, פון וועמען וואַקסן אויס דערנאָך די נאַראָנים?
— טאַקע פון אָט די קלוגע קינדער, וואָס בלײַבן בײַ זייער קינדערשן שׂכל.

— אין אונדזער שטעטל איז ניטאָ אַפילו אײן דאָקטער אויף אַ רפואה.



דער זייגער שטייט, דער האָן גייט

פאַר וואָס?

— פאַר וואָס האָט מען אים איינגעזעצט?

— מ׳האָט אים געכאַפּט דאַוונענען אין צוויי פּאָר תּפֿילין.

— פאַר וואָס רעדסטו צו זיך אַליין?

— איך האָב ליב רעדן צו אַ קלוגן מענטש.

— פאַר וואָס האָסטו זיך אָנגעשיכּורט?

— איך האָב גענומען אַ גלעזל בראָנפן, בין איך געוואָרן אַן אַנדער מענטש; דער אַנדערער מענטש האָט אויך געוואָלט אַ גלעזל און אַזוי ווײַטער.

— פאַר וואָס זײַנען די תּכריכים אָן קעשענעס?

— כּדי מ׳זאָל ניט מיטנעמען מיט זיך גאָרניט.

פאַר וואָס איז אַ שוך מיט אַ לאָך רינט אַרײַן, און פון אַ טאָפּ מיט אַ לאָך רינט אַרויס?

— פאַר וואָס פאַרמאַכט דער האָן די אויגן ווען ער קרייעט?

— ווײַל ער קען דאָס אויסנווייניק.

— דאָ ווױנט ר׳ אַברהם דער מוהל?

— יאָ.

— טאָ פאַר וואָס איז אויסגעמאָלן אויף דעם שילד פון אײַער שטוב אַ שערל?

— וואָס האָט איר געוואָלט זאָל זײַן אויסגעמאָלן כּדי צו וויסן וועגן מײַן באַשעפטיקונג?

— פאַר וואָס ביסטו אַזוי מאָגער? דו ביסט דאָך הויט מיט ביינער.

— וואָס, איך וועל אָנקלײַבן פאַר די ווערים פלייש מיט פעטס, ביינער זײַנען זיי קראַנק צו גריזשען?

עולים ויורדים

נײַע עולים אין ישׂראל

מ׳פֿאַרשטייט זיך

זיצן צוויי נײַע עולים. גיט איינער אַ זיפֿץ. זאָגט דער אַנדערער: „דו דערציילסט מיר?

אַז דו נעמסט מיך מיט כּוח

אַ נײַער עולה, פֿאַרטראַכט און פֿאַרזאָרגט, איז אַריבער די גאַס אין תּל־אביב אויף רויטן ליכט. שטעלט אים אָפּ אַ פּאָליציסט און פֿאָדערט ער זאָל גיין מיט אים אין דער פּאָליציי־סטאַציע.

— וועמען, מיינסטו, האָסטו דאָ דערווישט, אַ „פֿרײַער״? — כּעסט זיך דער עולה — אָט באַלד לויף איך מיט דיר, איך האָב נאָך ניט קיין דירה.

הייבט אויף דער פּאָליציסט זײַן גומי־שטעקעלע. רעאַגירט אויף דעם דער עולה:

— שרעק מיך ניט. אין דער פּאַרטיזאַנקע האָב איך אַדורכגעמאַכט גרעסערע שרעק.

דער פּאָליציסט:

— איך פֿאַרשווער דיך בײַם געזונט פֿון מײַן ווײַב און קינדער, אַז דו זאָלסט גיין מיט מיר!

דער עולה:

— נו, אַז דו נעמסט מיך מיט כּוח, מוז איך שוין גיין.

גוט אין דער ערד

אַ נײַער עולה לערנט עברית און פֿאַרטײַטשט זיך אַליין:

אני בארץ — איך בין אין דר׳ערד.

טוב בארץ — גוט אין דר׳ערד.

המצב בארץ והיהודים בגולה

צוויי עולים שטייען אין גאַס פאַר אַ מעלדונג. איינער פון זיי אַן „עברית־קענער" נאָך פון די חדר־יאָרן.

פרעגט דער צווייטער עולה:

— וואָס שרײַבן זיי דאָרט?

— זיי שרײַבן — זאָגט דער „עברית־קענער" — אַז ס׳וועט פאָרקומען אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: המצב בארץ — די לאַגע איז אין דר׳ערד, והיהודים בגולה — און די ייִדן זײַנען אין גלות.

אַ יעקע לערנט עברית

אַ יעקע, אַ נײַער עולה, לערנט עברית און קען ניט פאַרדייען, וואָס איין וואָרט, ווי, למשל, תפוח דינט צו עטלעכע באַגריפן.

ער טענהט: „איין עפּפעל — תפוח, איין אַפּפעלסין — תפוח זהב, איין אָפענער פענצטער — איסט חלון תפוח".

יורדים

משונהדיקע מנהגים

אונדזער אַ שטאָטישער איז געווען אין ארץ־ישׂראל, און, קומענדיק צוריק אין שטעטל, האָט ער, כּדי צו באַרעכטיקן זײַן צוריקקער, קריטיקירט צווישן אַנדערע די מנהגים פון די ייִדן דאָרט: „צום עסן גייען זיי אַרויס אויפן גאַס, און צום... גייען זיי אַרײַן אין שטוב".

דער רומענער — דער ייִד

אַ רומענישער ייִד האָט אָפּגעלעבט אין ארץ־ישׂראל אַ ביסל יאָרן און האָט זיך צוריקגעקערט קיין רומעניע.

אין שול האָבן די דאָרטיקע ייִדן אים געפרעגט, פאַר וואָס ער איז געקומען צוריק.

האָט ער געענטפערט:

— אין ארץ־ישׂראל האָט מען מיך גערופן „דער רומענער", און דאָ רופט מען מיך „דער ייִד"; איך וויל שטאַרבן אַ ייִד.

וויצן איבער די סאָוועטן

אונדזערע לצים שמועסן מיט די סאָוועטן

מערב־אוקראַינע, וואָס האָט געהערט ביז 1939 צו פּוילן, איז אָקופּירט געוואָרן דורך די סאָוועטן.

אונדזערע ייִדן האָבן געוווּסט גאַנץ גוט וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד און לצים האָבן פאַרפירט שמועסן מיט די רויט־אַרמייער:

— אַפּפּעלסינען זייַנען בייַ אייַך דאָ?

— יאָ, די פאַבריקן אַרבעטן אויף צוויי שיכטן.

— און עגמת־נפש איז בייַ אייַך דאָ?

— זייער פיל, ס׳וועט סטייַען פאַר אייַך אויך.

אַ דאַנק גאָט

ווי נאָר די סאָוועטן האָבן אָקופּירט אונדזערע געגנטן, האָט אַן אונדזער־ריקער ייִד אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש, אַוועקגעפאָרן קיין קיִעוו און אויפגעזוכט דאָרט זייַן ידיד פון אַמאָליקע יאָרן, מיט וועלכן ער האָט געהאַנדלט נאָך פאַר דער רעוואָלוציע.

זיצן זיי ביידע און שמועסן. פרעגט דער סאָוועטישער ייִד.

— ווי אַזוי איז בייַ אייַך מיטן געזונט, מיט פּרנסה און די קינדער? אויף יעדער פראַגע ענטפערט דער פּוילישער ייִד: „אַ דאַנק גאָט, ניט צום פאַרזינדיקן“.

זאָגט דער סאָוועטישער ייִד, אַז בייַ זיי זאָגט מען ניט „אַ דאַנק גאָט“, נאָר „אַ דאַנק סטאַלינען“.

פרעגט אונדזער ייִד:

— ווי אַזוי וועט איר זאָגן, ווען סטאַלין וועט שטאַרבן?

— דאַן וועלן מיר זעלבסטפאַרשטענדלעך זאָגן „אַ דאַנק גאָט“ — ענטפערט דער סאָוועטישער ייִד.

ווו איז אַהינגעקומען איוואַנאָוו

גלײַך מיטן אָקופּירן מערב־אוקראַיִנע האָבן די סאָוועטן אַראָפּגעשיקט אַגי־טאַטאָרן צו דערציִען די באַפעלקערונג צו אַ נײַעם לעבן לויט דער סאָוועטישער דאָקטרין.

האָט מען צונויפגעזאַמלט פון די דערפער די פויערים אין איין גרויסן דאָרף, כדי אויסצוהערן דעם אַגיטאַטאָרס רייד וועגן דער רעוואָלוציע, וועגן מאַרקס און ענגעלס, לענין און סטאַלין. דער אַגיטאַטאָר האָט אָפּגערעדט אַזוי אַ שיינע פּאָר שעה.

צום סוף לייגט ער פאָר צו שטעלן פראַגעס. פרעגט דער פויער איוואַנאָוו: „פאַר וואָס איז ניט געבליבן קיין זאַלץ?"

דער אַגיטאַטאָר: „זייער אַ וויכטיקע פראַגע. מאָרגן וועט איר באַקומען דעם ענטפער".

אין אַ חודש אַרום איז געקומען ווידער דער זעלבער אַגיטאַטאָר און ווידער די זעלבע טעמע: רעוואָלוציע, מאַרקס, ענגעלס, לענין און סטאַלין. צום סוף ווידער דער זעלבער פאָרשלאָג צו שטעלן פראַגעס.

שטייט אויף אַ פויער און פרעגט: „פאַר וואָס איז ניטאָ קיין זאַלץ ווייסן מיר שוין, אָבער ווו איז אַהינגעקומען איוואַנאָוו?"

„די היסטאָריע פּאַרטיע"

אָקופּירנדיק די מערב־געביטן פון אוקראַיִנע און בעלאָרוסיע, האָבן די סאָוועטן אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען מיט זייער קולטור; דאָס האָט זיך גערופן בײַ זיי: איבערדערציִען די קליינבירגערלעכע געזעלשאַפט; אָנגעהויבן האָבן זיי מיט אַרײַנקנעלן מיט די בירגער די היסטאָריע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

איז געווען אין שטעטל אַ בחור, וואָס אויף יעדן וויכוח, וואָס ער פלעגט פירן און האָט געוואָלט באַווײַזן און איבערצײַגן, אַז דער קוואַל, פון וואַנען זײַן קעגנער שעפּט זײַנע ידיעות, איז ניט קיין זיכערער, פלעגט ער אים אָפּהאַקן מיט אַ פראַגע: „וואָס איז דאָס, די היסטאָריע פּאַרטיע?"

„אַלע גלײַך"

אין שטעטל איז געווען אַ מיידל, אַ קאָמוניסטקע, וואָס איז געווען באַוווּסט ניט לויט איר נאָמען, נאָר לויט איר צונאָמען „די געלע לאַטקע". אָט דאָס

מיידל האָט געהאַט איין פוס אַ קירצערן און האָט אונטערגעהינקט. ווען די סאָוועטן האָבן איינגעאָרדנט דעם 1טן מאַי דעם קאָמוניסטישן פּאַראַד, האָט זי, „די געלע לאַטקע", זיך געפילט אַלס די וויכטיקסטע מחותנתטע און איז געגאַנגען הינקענדיק בראש פון די מאַרשירנדיקע מיט... „אַלע גלײַך!"

יִידן רעדן און זיצן

— וואָס איז דער אונטערשייד פון אַ שמועס בײַ אונדז און בײַ די סאָוועטן?

— דאָ זיצן יִידן און רעדן, דאָרט רעדן יִידן און זיצן.

דאָ קען מען זיך קלאָגן

מ'פרעגט אַ נײַעם עולה פון ראַטן־פאַרבאַנד, ווי אַזוי איז דאָרט מיטן עסן, מיט באַקליידונג אאַז"וו און אויף יעדער פראַגע ענטפערט ער: „מ'קען זיך ניט קלאָגן".

פרעגט מען אים: „טאָ, נאָך וואָס זענט איר געקומען אַהער?"

ענטפערט ער: „ווײַל דאָ קען מען זיך קלאָגן".

וגר זאב עם כבש

אַ יִיד, אַן אַמעריקאַנער טוריסט, האָט באַזוכט דעם מאָסקווער זאָאָלאָגישן גאָרטן, וווּ ער האָט געזען אַ וואָלף מיט אַ שעפּסעלע צוזאַמען אין איין שטײַג.

דער יִיד האָט אַרײַנגעשטעקט דעם אויפזעער אין האַנט אַרײַן אַ פעטע מטבע און אים געפרעגט, ווי אַזוי מאַכן זיי דאָס.

דער אויפזעער קלערט אויף דעם יִידן, אַז במשך פון דעם טאָג האָט ער שוין צום דריטן מאָל געטוישט די שעפּסעלעך.

מ'טאָר ניט עפענען דאָס מויל

— ווי אַזוי רײַסט מען ציין אין רוסלאַנד?

— דורך אַ כירורגישע אָפּעראַציע פון דער יאַסלע.

— פאַר וואָס ניט דורכן מויל?

— ווײַל דאָרט טאָר מער ניט עפענען דאָס מויל.



וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ

גערזאַלצענע ווערטלעך
און געפּעפּערטע וויצן

זאָגן אַ גראָב וואָרט

דער דיריגענט פון ווילנער כאָר האָט אָפּגעדרוקט אַ מעלדונג אין צײַטונג, אַז ער זוכט אַ באַס פאַרן כאָר.

איז געקומען צו אים אַ ייִנגעלע מיט אַ קוויטשיק קול: „איר זוכט אַ באַס?"

זאָגט דער דיריגענט: „קענסטו רעדן גראָב אויך?"

ענטפערט דאָס ייִנגעלע: „קושט מיר אין..."

אַמאָל און הײַנט

דערציילט אַ פרײַנד: „צוריק מיט יאָרן, ווען איך האָב דערציילט אַ וויץ, פלעגט זיך מײַן ווײַב פאַררויטלען; הײַנט אַז מײַן ווײַב דערציילט אירע וויצן, פאַררויטל איך זיך".

אַ שפּיל אין כאַפּערלעך

אַ ייִד האָט באַמערקט, אַז זײַן זון האָט ניט דעם זייגער, וואָס ער האָט באַקומען אַ מתּנה צו זײַן בר־מצווה.

נאָך אַ קורצער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער זון האָט פאַרזעצט דעם זייגער בײַם זייגערמאַכער, כּדי צו היילן זײַן טריפּער.

דער פאָטער, ניט פאַרשטייענדיק קיין סך פון דעם זונס ניט־דערזאָגטע ווערטער, איז אַרײַנגעפאַלן צום זייגערמאַכער מיט אַ ירגזן: „ר' מענדל, וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּיל אין כאַפּערלעך? מײַן איציקל האָט געכאַפּט בײַ אײַך דעם טריפּער, און איר האָט געכאַפּט זײַן זייגער. גיט אים אָפּ זײַן זייגער און נעמט אײַך צוריק אײַער טריפּער".

ורבי יהודה היה נותן בהם סימנים

יהודה, יעקב אָבינוס זון, האָט געגעבן זײַן שנור תמר סימנים: זײַן שטעקן מיטן משפחה־סיגנעט.

פרעגן די לצים: „פאַר וואָס האָט ער איר ניט געגעבן די סימנים, וואָס רבי יהודה פון דער הגדה האָט געגעבן, דצ״ך, עד״ש, באח״ב?" און זיי ענטפערן אַליין: „ווען ער וואָלט איר געגעבן די סימנים פון דער הגדה, וואָלט זי אים געגעבן מכּות".

אַ טענה צום רבונו־של־עולם

— אַ פרוי האָט געטענהט צום רבונו־של־עולם: „פאַר וואָס האָסטו מיר געגעבן אַ קליין פּנים מיט אַזוי פיל קנייטשן, און אַזאַ גרויסן הינטן אָן איין קנייטש אַפילו?"

אַ בכּבודיקער ייִד

— ווער איז אַ בכּבודיקער ייִד?

— וואָס זײַנע ברעמען דערגייען ביז די וואָנצעס, די וואָנצעס ביז דער באָרד, די באָרד ביז דער קילע, די קילע ביז דער ערד.

בת איש כּהן כּי תחל לזנוֹת

אויפן פּסוק „בת איש כּהן כּי תחל לזנוֹת פרעגן די לצים: וואָס פאַר אַ שׂכל שטעקט אין דעם?" און זיי ענטפערן אַליין: „קיין שׂכל שטעקט ניט אין דעם, אָבער אַ שפּיצל שטעקט דאָ יאָ".

דאָרט האָט מען געפּאַרקעט

אַ מוטער צו איר ייִנגעלע: „פּאַרקע ניט אין דער נאָז, דו וועסט האָבן אַ געשוואָלענע נאָז".

דאָס ייִנגעלע האָט באַמערקט אַ שוואַנגערע פרוי אין די הויכע חדשים. ווייזט ער אָן אויף איר בויך און זאָגט: „מאַמע, אוי האָט מען דאָרט געפּאַרקעט".

מ׳קען לעבן, נאָר...

אַ ייִד האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ שיינער פרוי און אָפּזיפצנדיק געמורמלט צו זיך אַליין: „עך, מ׳קען לעבן, נאָר מ׳לאָזט ניט..."

די פרוי, וואָס האָט עס דערהערט, רופט זיך אָן: „פּעטער, ווען מ׳לאָזט איַיך, וואָלט איר געקענט?״

אַ פּועלי־ציוניסטקע

אַ פּועלי־ציוניסטקע איז אַ פרוי, וואָס מ׳קען ביַי איר פּועלן.

שטיל זאָל זיַין, ממזרים!

אין שטעטל איז געווען איַינגעוואָרצלט דער אַבערגלויבן, אַז ווען עמעצער פון די איַינוווינער זינדיקט, ברעכט אויס אַ מגיפה, וואָס פאַראורזאַכט אַ גרויסע שטערבלעכקייט צווישן קינדער.

שטייט דער שטאָט־אַפּיקורס אין שול און כּעסט זיך אויף די קינדער, וואָס רעשן אַזוי שטאַרק בעתן דאַווענען: „שטיל זאָל זיין, ממזרים! — אַז ניט, וועל איך אַוועקגיין צו אַן אשת־איש, וועט איר אַלע אויספּגרן״.

זי איז אַ חוזרת בתשובה

אַ סוחרטע, אַ שטענדיקע פאָרערקע אויף די יאַרידן, האָט געדונגען אַ גוי ער זאָל זי פירן אויפן יאַריד. אויפן וועג האָבן זיי אָפּגעשטיגן אין קרעטשמע און ס׳איז געשען די גרויסע עבירה...

ווי נאָר זיי זיַינען אַריַינגעפאָרן אין שטעטל, האָט די סוחרטע געהייסן דעם גוי פאָרן אַלעמערשטן צום רבין און זי האָט זיך פאַר אים מתוודה געווען אויף איר גרויסן חטא. דער רבי האָט איר געקנסט מיט 50 זלאָטעס, אַ נדבה פאַר אָרעמע לײַט.

די סוחרטע האָט אַוועקגעלייגט פאַרן רבין אויפן טיש אַ הונדערטער. אויף דעם רבינס פאַרוווּנדערונג האָט די סוחרטע אויפגעקלערט: „איך פאָר דאָך מיט דעם זעלבן גוי אויך צוריק אַהיים״.

שמערל פאַרט ניט

קלמן, חאַצקל און שמערל האָבן באַשלאָסן עמיגרירן קיין אויסלאַנד זוכן פּרנסה. מוז מען דאָך ענדערן די נעמען.

זאָגט קלמן: „איך וועל זיך רופן קאָק. זאָגט חאַצקל: „און איך — חאָק. רופט זיך אָן שמערל: „איך פאָר ניט מיט איַיך״...

בײַ אונדז נוצט מען דאָס רויערהייט

איינעם, אַ לץ, איז אויסגעקומען צו זײַן אין אַ שטעטל ווינטערצייט און זען, ווי די קרעמערקעס וויצן איבערן פֿײַער־טאָפּ.

ווענדט ער זיך צו איינער פֿון זיי: „בײַ אײַך פֿרעגלט מען דאָס צו? בײַ אונדז נוצט מען דאָס רויערהייט".

לא תנאף

אַ בכּבודיקער ייִד, אַ משׂכּיל, אַ ליטוואַק, אַ קענער פֿון עבֿרית לויט אַלע כּללים פֿון דקדוק, איז עולה לתּורה געווען פּונקט צו די עשׂרת הדיברות.

דער בעל־קורא, אַ קנאַפּער תּלמיד־חכם, לייגט ניט קיין אַכט אויף די דקדוק־כּללים, האָט געלייענט ניט „לא תנאָף", נאָר „לא תּנאָף".

נאָכן לייענען זאָגט דער ליטוואַק צום בעל־קורא: „טינעף אַהער, טינעף אַהין, דו ווערסט עס מיר ניט פֿאַרמיאוסן".

איך האָב זיך דערמאָנט

אַ מעשׂה מיט אַ צווייטן ייִד, וואָס איז עולה לתּורה געווען אויך צו די עשׂרת הדיברות, און ווען דער בעל־קורא איז געקומען צו „לא תנאף", האָט דער ייִד אינסטינקטיוו אַ זאָג געטאָן צו זיך: „אָ!"

נאָכן לייענען פֿרעגט אים דער בעל־קורא: „וואָס אָ?" ענטפֿערט דער ייִד: „איך האָב זיך דערמאָנט ווו איך האָב פֿאַרגעסן מײַנע קאַלאָשן".

איבערצײַגט

— נעכטן האָב איך אָפּגעראַטעוועט אַ פּרוי פֿון פֿאַרגוואַלדיקט ווערן.

— ווי אַזוי?

— איך האָב זי איבערצײַגט.

שפּראַך־דערשײַנונגען און רעדנסאַרטן

אַלע שפּראַכן רעדט מען —
ייִדיש רעדט זיך.

סינאָנימען אין דער פאָלקס־שפּראַך

ס י נ אָ נ י ם — פּאַר איין און דעם זעלבן באַגריף פאַרשיידענע ווער־טער, אָדער זאַצן.

אויסברענגער

אַ געלעכערטער זאַק . אַ גראָשן וואָרעמט זיך ניט אָן . אָנזעצער . אַ פּאַר־שײַטער קבצן . אַ פרייליעכער קבצן . אָפענע האַנט . אַ פעסל אָן אַ דנאָ . ברייטע האַנט . דער גראָשן צעקריכט צווישן די פינגער . וואָרפט זיך מיט געלט . פאַרזאָרגט ניט דעם מאָרגן . פאַרזאָרגט ניט קיין וועלטן . פאַרשווענ־דער . פוכלער . צעוואָרפער . צעטרענצלער . צעפלעכט דעם גראָשן . צעשאָסטעט דעם גראָשן . שאַרלאַטאַן . שיטערע פינגער.

אויסברענגערײַ

געלט־שמעלט . דער גראָשן איז אַ ממזר . מאַכן פון געלט אַ סך־הכּל . מאַכן פון געלט אַש . מאַכן פון געלט אַ תּל . מאַכן פון געלט בלאָטע . פאַרהוליען . פאַרלעבן . פאַרנאַשן . פאַרנואפן . פאַרפרעסן . פאַרשאַרלאַטאַנעווען.

אויסגעלאַסן

אשת־אישניק . בעל־עבירהניק . בעל־תּאוהניק . הולטײַ . הינער־פרעסער . הפקר־יונג . ווײַבערניק . זינדיקער . יצר־הרעניק . פאַרדאָרבענער . פאַרשײַ־טער . שיקסעניק . זע: פאַרברעכן, פאַרברעכער.

אויסגעלאַסענע פרוי

אַ ברען . אַ זונה . אַ זינדיקע . אַ לויפערקע . אַ נפקא . אַ סחורה וואָס מ׳פרעגט זיך אויף איר . אַ פלאַם־פײַער . אַראָפּ פון גלײַכן וועג . אַראָפּ פון די רעלסן . אַ שטאָט־אתרוג (אַלע בענטשן אויף אים) . אַ שטיק פײַער . ברענט וועלטן . גייט אויף קרומע וועגן . זי איז אַ בתולה אין אויער . זי איז לעבעדיק און

פרײלעך. זיך אויסגעגליטשט. זינדיקט ניט מיט קײן איבעריקער צניעות־דיקײט. טײלט צדקה אויפן מאַנס חשבון. טײלט שירײַם אויפן מאַנס חשבון. יענע כּלי. יענע סחורה. לאָזט זיך ניט לאַנג בעטן. מ׳קען בײַ איר פּועלן.

אויסוואָרף

אומלײַט. אוממענטש. אונטערוועלטניק. אַזעלכע זאָל מען געדיכט זײען, און שיטער זאָלן זײ וואַקסן. אַ שלאַק. באַנדיט. באָרוועסער. געמײנער יונג. הולטײַ. וואָס אין דער קאָרט. וואָס דער ים וואָרפט אַרויס. זינדיקער. זשוליק. חוצפּהניק. טײַערער „קדיש״. יונגאַטש. ימח־שמוניק. כּוליגאַן. כּל־בוניק. מה־יעשׂהניק. מנוול. ניבזהניק. ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט אים. סקאַנדאַליסט. ערגער ווי געשמדט. פּאַסקודניאַק. פּאַסקודסטווע. פּאַראַזיט. פּאַרברעכער. שווינדלער. שײנער תּכשיט.

אומפּריכטיק

אַ וואָרטסמאַן. אמת־זאָגער. אַן אײנפּאַכער. אַן חכמות. אַן פּאַלשקײט. אַן קונצן. אַ פּשוטער. זאָגט דעם אמת אין די אויגן. ערלעך.

אומגלויביק

אויפגעקלערטער. אַפּיקורס. גוי גמור. געכאַפּט אין דער מעשׂה. דינט דער עבודה־זרה. האָט שוין אָפּגעטאָן אַלע עבודה־זרהס. טרעפניאַק. מומר. מחלל־שבתניק. משומד. משומדתטע. פרײַדענקער. צווײפלער. שבת־גוי.

אומדאַנקבאַר

באַצאָלט מיט אַ רעה פאַר אַ טובה. ניט אָנגעלײגט. ניט אָנגעשפּיגן אַפּילו אין האַנט אַרײַן. קרומט ניט איבער דאָס מויל. שאַצט ניט אָפּ.

אומעט, אומעטיק

אויסגעלאָשענע אויגן. אָן מוט. אַראָפּגעלאָזענער קאָפּ. דער הימל בײַ דער ערד. דערשלאָגן. זאָרג. זויערע מינע. טרויער. יסורים. מרה־שחורה. מרה־שחורהדיק. עגמת־נפש. פאַרביטערט. פאַרדאגהט פאַרוואָלקנט. פאַרזאָרגט. פאַרכמאַרעט. פאַרצאַרנט. פאַרקלאָגט. פאַרקרומט. פינצטער אין די אויגן. צוגעקלאַפּט. קאַלעמוטנע אויפן האַרצן.

אומפּעיִק

אומגעלומפּערט . אומגעראָטן . בטלן . גולם . טאַנדעטניק . טויג זיך ניט אויס . לא־יוצלח . ליימענע הענט . לעמעך . פּאַרטאַטש . צוויי לינקע הענט . קאַליקע . שלימזל. זע: טויגעניכטס, שלימזל.

אונטערצינדן

אָוועקלאָזן מיטן פֿײַער . מאַכן „בורא מאורי האש".

איבערקויפֿן

אונטערוואַרפֿן אַ ביינדל . צוּוואַרפֿן אַ ביינדל . אונטערשמירן . אָנשפּײַען אין האַנט אַרײַן . אַרײַנשטעקן אין האַנט אַרײַן . כאַבאַר . לא־יחרץ געלט . פֿאַרחרשן . פֿאַרשטופּן דאָס מויל . פֿאַרשמירן . שוחד . שווײַג־געלט.

אײַנגערעדטקייט

גדלות . האַלטן פֿאַרריסן די נאָז . האַלטן פֿאַרריסן דעם קאָפּ . זיך האַלטן גרויס . זעלבסטצופֿרידנקייט . משה גרויס . פּאַטשן זיך אין בײַכל. זע: אָנשטעל־מאַכער, באַרימער, בעל־גאווה.

אַלטער, אַלטקייט

אײַנגעבויגן אין דרײַען . אַלטוואַרג . אַלטע זאַכן . אַלטע טראַנטע . אַלטע שמאַטע . אַלטער ק׳ . אַלטער שטורמאַק . אַלטער תּרח . אָפּגעלעבט . אָפּגע־פּאַרן . ווײַס ווי אַ טויב . ווײַס ווי שניי . זקן . זקנה . זיקנה . מיט איין פֿוס אין קבר . עובֿר בטל . ער איז שוין נאָכן יאַריד . ער פֿאַרט שוין פֿון יאַריד . ער איז פֿון מתושלחס צײַטן . צעבראָכענער שאַרבן . צעקנייטשטער . קוים וואָס ער שלעפּט די פֿיס . שבֿרי־כּלי. זע: אריכות־ימים.

אָנזעצן

אַ מחק . אָנפּײַפֿן . אַ קראַך . אַרויסשטעלן אַ פֿײַג . באַנקראָטירן . זאָגן „ישקני" . מאַכן „ויברח" . מאַכן פּליטה . פֿאַרשרײַבן עס אין קוימען . קיין מאָל ניט לייקענען און קיין מאָל ניט אָפּגעבן.

אַנטלויפֿן

אָוועקגיין אָן אַ „זײַגעזונט" . אויסגעטריקנט ווערן . אָפּציִען . אַרויסכאַפּן זיך

ווי פון אַ גיהנום · מאַכן „והילד איננו״ · מאַכן „ויברח״ · מאַכן פיס · מאַכן „פליטה״ · ניט בלײַבן · נעלם ווערן · נעמען די פיס אויף די פלייצעס · פאַרשווונדן ווערן · שטעלן פיס. זע לויפן.

אָנפירער

האַלט די לייצעס אין די הענט · האַלט די פען אין האַנט · וואָרטזאָגער · זיצט בײַ דער שיסל · טאָנגעבער · מאַכער · מנהיג · ערשטע פידל · קאָכלעפל · קנאַקער · ראש־המדברים · ראש־הקהל · רעדל־פירער · תּקיף.

אָנשטעל־מאַכער

אַ גאַנצער „יאַ טיעבע דאַם״ · אַ גאַנצער פלאָקן־שיסער · אַ גאַנצער קנאַקער · מאַך פאַר אים אַ וואַרע · משה גרויס · פאַרקנעפּלט ביז אַרויף · פאַרשפּילעט ביז אַרויף. זע: אײַנגערעדקייט, באַרימער, בעל־גאווה.

אָפּגעבן כּבוד

אָוועקזעצן אויבן אָן · אַוועקזעצן אויף דער מזרח־וואַנט.

אָפּגעריסן

אַ הוילעך · אַ לאַטע אויף אַ לאַטע · אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן · אַ שלעפּער · אַ שמאַראַוואָזניק.

אָפּלאַכערס

חבֿרה־טראַסק · חבֿרה־לצים · חוזק־ און שפּאָט־מאַכערס · מאַכן פון יענעם חוכא וטלולא. זע: וויצלער.

אָפּשפּרעכן

„אָפּברענען אַ רויז״ · אָפּשפּרעכן אַ „בייז־אויג״ · אָפּשפּרעכן אַ „גוט־אויג״ · אָפּשפּרעכן אַן „עין־הרע״.

אַרויסטרײַבן

אַרויסטרײַבן · אַרויסיאָגן · אַרויסקערן · אַרויסרוקן · אַרויסשאַרן · אַרויסשטויסן · אַרויסשטופּן · אַרויסשטעלן · אַרויסשיקן · אַרויסשמיצן · אַרויסשמײַסן · אַרויסשפּאַרן · משלח זײַן.

אַריכות־ימים

אַז מ׳לעבט, דערלעבט מען . אָנלעבן זיך . אַרײַנלעבן . דערלעבן . לאַנג לעבן.
זע : אַלטער.

אָרעמאַן

אַ לעכעריקער זאַק . זעט ניט קײן גראָשן פֿאַר די אויגן . טאַפּט אַ וואַנט . ליגט בײַן איילן אין דער ערד . נאַקעט און באָרוועס . נאַקעט ווי די מאַמע האָט אים געהאַט . פֿאַרדינט וואַסער אויף קאַשע . קײַט די ערד . שטאַרבט פֿאַר אַ גראָשן . שטאַרבט פֿון הונגער . שפּײַט אויס די נשמה. זע : פֿאַראָרעמט, קבצן.

אָרעמקייט

אַ ביטער לעבן . אויסגיין פֿאַר אַ שטיקל ברויט . דחקות . דלות פּײַפּט פֿון יעדן ווינקל . נויט . פֿאַרלייגן די ציין אויף דער פּאָליצע . קבצנות.

אַ שיבוש

אַ זעץ אין דר׳ערד . אַן אויסגעבלאָזן איי . אַ קלייניקייט . אַ שמאָנצע . אַ שמעק טאַבאַק . אַ שפּײַ . „אַשר־יצר״־פּאַפּירל . דבר שיבוש . שײַע־פּײַע (שה״י־פּה״י).

באַהאַלטן

באַגראָבן . פֿאַרגראָבן . פֿאַרדעקן . פֿאַרטושן . פֿאַררוקן . פֿאַרשאַרן . פֿאַרשטופּן . פֿאַרשטורכען . פֿאַרשטעקן . פֿאַרשליסן.

באַליידיקונג, באַליידיקן

אַ בושה . אַ בזיון . אויסמישן מיט דער בלאָטע . אַ חרפּה . אַ פּאַטש אין פּנים . אָפּזידלען . דערנידעריקן . חילול הכּבֿוד . כאַפּן אַ יאָג . מאַכן אויסצודרייען . מאַכן מיט דער ערד צו גלײַך . מאַכן צו אַש . מאַכן צו בלאָטע . מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט . פֿאַרשוואַרצן דאָס פּנים . שפּײַען אין פּנים אַרײַן.

באַרימער

„איך קען נאָך אויסהאַלטן אַ פּאַטש״ . אָנשטעל־מאַכער . בלאָפֿער . מאַכט זיך

וויכטיק • פּוצט זיך אין פּרעמדע פּעדערן • צעלייגער • „קוילע מיר מײַנע גענדז!" • שוויצער • שמײַעט. זע: אײַנגערעדקייט, אָנשטעל־מאַכער, בעל־גאווהניק, גוזמאַניק.

באַרעדעוודיק

גרויסער מויל • האָט אַ שטאָך צום רעדן • האָקט אַ טשײַניק • האַקט אין קאָפּ • טשאַדעט • טשאַקעט • לאַנגע צונג • לייגט אַוועק אַ מענה־לשון • לעכערט די אויערן • לעכערט דעם קאָפּ • לעפּטשיכע • מאָלט • מאַרק־ייִדענע • נײַן מאָס רייד • עקבערט דעם מוח • פּלאַפּלט • פּלוידערזאַק • קאַלעקאַטקעוועט • רעדט גיך און שפּאַרעוודיק • רעדט געדיכט • רעדט פּאַר צען • שיט ווי פון אַרבל • שיט ווי פון אַ זאַק.

באַשיידן, באַשיידנקייט

איז קליין בײַ זיך • אײַנגעהאַלטנקייט • אָן גאווה • „זאָל מײַנס איבערגיין" • עניוותדיקייט • פּשוטקייט • צניעותדיקייט • שטופּט זיך ניט • שעמעוודיקייט. זע: עניוות.

באַשערטקייט

אַ גאָטס־זאַך • אָנגעשריבן מן השמים • גאָטס ווילן • גורל • השגחה עליונה • כּתוב וחתום • מזל.

בושעוועט, בושעווען

אויפגעקאָכט • גייט אַרויס פון די כּלים • וואַרפט זיך • מלא רציחה • מרעיש עולמות • ס'האָט זיך אָנגעצונדן אין אים די רציחה • ס'וואַרפט אים ווי אין אַ קדחת • ס'קאָכט אין אים די יוכע • צעבייזערט • צעטראָגן • צעיאָכמערט • צעיושעט • קערט וועלטן • שרײַט ווי אַ געקוילעטער • שרײַט ווי אַ באַנומענער. זע: כּעסן זיך.

ביטער

ביטער אויף דער נשמה • ביטער אויפן האַרצן • ביטער אין נאָז • ביטער ווי גאַל.

בית־הקברות

בית־עולם . בית־עלמין . הייליק אָרט . פּעלד.

בלאָפן, בלאָפער

וואָס ער זאָגט — מיינט ער ניט, און וואָס ער מיינט — זאָגט ער ניט . ליגנער . מיינט ניט די הגדה, נאָר די קניידלעך . פאַררעדן די ציין . שווינדלער . שקרן.

בלינד

זעט ניט די ליכטיקע שײַן . טאַפּט אַ וואַנט . סגי־נהור.

בעל־גאווה, גאווה

אַ גאַנצער „זײַט זשע מוחל" . אַ גרויסע „שישקע" . אַן אויפגעקומענער גביר . אָנשטעל־מאַכער . בלאָזט פון זיך . האַלט זיך גרויס . מאַכט זיך גרויס . האַלט פון זיך אַ וועלט . יחסנט זיך מיט גרויסע לײַט . נעמט זיך איבער . פּאַטשט זיך אין בײַכל . פאַרריַיסט די נאָז . פאַררײַסט דעם קאָפּ . פּוצט זיך אין פרעמדע פעדערן . צופרידן פון זיך אַליין . שטאָלצירט . שטייט אין גרויסן. זע: אײַנגערעדטקייט, אָנשטעל־מאַכער, באַרימער.

ברוגז

אָנגעבלאָזן . אָנגעדרודלט . אָנגעדראָלן . אָנגעכמורעט . אָנגעלאָדן . אָנגעצויגן . אָנגעשטויסן . בורטשעט . פאַרצאָרנט . קוקט קרום אויף אַלעמען. זע: כעס.

בריה

אַ ברען . אויסגעקאָכט . אַ טײַוול . אַ יאַט . אַ כוואַט . אַ מאַדים . אַ מאַכער . אַ מזיק . אַן אשת־חיל . אַ סמבטיון . אַ פּאַלאַניק . אַ פלאַם־פײַער . אַ צעלייגער . אַ קאָזאַק . אַ קאָכלעפל . אַ קנאַקער . אַ שוויצער . גייט אין די הויזן . מישט זיך אין אַלע טעפּלעך . רודעוועט . שטעקט די נאָז אומעטום . שלאָפט אין שלייער . שפּאַרט זיך אַדורך מיט די עלנבויגנס.

גאָט
באַשעפער . בורא עולם . ברוך הוא ברוך שמו . די שכינה . דער אייבערשטער . דער אַלמעכטיקער . דער הייליקער . דער כּביכול . דער כּל־יכול . הקדוש־ברוך־הוא . השם־יתברך . זײַן ליבער נאָמען . טאַטע אין הימל . רבונו־של־עולם . רוח־הקודש.

גוזמא, גוזמאניק
איבערזאַלצן . איבערטרײַבן . איבערכאַפּן די מאָס . איבערציִען דאָס שטריקל . „אַ קו איז איבערן דאַך געפלויגן און האָט אַן איי פאַרלוירן" . מאַכט אַ צימעס פון גאָרניט . מאַכט פון אַ וואָרט אַ קוואָרט . פאַרגרעסערט . צעבלאָזט . צעלייגט אויף טעלערלעך. זע: באַרימער.

גוט, גוטסקייט, גוטהאַרציקייט
אַ גוטע נשמה . אַ וואָרעם האַרץ . אַ זײַדענער יונגערמאַן . אַ מענטש — אַ ברילִיאַנט . אַ מענטש אַן אַ גאַל . אַ צוגעלאָזענער . אַ שטיק גאָלד . טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט . רודף־שלומניק.

גוססט
איז אויפן שוועל פון טויט . איז אויפן שוועל פון קבר . איז חרוב קראַנק . איז נענטער ווי ווײַטער . איז שוין מיט איין פוס אין קבר . איז שוין מיט איין פוס אויף יענער וועלט . גייט אַוועק פון דער וועלט . גייט אויס ווי אַ ליכט . דער מלאך־המוות שטייט אים שוין צוקאָפּנס . האַלט שמאַל . הויכט אויס די נשמה . וועט לאַנג ניט אָנציִען . וועט קײַען די ערד . ווערט פאַרשניטן פון דער וועלט . זאָגט אָפּ די קאַפּאָטע . זײַן נשמה הענגט אויף אַ האָר . טראָגט זיך אָפּ . ליגט אויפן טויטן בעט . ליגט אָן לשון . „מעקעט" אין פעלד אַרײַן . מער טויט ווי לעבעדיק . ער איז לאַ־עליכמדיק . ער שמעקט שוין מיט טויט . פאַכעט מיט דער נשמה . פאַרוואַרפט שוין דעם קאָפּ . פילט שוין דעם טעם פון טויט . פילט שוין דעם טעם פון קבר . ציט אויס די פאָדקאָ־ וועס . ציט אויס די פיס . קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אים . קוים וואָס ס'קלאַפּט דער דופק . קוים וואָס ער זשיפּעט . קלײַבט זיך שוין אויף יענער וועלט . קלייבט זיך שוין אין וועג אַרײַן . ראַנגלט זיך מיטן טויט.
זע: חלוש, קראַנק, שוואַך, שטאַרבן.

גיין

שטעלן טריט . שפּאַנען. זע: נע־ונדניק.

גייער

אַ הֶלך . איז גרינג אויף אַ גאַנג . וואָגלער . וואַנדערער . מאַכט שריט.

גלוביקער

אַ מאמין . געלויבט איז גאָט . ווי גאָט וועט געבן . פאַרלאָזט זיך אויף גאָטס באַראָט. זע: פאַנאַטיש, פרום, פרומער.

גנבענען

אונטערפידלען . אונטערפּײַפן . אָפּווישן . אָפּשלעפּן . אַרומפּוצן . באַנעמען . „בודק חמץ" זײַן . לאָזן אין אײַן העמד . לאָזן ווי די מאַמע האָט געהאַט . לקחענען . מאַכן נקי . ציִען.

געוויין

אַ יאָמער . אַ יללה . אַ קלאָג . בעטשען . וויי־וויי . כליפּען . פאַרגיסן טרערן.

געלט

אַ מטבע . אַן אוצר . אַ פאַרמעגן . געלט איז די וועלט . ווער ס'האָט די מאה, דער האָט די דעה . מזומנים . ממון . ממתקים . מעות . מצלצלים . קלינגעגע־דיקע . קלינגערס.

געפּילדער

בהלה . ברומערײַ . גערודער . געשריי . דער סמבטיון . הור־האַ . ווי אויף אַ יאַריד . טאַראַראַם . טומל . יעלות עד לב השמים . ס'איז הימל עפן זיך . ס'וועט זיך טאָן חושך . סומאַטאָכע . ס'עקבערט דעם מוֹח . ס'קערט זיך אַ וועלט . ס'שפּאַלט זיך דער הימל . קאָכעניש . ריטשערײַ . רעש. זע: מהומה, רעש.

געשווינדקייט

אַ ווינט אין פעלד . אומר ועושה . אַ מינוט — אַ רענדל . אַ קוועקזילבער .

אַ רוח טראָגט אים . גיכקייט . זיצט ווי אויף געגליטע קוילן . זיצט ווי אויף שפּילקעס . יאָגעניש . כאַפּ־לאַפּ . לויפעניש . לויפעריי . ס׳ברענט אונטער די הענט . פלינקייט.

גרויס

אַ גיגאַנט . אַ גיגעלניק . אַ פאַרנעם . לויתן . עוג מלך הבשן . שור הבר.

דאגה, פאַרדאַגהט

אָנגעזאָלעט . אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה . אָנגעזאַלצן אויפן האַרצן . גריזשעניש . האַרצווייטיק . האַרצקלעמעניש . זאָרג . מרה־שחורה . עגמת־נפש . פאַרביטערטקייט . צער.

דאַר

אַ גרוגרת . אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט . אַ פּייג אונטער אַ דעכעלע . אַ פערטל עוף . אַ שטעקן . אַ שפּאָן . אַ שפּענדל . הויט און ביינער . מאָגער.

דיק

אַ בעל־גוף . אָנגעפּרעסענער . אָנגעשטאָפּטער . אַ פאַרנעם . ברייטער ווי לענגער . וועט אין טיר ניט אַריין . פעט.

הויך

אַ לולב . אַ סאָסנע . דערלאַנגט דעם הימל . לאַנגער לאָקש . שבת הגדול. זע : גרויס.

הונגער, הונגעריק

אויסגעהונגערט . גייט אויס פון הונגער . האָט שוין פאַרגעסן די ברכה „המוציא״ . זעט ניט קיין שטיקל ברויט פאַר די אויגן . טויט הונגעריק . נאָגט אין האַרצן . ס׳רינט די סלינע פון מויל . פאַסט תעניתים . פאַרחלשט . פאַרשמאַכט . שטאַרבט פון הונגער . שלינגט די סלינע . שפּייט אויס די נשמה.

הצלחה

ברכה · גוייִשער מזל · גליק · געלונגען · געראָטן · זיבן גוטע יאָר · לעבט און לאַכט · לאַכט פון דער וועלט · ס׳גייט דורך טיר און דורך פענצטער · ס׳גייט ווי אויף פּוטער · ס׳גייט אים ווי דעם רשע אויף דער וועלט. זע: רײַך.

וויכּוח

דרייען מיטן גראָבן פינגער · טענות ומענות · מחלוקת · פּילפּול.

ווילן, וועלן

באַגער · גלוסט · חשק · ליב האָבן · פאַרגלוסטן זיך · פאַרוועלן זיך · פאַר־לאַנג · שלינגען מיט די אויגן · תּאווה. זע: יצר־הרע.

ווינט

וויכער · זאַווערוכע · ס׳מישט זיך הימל מיט ערד · שטורעם.

וויץ

אַנעקדאָט · גלײַכוווערטל · לצנות · שאַרף־ווערטל · שפּאָט · שפּאַס.

וויצלער

אויסלאַכער · אָפּלאַכער · אָפּשפּאָטער · אַרײַנזאָגער · בדחן · ווערטל־זאָגער · חוזק־מאַכער · לץ · קאַטאָוועס־טרײַבער · שפּאַס־מאַכער. זע: אָפּלאַכערס.

זאַיִקע

כּבד־לשון · כּבד־פּה · פּיקאַטש · שטאַמלער.

זאַיִקען זיך

פּלאָנטערן מיט דער צונג · שטאַמלען · שלינגען די ווערטער.

זיצט / זיצן אין טורמע

אײַנגעזעצט · אַרײַנגעזעצט · אַריינגעיושבט · יושבט אין חד־גדיא · יושבט

הינטער די קראַטעס . יושבֿ בסתר עליון . פאַרהאַלטן . פאַרזעצט . פאַר־שיקט. פאַרשפּאַרט.

זעלבסטמאָרד
אָנטאָן זיך אַ מיתה . אָנטאָן זיך אַ מעשׂה . מאַכן אַ סוף מיט זיך . מאַכן אַ סוף צו זיך . מאַכן זיך דעם טויט . נעמען זיך דאָס לעבן.

חד־גדיא
אַרעסט . געפּענגעניש . די הויכע פענצטער . הינטער די קראַטן . טורמע . תּפיסה. זע: טורמע.

חלוש
אַ צעבראָכענער שאַרבן . אַ שענערן פון אים לייגט מען אין קבֿר אַרײַן . האַלב טויט . ווי נאָך אַ קרענק . חרובֿדיק . ניט טויט, ניט לעבעדיק . פאַרבײַ . שוואַך . שלעפּט קוים די פיס . זע: גוססט, קראַנק, שוואַך, שטאַרבן.

חנפען, חנפענען
אַ גלאַט צינגל . אונטערלעקן זיך . אונטערלעקער . אָמן־זאָגער . גלאַטע / זיסינקע / שיינע ריידעלעך . גלעטן מיט די הערעלעך אַראָפּ . טעלער־לעקער . צובאָמקער. זע: פאַלש.

חרטה האָבן
אָנשפּײַען זיך אַליין אין פּנים אַרײַן . אָפּזאָגן זיך פון —— . באַדויערן . באַנג טאָן . באַקלערן זיך . באַשולדיקן זיך אַליין . בײַטן די מיינונג . דרייען מיט דער צונג . פאַרוואָרף צו זיך אַליין . פאַרקירעווען דעם דישעל . קײַען זיך . שטראָפן זיך אַליין . שלאָגן זיך „על־חטא" . תּשובֿה טאָן. זע: תּשובֿה.

טויגעניכטס
אַ באָנדער . אַ גאָרניט מיט אַ נישט . אַ יאָלאָפּ . אָך און ווי צו זײַן מזל . אַ שטיק האָלץ . ווייסט ניט מיט וואָס מ'עסט דאָס . ווייסט ניט פון דאַנען

ביז אַהין . יָכלט ניט . לא־יוצלח . ני בע, ני מע, ני קוקוריקו . ניט געראָ־טענער . ניט צו גאָט און ניט צו לײַטן . עוֹבר בטל . פֿאַרשטייט זיך ווי אַ האָן אין „בני־אָדם״ . קונילעמל . קען ניט אַ קאָץ דעם עק פֿאַרבינדן . שלימזל.
זע: אומפּעיִק, שלימזל.

טורמע

אומזיסטע קעסט . גרייטע קעסט . אין שטײַג . קאָזע . קוטשעמענט . תּפֿיסה.
זע: חד־גדיא.

טראָגן

דער בויך שפּאַרט אָן בײַ דער נאָז . זײַן אויף דער צײַט . זײַן טראָגעדיק . זײַן מעוּבּרת . פֿאַרגיין אין טראָגן . שוואַנגערן. זע: קימפּעטאָרין, שוואַנגערע פֿרוי.

טרויערן

אַ ווייטיק אין האַרצן . אַ קלאָג צו די יאָרן . ברעכן די הענט . האַרץ־קלעמע־ניש . ווייגעשריי . ווײ צו די יאָרן . עגמת־נפֿש . רײַסן די האָר פֿון קאָפּ . רײַסן קברים . שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט.

טרינקען

זויפֿן . זופּן . זיך אָנגעטרונקען וויפֿל ס׳איז אין אים אַרײַן . זשליאָקען . לעשן דעם דאָרשט . פֿאַרטרינקען די צרות.

יאָך

אײַנגעשפּאַנט אין יאָך . אײַנגעשפּאַנט אין צוים . בייגן זיך אונטערן יאָך . זײַן פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט . לאַסט . עבֿודת־פּרך . עוֹל.

יונגער

דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן . סמאַרקאַטש . פּישער . צוציק . שמענדריק . שנעק.

יחסן, ייִחוס, מיוחס

אַ בכּבודיקער ייִד . אַ גאַנצער שמעלקע . אַ זײַדענער יונגערמאַן . אַ חשובער . אַ טאַטנס אַ קינד . אײַנגעטונקען אין ייִחוס . אַ צאַצקע . אַ תּכשיט . דאָס אייבערשטע פון שטייסל . זיצט אויבן אָן . זיצט אין מזרח־וואַנט . כּתונת־פּסים . מיט אַלע מעלות . סאַמע סמעטענע . סאַמע צימעס . פון די פּני־העיר . שפּילט דאָס ערשטע פידל . תּורה און סחורה און געפּוצטע שטיוול.

יענטע

אַ לאַנגע צונג . אַ צונג אויף רעדלעך . אַ צונג אָן ביינער . באַרעדעווּדיק . באַרעדערקע . בלײַבט ניט שולדיק . טאָפּ־ייִדענע . טענהט זיך אויס . יאַטקע־ייִדענע . יאַכנע . לייגט אַוועק אַ מענה־לשון . מאַכט אַ „מי שברך” . מאַרק־זיצערקע . מאַרק־ייִדענע . ניט אַרײַנפּאַלן זאָל מען צו איר אין מויל . נײַן מאָס רייד . סעדעכע . פּאַלאַניק . פּלוידערזאַק . קאָכלעפל . קאַלעקאַטקע . רכילותניצע . שיט מיט פּײַער . שם־דבר . שעלט מיט טויטע קללות.

יצר־הרע

אויפרייצער . אונטערזאָגער . אָנרייצער . באַגער . ברענט ווי אַ פּײַער . גייט אויס נאָך — — — . גלוסט . וואַרפט אָן אויג . חשק . עסט מיט די אויגן . פאַרבאָטענע פרוכט . פאַרוועלעניש . פאַרלאַנג . פאַרפירער . ציט אָן אַקסל . צערייצער . רייץ . שׂטן . תּאווה. זע: ווילן.

באַם

אומטאַקטיש . אומפרײַנדלעך . גראָבער יונג . זשלאָב . פאַרגרעבט . פּראָסטער „חי וקיים”.

באַפּן

דערווישן . פּאַקן.

כּעס

צאָרן . רוגז.

בעסן זיך

אויפקאָכן זיך . אויפרעגן זיך . אויסער זיך זײַן . אָנצינדן זיך . אָפּרײַסן זיך ווי אַ הונט פון קייט . אַרויסגיין פון די כּלים . אָש להבה . בייזערן זיך . ברענען ווי אַ העליש פײַער . האָבן פּאַראיבל . זידן ווי אין אַ סאַמאָוואַר . זידן ווי אין אַ קעסל . זײַן אָנגעלאָדן ווי אַ ביקס . זײַן פאַרביסן . זײַן צעטראָגן . זײַן צערודערט . ס׳וואַרפט אים ווי אין קדחת . פאַרדריסן . פלאַקערן . צינדט זיך אָן אין די מינוטן . קאָכן זיך . קריצן מיט די ציין . שיטן מיט פייער . שפּרינגען פון דער הויט. זע: בושעווען, ברוגז זײַן.

לויפן

אַנטלויפן ווי אַן אונטערגעשאָסענער . אָפּציִען . מאַכן „ויברח״ . מאַכן פיס . מאַכן פליטה . נעמען די פיס אויף די פּלייצעס . נעמען די פיס אין די הענט . פאַררײַסן די פיס . צעלאָזן די פיס . „פליִען״. זע: אַנטלויפן.

ליב האָבן

אַרײַנקריכן אין האַרצן . גלוסטן . פאַרגעטערן . פאַרלאַנגען . פּוצן זיך צו איר . שלינגען מיט די אויגן . שפּילן מיט איר אַ ליבע.

ליבע

אהבת־נפש . איבערגעגעבנקייט . איין גוף און איין נשמה . אַ פּאָר טײַבעלעך . ליבשאַפט . קוצעניו־מוצעניו. זע פאַרליבט.

ליגן

אויסגעזויגן פון פינגער . אויסגעטראַכט . אַ נעכטיקער טאָג . לא היה ולא נברא . ס׳הייבט זיך ניט אָן און ס׳לאָזט זיך ניט אויס . שקר.

ליגנער

באַקט ליגנס . בראָקט ליגנס . די נשמה נעכטיקט ניט איבער אין אים . דרייט מיט דער צונג ווי אַ הונט מיטן וויידל . וואָס ער זאָגט דאָס מיינט ער ניט, און וואָס ער מיינט דאָס זאָגט ער ניט . זאָגט אַ ליגן און גיט ניט אַפילו קיין פינטל מיטן אויג . פּלאָנטערט מיט דער צונג . רמאי . שקרן.

לייִדיקגייער

אַ גאַרניט מיט אַ נישט . אַ פוילע זאַך . אַ פּוסטע זאַך . בטלן . גייט אַרום פּוסט און פּאַס . האַלט די הענט אין די קעשענעס . הולך בטל . זיצט אָן אַ שטאָך אַרבעט . טוט ניט אַרײַן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער . פּויליאַק . צײַט־פאַרשווענדער . קוקט אין הימל אַרײַן . שטעקל־דרייער. זע: פּויל.

לײַדן

אויסגעריסן ווערן . ייִסורים . ענויים . פאַרפּינצטערט ווערן . פאַרשוואַרצט ווערן.

מהומה

אומאָרדענונג . אומרוען . איבערקערעניש . בהלה . די שטוב גייט אויף רעדלעך . די שטוב גייט כאָדאָראָם . כאַאָס . מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף . מישמאַש . ס'קערט זיך אַ וועלט . צעטומלעניש . צעמישעניש . תוהו־ובוהו. זע: געפּילדער, עולם־התוהו, רעש.

מה־יפית

אונטערטעניקייט . אַליין־דערנידערונג . חניפה . קריכערישקייט . שקלאַפישע געהאָרכזאַמקייט.

מה־יפיתניק

בייגט דעם קאָפּ . בייגט די קני . בייגט דעם רוקן . חנפעט . לאָזט זיך קריכן אויפן קאָפּ . מה־יפית־זינגער . מה־יפית־טענצער . פאַלט אויף די קני פאַר יענעם . קושט די רוט, וואָס שלאָגט אים . קריכט יענעם אונטער די נעגל . קריכט פאַר יענעם אויף אַלע פיר.

מיאוס, מיאוסקייט

אָפּשטויסנדיק . העסלעך . זויערע מינע . זויערער פּנים . זויערער פּרצוף . זויערע צורה . מאַלפּע . מיאוס ווי די נאַכט . פאַרזעעניש . פאַרקרומעניש.

מסרן

אויסקלערן אַ בילבול · איבערגעבן אין גוייִשע הענט · געבן צונג · מַלשין זײַן · פֿאַרמַסרן · פֿאַרשיטן · צולייגן אַ קנייטל · צושטעלן אַ בענקעלע.

משוגע

אידיאָט · איז אויפֿן עולם התּוהו · באַנומענער · חסר־דעה · לויפֿט אין די גאַסן · מטורף · מטושטש · ניט בײַ די פֿולע געדאַנקען · ניט בײַם זינען · ניט קלאָר · ס׳האָט פֿאַרדרייט דער קאָלטון · ס׳פֿעלט אים אַ קלעפּקע אין קאָפּ · ס׳פֿעלט אים אַ שרײַפֿל אין קאָפּ · צעדולט · צעדרייט · צעחושט · צעטראָגענע בריה · צעמישט · צעשרויפֿט · קריכט אויף די גלײַכע ווענט · רעדט ניט צו דער זאַך.

משוגעת, שגעון

גרויסקייט־שגעון · כאַנדראַ · מאַניע · מרה־שחורה · פֿאַרדרייטער שׂכל.

נאַר

אַ חכם פֿון דער הגדה · אַ יאָלאָפּ · אַ יאָלד · אַך און ווי צו איר שׂכל · אַך און ווי צו זײַן שׂכל · אַן אייזל · אַן אָקס · אַ נאַר, אַ נאַר און שאָקלט זיך · אַ נאַר כאָטש אין קוימען שפּאַר · אָפּגעריסענער נאַר · אַ פֿולער קאָפּ מיט קליאָטשע · אַ קנאַפּער חכם · אַ שטיק האָלץ · אַ שטיק פֿלייש · באָק · בהמה · גאָט זאָל אים צושיקן אַ רפֿואה שלימה אין קאָפּ אַרײַן · גולם · געטש · געפּאַלן אויפֿן שׂכל · דער נאַר שפּאַרט פֿון אים אַרויס · ויזתא · זלמן (ראשי־תּיבֿות: זעט לײַט מײַן נאַרישקייט) · טיפּש · טעמפּער קאָפּ · יאָצמאַך · כעלמער · לא עלינו · לעקיש · ני בע, ני מע, ני קוקוריקו · ניט דערבאַקן · ניט דערקאָכט · ניט קיין איבעריקער חכם · ניט קיין גרויסער חכם, ניט קיין קליינער נאַר · סטויפּ · ס׳פֿעלט אין קאָפּ אַ קלעפּקע · ס׳פֿעלט אין קאָפּ אַ שרײַפֿל · פֿלאָקן · פֿערד · קאָטשאַן · קאַלב · קלוג ווי די קאַץ · שאינו יודע לשאול · שוטה · תּם.

נודניק

זעצט זיך אָן · טשעפּעט זיך אָן · טשעפּעט זיך צו ווי אַ קלעק · לאַנגווײַליק · פֿאַרנודיעט די נשמה.

נײַ

נאָך ניט גענוצט . נאָך ניט געפּרוווט . נאָר וואָס פון אונטערן פּרעס . נאָר וואָס פון נאָדל אַרויס . נײַ געבוירן . פריש.

נעבעך

לעמעך . לעמעלע . לעמעשקע . מעגעגע־שמעגעגע . קונילעמל . שמענדער־האָץ . שמענדריק.

נע־ונד־ניק

אַרומשלעפּער . גייער . גלות־אַפּריכטער . הֵלך . וואָגלער . וואַלגערט זיך אין דער פרעמד . וואַנדלט וווהין די פיס טראָגן . ווו ער טאָגט, דאָרט נעכטיקט ער ניט . משולח . שלעפּער . שפּאַנער.

נקמה

אַ מצווה אויף אים . אָנלערנען יענעם . אָפּרעכענען זיך מיט יענעם . באַצאָ־לונג . דערלעבן אין יענעם אַ נקמה . נוקם ונוטר . עין תחת עין.

עולם

עולם־גולם . פּובליקום . קהל.

עולם־הבא

גן־עדן . די אמתע וועלט . די בעסערע וועלט . יענע וועלט . עולם־האמת.

עולם־הדמיון

אײַנרעדעניש . אַרײַננעמען זיך עפּעס אין קאָפּ . דאַכטן זיך . חלומות . טרוים . פאַרבלאָנדזשעטע נשמה . שוועבן אין די הימלען . שוועבן אין די וואָלקנס.

עולם־הזה

אַרײַנלעבן . גן־עדן התחתון . געניסן פון לעבן . האָבן פאַרגעניגן . הוליען . וווילטאָג . לוקסוס . לעבן אָן זאָרגן . לעבנספרייד . מאַכן אַ לעבן . מחיה נפשות . נחת־רוח.

עולם־התוהו

כאַאָס . סומאַטאָכע . ס׳קערט זיך אַ וועלט . צעטומלט . צעמישט. זע : מהומה.

עזות פּנים

אומבאַשיידן . אומפאַרשעמט . גראָביונגערישקייט . ווײַז אים אַ פינגער — וויל ער די גאַנצע האַנט . חוצפּה . פרעכהייט . שקאָצערײַ.

עין־הרע

בייז־אויג . „גוט״־אויג . שלעכט־אויג.

עם־הארץ

איז שטומפּיק אויף דער „עברי״ . אַנאַלפאַבעט . אַ פּראָסטע זאַך . געהרגעט אויף די קליינע אותיות . געהרגעט אויף דער פּען . געשלאָגן אויף די קליינע אותיות . געשלאָגן אויף דער פּען . גראָבער יונג . זשלאָב . ניט קיין גרויסער למדן . קען מער פון אַ טויטן . קען ניט קיין צורה פון אַן אַלף . קען ניט קיין שײַטל „עברי״ . שרײַבט נאָך מיט זיבן גרײַזן . שרײַבט קאַטשערעס מיט ווילקעס . שרײַבט קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס.

„עמך״

בעל־מלאָכה . האָרעפּאַשניק . לערן־ייִנגל . פּראָלעטאַריער . „שער און אײַזן״.

עניוות

מוותּר זײַן . ניט איבערנעמען זיך . ניט דערשאַצן זיך זעלבסט . פאַרקוקן . צניעותדיקייט . קליין בײַ זיך . שעמעוודיקייט. זע : באַשיידנקייט.

עסן

איבערכאַפּן דאָס האַרץ . אַכלען . אָנעסן זיך . אָנפרעסן זיך . אַראָפּלאָזן אַ פּעטן ביסן . אַרײַנעסן . אַרײַנקײַען . אַרײַנשטעלן . דערהאַלטן די נשמה . דערכאַפּן די נשמה . דערכאַפּן ס׳האַרץ . זויפן . כאַפּן אַ לעק . כאַפּן אַ נאַש . מעלה־גרהן . נאַשן . פּיקן . פרעסן . קײַען . קנאַקן . שטאָפּן . שטילן דעם הונגער.

עסער

אַ געוואַשענער צו יעדן טיש . איז פאַרביי און עסט פאַר דריי . אַ קישקע אָן אַ דנאָ . אַ קנאַפּער עסער: וויפל ער עסט איז אים קנאַפּ. בייסט גרויסע ביסנס . דאָס געגוגט אים, ווי פאַר אַ הונט אַ פליג . זויפער . זולל וסובא . מאַכט אַפּט „המוציא" . מאַלט אויף אַלע ציין . עסט ווי אַ פייגעלע: צו זאַט . עסט ווי נאָך אַ תענית . עסט ווי נאָך אַ קרענק . פאַקעוועט זיך . פיקער . פלעכט . פרעסער . רייבט אויף ביידע באַקן . רייבט די סעודה . רייניקט אָפּ, ווי אַ היישעריק . שטעלט אַריין . שלינגט גרויסע שטיקער.

עקשן

איינגעשפּאַרט ווי אַן אייזל . איפכא מסתברא . אַן עקשן איז ערגער פון אַ געשמדטן . האָט מיט אים אַ שווער לייענען . האַרטער ביין . האַרטער נוס . וועט ניט אויפשטיין צו תחית המתים . כאַטש האַק אים און בראָק אים . כאַטש האַק אים אַראָפּ דעם קאָפּ . כאַטש שנייד אים אַן אויער . רעד צו דער וואַנט . רעד צום לאָמפּ.

עקשנות

איינגעשפּאַרטקייט . האַרטנעקיק . ניט אָפּטרעטן . ניט נאָכלאָזן . פעסטקייט.

ערלער

אויפריכטיק . אָנשטענדיק . אָפנהאַרציק . אָרנטלעך . וואָרטסמאַן . ערנמאַן . קוקט גלייך אין די אויגן . ריינע הענט.

ערלעכקייט

אַ וואָרט איז אַ וואָרט . דרך הישר . וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג . יושר . מעשים טובים . ריין געוויסן.

פאַלש, פאַלשקייט

אַ נעכטיקער טאָג . גייט הינטן אַרום . גנבישע טרערן . גנבישע שטיק . האַלט דעם רבונו־של־עולם ביי דער באָרד . הינטערפיסל . זיך מאַכן ניט וויסנדיק . זיך מאַכן תמעוואַטע . זיך פוצן אין פרעמדע פעדערן . חניפה .

מאַכט פּוילע שטיק . פֿאַרבלענדט די אויגן . פֿאַרגלאָצט די אויגן צום הימל . צווייפּנימדיקייט. זע: חנפֿן, חנפֿענען.

פֿאַנאַטיש

גאָטס גנבֿ . גאָטס קאָזאַק . נעמט זיך אָן גאָטס קריוודע . פֿרום ווי גאָט אַליין. זע: גלויביקער, פֿרום.

פֿאַנטאַזיאָר

בויט לופֿט־שלעסער . הענגט אין דער לופֿטן . פֿילט ניט דעם באָדן אונטער זײַנע פֿיס . פֿליט אין די הימלען . שוועבט אין די הימלען . שוועבט אין די וואָלקנס.

פֿאַנטאַזירן

וועלן דאָס טעלערל פֿון הימל . זײַן פֿאַרחלומט . זען גאָלדענע חלומות.

פֿאַראָרעמט

בדיל־הדל געוואָרן . געבליבן אָן פּרנסה . געוואָרן אַ יורד מנכסיו . כאַטש גיין איבער די הײַזער. זע: אָרעמאַן, אָרעמקייט, קבצן.

פֿאַרברעכן

אוממענטשלעכקייט . אויסגעלאַסנקייט . הפֿקרות . נידערטרעכטיקייט . פֿאַר־דאָרבנקייט. זע: אויסגעלאַסן.

פֿאַרברעכער

אוממענטשלעך . אויסגעלאַסן . אויסוואָרף . הפֿקר־יונג . זינדיקער . זשוליק . נידערטרעכטיק . „תּכשיט". זע: אויסגעלאַסן.

פֿאַרגעבונג, פֿאַרגעבן

אויסגלײַכן זיך . איבערבעטן זיך . אַנטשולדיקן . מאַכן אַ קנייטש . מוחל זײַן . מותּר זײַן . נאָכגעבן . פֿאַרזען . פֿאַרצײַען . פֿאַרקוקן . פֿאַרשווײַגן . צומאַכן אַן אויג . קוקן דורך די פֿינגער . שלום מאַכן . שענקען.

פאַרגעניגן

גוטע שטימונג. דערקוויקן זיך. ווערן ברייטער ווי לענגער. לאָזן זיך וויל־גיין. שמעלצן זיך פון נחת. שעפּן נחת. תּענוג.

פאַרחלומט

פאַרחושט. פאַרטראַכט. פאַרטרוימט.

פאַרליבט

אײַנגעבאַקן אין האַרצן. אײַנגעקלעפּט. גייט אויס נאָך איר. חלשט נאָך איר. שטאַרבט נאָך איר. ס׳גייט אויס דאָס האַרץ נאָך איר. ס׳גייט אויס די נשמה נאָך איר. פאַרכאַפּט. פאַרכּישופט. פאַרליבט ביז איבער די אויערן. פאַרקאָכט. פאַרשמאַכט. פּגרט אַוועק. פלאַמט. פלאַקערט.

פאַרשווינדן

אַוועקגיין אָן אַ „זײַ־געזונט". אַוועקגיין מיטן ווינט. אַוועקגיין מיטן רויך. אַוועקטראָגן זיך. אײַנגעזונקען ווערן. ניט בלײַבן אונטער די הענט. ניט בלײַבן צווישן די פינגער. נעלם ווערן. פאַרכאַפּט ווערן. פאַרלוירן ווערן. פאַרפאַלן ווערן. פאַרשווינדן ווי אַ ווינט אין פעלד. פאַרשווינדן ווי אַ שאָטן. פאַרשוווּנדן ווי די ערד וואָלט אים אײַנגעשלונגען. פאַרשוווּנדן ווי דער נעכטיקער טאָג.

פאַרשעמט

באַליידיקט. געשטאַנען ווי אַן אָפּגעשמיסענער. פאַרשמירט ס׳פּנים.

פויל, פוילער

אַ פוילע זאַך. בטלן. די פיס ליגן אין קימפּעט. האַלט די פיס אונטער זיך. וויל געבראָטענע טײַבעלעך גלײַך אין מויל אַרײַן. זיצט מיט פאַרלייגטע הענט. פויל ווי אַ קאַץ. פוילע אַרבל. פּוסט און פּאַסניק. פלעגמאַטיק. רירט זיך ניט פון אָרט. זע: ליידיקגייער.

פּחדן

באַגיסט זיך מיט קאַלטן שווייס. די צונג איז אָפּגענומען. דערשראָקן אויף

טויט . האָט פּולע הויזן . האָט קעצעלעך אין בויך . האַלט די נשמה אין די הענט . ניט טויט, ניט לעבעדיק . ס׳פּאַלט אים אײַן דער מאַמעס מילך אין בויך . ס׳קלאַפּט אים אַ צאָן אין אַ צאָן . ס׳רײַסט זיך אים אָפּ דאָס האַרץ . פּאַניק־מאַכער . פאַרלוירן די נשמה אין די הויזן אַרײַן . פאַרלירט דאָס לשון . צאַפּלט זיך . ציטערט ווי אַ האָז . ציטערט פאַר אַ פליג . שטייט ווי אַ באַמאַכטער . שרעקט זיך פאַרן אייגענעם שאָטן.

פּײַנט האָבן

האָט אים פּײַנט ווי אַ שפּין . קען אים ניט פאַרדייען . קען ניט קוקן אויף זײַן פּרצוף.

פינצטער

חושך מצרים . פינצטער ווי די נאַכט . כאָטש נעם אַרויס אַן אויג.

פּיעשטשען

אַרומטאַנצן אויף די שפּיץ פינגער . בלאָזן אונטער די נעגעלעך . גלעטן די הערעלעך אַראָפּ . ציטערן ווי איבער אַן אתרוג . צעלאָזן . צערטלען. זע: קאַפּריזנע.

פּיפּיק

אָפּנאַרער . אַפעריסט . דעפּרווידירער . דרייקאָפּ . כיטרע . פאַלש . פירט בײַ דער נאָז . שווינדלער.

פּלאַפּלער

אַ צונג אויף רעדלעך . אַ צונג אָן ביינער . האָט אַ שטאָך צום רעדן . בײַן מאָס רייד . פלוידערזאַק . רעדט גיך און שפּאַרעוודיק . רעדט פאַר פײַער און פאַר וואַסער.

פּלוידערן

האַקן אַ טשײַניק . טראַסקען . ליאַפּען . פאַרהאַקן דעם קאָפּ . פּלאַפּלען . רייד שיטן זיך ווי פון אַרבל.

פלייסיקער

איינגעשפּאַנט אין יאָך . אַקערט מיט דער נאָז די ערד . געפינט אַרבעט אונטער דער ערד . די ערד ברענט אונטער אים . ניט פאַרשלאָפן . פאַרקאַטשעט די אַרבל . פאַרשאַרט די אַרבל . ציט די ליאַמקע.

פלינק

אַ יאַט מיט ביינער . דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג . שפּאַרט זיך אַדורך מיט די עלנבויגנס.

פעיק

אויסגערויכערטע לולקע . אויסגעשפּילטע סחורה . בּריה . געראָטן . מוצלח. זע : צעלייגער.

פיקוח־נפש

איינשטעלעניש . געפאַר . דער טויט פאַר די אויגן . סכנה . סכנת־נפשות . ריזיקאַליש.

פּראָסט

אומאיידל . אומטאַקטיש . אַ מויל ווי אַ מיסט־קאַסטן . געשמאַקלאָז . גראָב . גראָבער יונג . גראָבע מאַנירן . גראָבער נפש . ווולגאַר . כאַם . מגושמדיק . בידעריקער אָפּשטאַם . ניט אָנשטענדיק . ניט קולטורעל . פאַרגרעבט . פרימיטיוו.

פרום, פרומער

בעל־אמונה, כאַפּט אָן גאָט פאַר דער באָרד. זע גלויביק, פאַנאַטיש.

פרומע ייִדענע, פאַנאַטישע ייִדענע

בוימל־פישערין . גבאיטע . דאַווענערקע . זי איז שמן זית זך . חזנטע . צדקת . רעדט לשון־קודשדיק . רעדט מיטן רבונו־של־עולם אַליין.

פרייַנדשאַפט

איבערגעגעבנקייט . גוטער ברודער . געטרייַשאַפט . חברישקייט . ידיד־נפש .

ער איז מיט אים אַ קנעפּל שבקנעפּל . ער איז מיט אים אַ שמעלקע שבשמעלקע . ער זאָגט פאַר אים אַ גוט וואָרט . ער לייגט זיך פאַר אים אין דער לענג און אין דער ברייט . צוגעבונדנקייט.

פּרעסן — (זע עסן)

צו להכעיס (צולאַכעס)
דווקא . רעדט אויף צעפּיקעניש . רעדט אין דער גאַל אַרײַן.

ציטעריק קינד
אַ בן־זקונים . אַ בן־יחידל . אַ מזיניקל . אַן אויסגעבעטן קינד . אַן אויסגעוויינט קינד . אַן אָפּגעשריגן קינד . אַ געשענקט קינד . אַ צאַפּלדיק קינד . מ׳ציטערט איבער אים, ווי איבער אַן אתרוג.

צעלאָזן זיך
ברענען אַ וועלט . ווילדעווען . זיך לאָזן ווילגיין . צעהוליען זיך . צעשאָקלען זיך . קונדייסעווען . שטיפן.

צעלייגער
אַ גאַנצער קנאַקער . אויפטוער . געלונגענער . גערעטענער . דערגרייכער . מצליח . פּעיִקער. זע: פּעיִק, שוויצער.

צעשטרײַט
איבערגעדרייטער שליסל . ניט קיין געשטעלטער . פאַרדרייטער שלייער . צעדרייטע לאַצן . צעטראָגענע בריה . צעפאָרן . צעפלויגן . צעשרויפט. זע משוגע.

קאַכלעפל
אַ גבאי/טע . אַ חזן/טע . ווו מ׳זייט אים ניט, דאָרט וואַקסט ער . מישט זיך אין אַלע טעפּלעך . קהלשע קליאַמקע . שטאָט־באַלעבאָס . פאַרזאָרגער . פאַרזאָרגעריך.

קאַלטבלוטיק
באַהערשט . גליַיכגילטיק . געדולדיק . געלאַסן . ווערט ניט נתפּעל . טרוקענע נשמה . מיושבדיק . מילד . נעמט זיך ניט צום האַרצן . ס'אַרט אים, ווי דער פאַראַיאָריקער פראָסט . ס'אַרט אים, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי . קאַלטער מלאך . שטייט, ווי ניט אים מיינט מען.

קאַליקע
לאַטוטניק . לא־יוצלח . פאַרטאַטש.

קאַפּריזנע
אויסקליַיבער . איבערקליַיבער . בראַקעווער . בריקעווער . דער מאַמעס „קדיש" . האָט פליגן אין נאָז . האָט פליי אין נאָז . לאָזט זיך בעטן . מפונק . פאַרדרייט מיט דער נאָז . פאַרקרימט מיט דער נאָז . פיַינשמעקער . ציטעריק קינד . צעבאַלעוועט . צעלאָזן . צעפּיעשטשעט. זע : משוגע, פּיעשטשען, שגעון.

קאַרגער
ביז ער גיט אַ נדבה קריכן אַרויס דעם קבצן די אויגן פון קאָפּ . גיט און לאָזט פון האַנט ניט אַרויס . די הענט ציטערן . דרעקפּרעסער . ניט פון די צוואַר־פערס . סקנער . פאַרגינט זיך ניט דעם ביסן ברויט . פאַרגינט זיך ניט דעם לעבן . פאַרמאַכטע האַנט . צוליב אַ גראָשן גרייט פאַרקויפן טאַטע־מאַמע . ציילט די גרויפּן אין טאָפּ אַריַין . קוואַפּעט זיך אויף מציאות . קמצן . קען זיך ניט שיידן מיטן גראָשן . שטעקט אַריַין די האַנט אין קעשענע און נעמט זי אַרויס אַ ליידיקע . שלאָפט אויפן געלט. זע : שפּאָרן.

קבצן
אַ בעטלער . אַ געמאַטערט לעבן . אַ דלפון . איז אויף געהאַקטע צרות . אַ קבצן אין זיבן פאָלעס . אַקערט מיט דער נאָז די ערד . אַ שלעפּער . אַ שנאָרער . האָט ניט קיין צעבראָכענעם גריַיצער ביַי דער נשמה . האָט צו ווייניק צום לעבן און צו פיל צום שטאַרבן . ווען ער האַנדלט מיט תכריכים, וואָלט קיינער ניט געשטאָרבן . ווערט פאַרשוואַרצט. זע : אָרעמאַן, אָרעמקייט, פאַראָרעמט.

קימפּעטאָרין

אַ יולדת. גייט צו קינד. געווינערין. האָבערין. ליגט אין קימפּעט. זע טראָגן.

אַ קלאַפּ

אַ גאָב. אַ האַק. אַ וויש. אַ זבענג. אַ זעץ. אַ טויטש. אַ טראַסק. אַ טשמעל. אַ מעק. אַ פּאַטש. אַ פֿאַרפֿאַר. אַ פֿליאַסק. אַ פֿליק. אַ פּראַסק. אַ קנאַק. אַ רײַב. אַ שאָס. אַ שטויס. אַ שטורכע. אַ שלאָג. אַ שמײַס. אַ שמיר.

קלאַפּן

אָנלייגן אַ קאָלנער סחורה. אַרײַנפּאָרן אין די ציין. אַרײַנפּאָרן אין מאָרדע. ברעכן די ביינער. פּיצקען. שלאָגן. שפּאַלטן דעם קאָפּ.

קלוג, קלוגער

איבערגעשפּיצט. אַ ממזר. אַ פֿוקס. געשליפֿן. דורכגעטריבן. זוכט ניט קיין ענטפֿער אין קעשענע. חכם. ניט קיין פּעפּקע. פּיקח. קוקט, הערט און שווײַגט. שמד־קאָפּ.

קליינער

אַ „טל־ומטר" אין אַ קליין סידורל. אַ פֿאַרפֿעלע. אַ פּיצל. ליליפּוט. קאַרליק. „קורצער פּרײַטיק".

קנאה, מקנא

אויפֿעסן מיט די אויגן. גרויסע אויגן. ניט פֿאַרגינען. פֿאַרגינט ניט דעם ביסן. פּלאַצט פֿון קנאה.

קראַנק

אײַנגעבראָכן. איינגעלייגט. איינגעפֿאַלן. אַ צעבראָכענער „טשערעפּ" (שאַרבן). געפֿינט זיך ניט קיין אָרט. חולה. חלוש. חָרב קראַנק. טויט־קראַנק. לא־עלינו. לא־עליכמדיק. ליגט אַ פֿאַרטראָגענער. ניט מיט אַלע־מען. פֿאַרבײַ. שלאָף. זע: חלוש.

קריגן זיך, קריגערייַ

אויף מעסערס . אונטערהעצען . אינטריגע . אַמפּערן זיך . העצערייַ . הרגענען זיך . מאַכן אַ בייז לעבן . מחלוקת . עסן זיך איינער דעם צווייטן . פאַרקאָכן אַ קאַשע . צעבלאָזן אַ פייַער . צעווערטלען זיך . צעקאָכן זיך . קוילענען זיך . קידער־ווידער . רייַסן זיך פאַר די האָר . רייַסן זיך פאַר די נעז . רייַסן זיך פאַר די קעפּ . רייַסעניש. זע: כעס, רוגז, שׂנאה.

רייַך

אַ גביר . איז אין די פעדערן . אַן אַדיר . אַ נגיד . אָנגעשטאָפּט . אַן עושר . אָפּגעשאָטן מיט געלט ווי בלאָטע . אָפּגעשאָטן מיט געלט ווי מיסט . באָדט זיך אין גוטס . באַזאָרגט . גייט מיטן קאָפּ אַרויף . געלט־פּרעסער . לעבט אַ גוטן טאָג . פאַרמעגלעך . פירט זיך אויף דער ברייטער האַנט . קען זיך דערלויבן . קען זיך פאַרגינען . שאַרט גאָלד . שטיין רייַך. זע: הצלחה.

רכילות

אַ בלבול . אַ פּליאָטקע . בייַ לייַטן אין די מייַלער . באַרעדערייַ . לשון־הרע . צעלייגן אויף טעלערלעך.

רכילותניק

אַ בייזע צונג . אַז ער טראָגט צו מיר, טראָגט ער אויך פון מיר . אַרויסטראָגער . די צונג רוט ניט . האַלט אַלעמען אין מויל . ווו צוויי איז ער דער דריטער . רכילות־טרייַבער.

רעגן

אַ גיסעניש . אַ דראָבנער רעגן . אַ כליופּ . אַ מבול . אַ פּליוך . אַ שלאָקס־רעגן . גיסט ווי מיט עמערס . דער רעגן ליאַפּעט . דער רעגן שמייַסט.

רעוואָלווער

פּיסטאָלעט . שיסער . שפּייַער.

רעש

געפּילדער . דער הימל שפּאַלט זיך . מהומה . ס׳האָט זיך געשטעלט אַ יאַריד. זע: געפּילדער, מהומה.

שד

אַ גלגול . אַ דיבוק . אַ מזיק . אַ רוח . מחבל . מלאך־חבלה . „ניט־גוטער“ . סיטרא־אחרא . פּגע רע . שׂטן.

שוואַנגערע פרוי

אויף דער צײַט . אַ טראָגעדיקע . מעוברת . פאַרגאַנגען אין טראָגן. זע: קימפּעטאָרין.

שוואַך

חלוש . ער איז שוין אַ פּגר . קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אים . קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס . קוים וואָס ער זשיפּעט . קוים וואָס ער לעבט.
זע: חלוש.

שוויצער

מאַכער . פּוסטער פּראַנט . צעלייגער . רעדל־פירער. זע: צעלייגער.

שטאַמלער

אַ פּול מויל מיט צונג . געבעבעט, ניט גערעדט . זאַיִקע . כבד־לשון . כבד־פּה . פּיקאַטש . שלינגט די ווערטער.

שטאַרבן, געשטאָרבן

אַוועק אויף די שפּיץ פינגער . אַוועק פון דער וועלט . אַוועק שלאָפן . אויסגעצויגן די פּאָדקאָוועס . אויסגעצויגן די פיס . אויסגעצויגן זיך . איז שוין נאָך אַלעמען . אָנלייגן מיטן קאָפּ . אָפּזאָגן די קאַפּאָטע . אָפּטראָגן זיך . אָפּרוקן זיך . אַריבערפּעקלען זיך . געמאַכט אַ שטאַרב . ליגט מיט די ציין אַרויף . נפטר געוואָרן . פאַרכאַפּט געוואָרן . צומאַכן אַן אויג . קריגן דעם שלאַק.
זע: גוססט.

שטום, שטומקייט

אַ וואָרט — אַ רענדל . אײַננעמען שטומעניש . אָננעמען אַ פול מויל מיט וואַסער . אַ שווײַגער . בלײַבן אָן לשון . האַלטן די צונג פאַר די ציין . ניט עפענען אַ מויל . שטום־לשון.

שטופּן

שטויסן . שטורכען . שפּאַרן.

שטיל, שטילקייט

גיין אויף די שפּיץ פינגער . מורמלען . שושקען זיך . שטיל ווי אויפן בית־עולם . שעפּטשען.

שטיפער

אַ באַנדיט . אַ גלגול . אַ טײַוול . אַ יונגאַטש . אַ מה־יעשׂהניק . אַ מזיק . אַ פֿײַער . אַ שד זיצט אין אים . אַ שייגעץ . אַ שעלמע . ברענט אַ וועלט . דאָס ווײַסל פון אויג . דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג . די ערד ציטערט אונטער אים . קונדס . קוועקזילבער . קערט וועלטן.

שיך

גייערס . טרעטערס . פּאַנטאָפל . קאַמאַשן . שטיוול . שטעקשיך.

שיין

אַ גלאַט פּנים . אָפּגעטאָקט . בלוט און מילך . גאָלע קום אַהער . יופידיק . פּאַרכאַפּט אַן אויג . פּײַן . צוציִענדיק . רייצנדיק . שיין צו שיין איז ניט גלײַך.

שיכּור, שיכּורן

אַ גוטער חבר מיטן פלעשל . איז מלא . באַנעצט די ליפּן . בגילופין . גיסט אַרײַן . גיסט ווי אויף אַ שטיין . דערקוויקט די נשמה . האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן . האַלט זיך קוים אויף די פיס . וואַלגערט זיך פון די פיס . זײַט פון פלעשל . זשליאָקעט . טוט אַ שמעק פון פלעשל . טויט שיכּור . טרינקט וויפל ס׳גייט נאָר אין אים אַרײַן . טרינקער . כאַפּט אַ כּוסה . לעשט דעם דאָרשט . מאַכט אָפּט „לחיים" . מאַכט אָפּט „קידוש" . מאַכט אָפּט „שהכּל" . נעמט אַ גלעזל . נעמט אַ קאָפּ . פאַלט פון די פיס . פאַרזוכט פונעם ביטערן טראָפּן . פאַרטרינקט די צרות . קוקט אַרײַן אין דער כּוסה . קוקט אַרײַן אין פלעשל . קערט אַרײַן . שיכּור ווי לוט.

שלאָגער

האָט אַ גוטע „אונטערשריפט״ . האָט אַ גוטע „האַנטשריפט״ . האָט אַ גוטן „כּתב־יד״ . האָט אַ גוטע „מתּנת־יד״ . וואַרפט זיך צו אַלעמען . קאַטעוועט צום טויט.

שלימזל

אַ נעבעך . אומבאַהאָלפן . טאַנדעטניק . לאַטוטניק . פּאַרטאַטש . קאַליקע . קען ניט אַ קאַץ דעם עק פֿאַרבינדן . שטיק האָלץ . שלאַק. זע: אומפּעיִק, טויגעניכטס.

שלעכט, שלעכטער

אַ ביטערער מענטש . אַ בייזער . אַ יאַבעדניק . אַ פֿאַרביסענער . אַ רשע . אַ רשע ווי המן . אַ רשע ווי טיטוס . אַ רשע ווי עמלק . אַ רשע מרושע . אַ שלאַנג . בײַסיק . בלוט־זויגער . גיפֿטיק . האָט ניט קיין גאָט אין האַרצן . כּלב שבּכּלבים . סם־המוות . פּגע רע . רײַסט אַרויס דעם ביסן פֿון מויל.

אַ שלעכטע

אַ פּלאָג . אַ שלאַק מן השמים . אַ שלעכטס . יאַשטשערקע . כּלבתא (קלאַפּטע) . מכשפֿה . מרשעת . פֿאַרשנורעוועטע ליפּעלעך . קליפּה.

שמוציקייט

הֶקדש . טינוף . טינופֿת . מוישב . עיפּוש . קויט . שלומפּערײַ.

שעלטן

אויסגלײַכן מיט דער ערד . שיטן פּעך און שוועבל. זע: יענטע.

שעמען זיך

באַגראָבן דאָס פּנים פֿאַר חרפּה. זע: באַשיידנקייט, עניוות.

שפּאָרן

אײַנברענגען . אײַנשפּאָרן . אָפּהיטן דעם גראָשן . אָפּקומען מיט אַבי וואָס . אָפּקומען מיט שיִיע־פּיִיע . אָפּרײַסן דעם ביסן פֿון מויל . פֿאַרזאָרגן אויף אַ

שוואַרצן טאָג. פאַרזאָרגן אויף אַ שלעכטן טאָג. פאַרזאָרגן אויף מאָרגן. שפּאָרן אַ גראָשן צו אַ גראָשן. זע: קאַרגער.

שׂונא

מ'איז אויף מעסערס. קוקט ניט אין זײַן ווינקל. קוקט ניט אין זײַן זײַט. קען אים ניט אָנקוקן ווי אַ שפּין. שׂונא ישׂראל. שׂונא ציון.

שׂנאה

אַכזריותדיקייט. בייז בלוט. האַס. רשעות. שׂנאת־חינם.

תּשובה

בעל־תּשובה. באַצאָלן פאַר זינד. גוט מאַכן. ווערן אַ נײַער מענטש. חוזר בתשובה זײַן. חרטה. חשבון הנפש. שלאָגן זיך על־חטא. תּשובה־טאָן.
זע: חרטה האָבן.

האָמאָנימען

האָמאָנים — דאָס זעלבע וואָרט
אין פאַרשיידענע באַדײַטונגען.

אוועק

אַוועק אויף די שפּיץ פינגער (געשטאָרבן) . אַוועק פון דער וועלט . אַוועק פון שטוב . ס׳איז מיר אַוועק אַ קאָרט.

אויסבעטן

אויסבעטן אַ גוט יאָר . אויסבעטן דאָס געלעגער.

אויסברעכן

אויסברעכן אין אַ געוויין . אויסברעכן אַ שויב . אויסברעכן דאָס עסן.

אויסגיין

אויסגיין די גאַנצע שטאָט . אויסגיין פון בענקשאַפט . אויסגיין פון הונגער . אויסגיין „שמונה־עשרה״. ס׳וועט אויסגיין צו זײַן קאָפּ . ער וועט אויסגיין ווי אַ ליכט.

אויסגעבונדן

ער איז אויסגעבונדן אין די געסלעך פון שטאָט . ער האָט אויסגעבונדן דעם שניפּס (קראַוואַט, אויסבינדער).

אויסגעבלאָזן

אויסגעבלאָזן די הייסע יויך . דאָס איז אַן אויסגעבלאָזן איי . דער ווינט האָט אויסגעבלאָזן דאָס בליִעכץ פון דיביימער.

אויסגעבן

אויסגעבן געלט. אויסגעבן די טאָכטער.

אויסגעהערט

איך האָב אויסגעהערט זײַנע טענות. דער דאָקטער האָט אויסגעהערט דעם קראַנקן.

אויסגעלאָפן

אויסגעלאָפן די שטאָט אים זוכן. די מילך איז אויסגעלאָפן.

אויסגעמישט

אויסגעמישט דאָס געקעכץ. אויסגעמישט קאָשע מיט באָרשטש.

אויסגעקומען

מיר איז אויסגעקומען צו זײַן בײַ אים. ער איז אויסגעקומען מיט אַ שטיקל ברויט.

אויסגעריסן געוואָרן

אין זײַן שווערן וועג איז ער אויסגעריסן געוואָרן. דאָס בלעטל איז אויסגעריסן געוואָרן פון בוך.

אויסגעשטעלט

דער מאָלער האָט אויסגעשטעלט זײַנע בילדער. ער האָט מיך אויסגעשטעלט פאַר אַ נאַר.

אויסגעשלאָגן

אויסגעשלאָגן די הוצאות. אויסגעשלאָגן די שויבן פון די פענצטער.

אויסדרייען

אויסדרייען אַ פוס. אויסדרייען די וועש. ער וויל זיך אויסדרייען פון אַן ענטפער. ער מאַכט איר אויסצודרייען.

אויסהאַלטן

די עלטערן דאַרפֿן אויסהאַלטן זייערע קינדער . זיי וועלן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען . זיי קענען שוין ניט אויסהאַלטן פֿון אים.

אויסנווייניק

איך האָב געפּאַרבט נאָר אויסנווייניק . איך קען דאָס ליד אויסנווייניק.

אויסנעמען

איך וויל אויסנעמען אַ תּנאַי . די כּלה וועט אויסנעמען בײַ די מחותּנים . ער איז געקומען אין שול אַרײַן שוין צום אויסנעמען.

אויסציִען

אויסציִען דאָס שטריקל . אויסציִען די פּיס . אויסציִען מיט די פּיס.

אויסשטעלן

אויף מיר האָסטו ניט וואָס אויסשטעלן . דער מאָלער וועט אויסשטעלן זײַנע בילדער.

אויסשיסן

אויסשיסן מיט אַ געווייִן . אויסשיסן מיט אַ געלעכטער . אויסשיסן פֿון אַ ביקס.

אויפֿגעשטעלט

אויפֿגעשטעלט דעם געפֿאַלענעם . אויפֿגעשטעלט די מאָסע קעגן דער רעגי־רונג . אויפֿגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר.

אומזיסט

איך זיץ אומזיסט . איך האָב באַקומען דאָס ביכל אומזיסט . באַשולדיקסט מיך אומזיסט.

אונטערגעגאַנגען

אונטערגעגאַנגען צו איר שטילערהייט . די שיף איז אונטערגעגאַנגען.

אונטערגעפֿאָרן

אונטערגעפֿאָרן מיטן וואָגן . ער איז אים אונטערגעפֿאָרן.

אונטעררײַסן

אונטעררײַסן די פֿאַרזאַמלונג . ער וועט זיך אונטעררײַסן.

אונטערשטעלן

אונטערשטעלן אַ בענקל . אונטערשטעלן אַן אַקסל . אונטערשטעלן אַ פּיסל.

איבערגעדרייט

אַן איבערגעדרייט שליסל . די קינדער האָבן איבערגעדרייט די שטוב . ער האָט ניט איבערגעדרייט דאָס מויל.

איבערדרייען

איבערדרייען דעם קראַגן . איבערדרייען די רייד.

איבערלייגן

איבערלייגן פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן . איך וועל זיך איבערלייגן.

איבערלעבן

איבערלעבן אַ שווער שטיקל צייט . מיר וועלן איבערלעבן אונדזערע שונאים.

איבערקאָבן

איך קען ניט איבערקאָכן זײַן אויפֿפֿירונג . מ׳דאַרף איבערקאָכן נאָך אַ מאָל דאָס אײַנגעמאַכטס.

אײַנגיין

ס׳וועט אים ניט אײַנגיין דאָס פֿאַרברענגען . ער וועט אײַנגיין אויף אַ פּשרה.

אײַנגעבויגן

האָט זיך אײַנגעבויגן איבערן טיש . ער איז אײַנגעבויגן אין דרײַען.

אײַנגעזייפט

אײַנגעזייפט די וועש . ער האָט מיך אײַנגעזייפט.

אײַנגעלייגט / אײַנלייגן

אײַנלייגן וועלטן . אײַנלייגן געלט . אײַנלייגן אַ משכּון . ער ליגט אײַנגעלייגט.

אײַנגעפאַלן

דאָס הויז איז אײַנגעפאַלן . ס׳איז אים אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק . ער איז אײַנגע־פאַלן צום בעט . ס׳איז מיר אײַנגעפאַלן אין האַרצן פון שרעק.

אײַנגעשטעלט

אײַנגעשטעלט אוגערקעס צום זײַערן . אײַנגעשטעלט אָרדענונג . איך האָב אײַנגעשטעלט מײַן לעבן . איך האָב זיך אײַנגעשטעלט פאַר אים.

אײַנהאַלטן

איך וועל זיך אײַנהאַלטן . איך קען ניט אײַנהאַלטן דאָס פערד.

אײַנזעצן

אײַנזעצן אין תּפֿיסה . אײַנזעצן פלאַנצונגען.

אײַנשטיין

אַזאַ געשעפט מעג אײַנשטיין אין אַ גרויסער שטאָט . ער קען ניט אײַנשטיין אויף איין אָרט רויִק.

אַ מעשׂה

האָט זיך פאַרלאָפן אַ מעשׂה . האָסטו געהערט אַ מעשׂה? . הייבט זיך אָן אַ מעשׂה . לאָזט זיך אויס אַ מעשׂה.

אָנבלאָזן, אָנגעבלאָזן

אָנבלאָזן די באַקן . אָנבלאָזן זיך . גייט אַרום אָנגעבלאָזן.

אָנגעזאַלצט

אָנגעזאַלצט אויף דער נשמה . אָנגעזאַלצט דאָס עסן.

אָנגעזעצט

ער האָט אָנגעזעצט געלט . ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים. זע: אָנגעלייגט.

אָנגעכאַפּט

אָנגעכאַפּט אים בײַ דער האַנט. אָנגעכאַפּט אַ סך פּיש. ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט אַ הוסט.

אָנגעכאַפּט זיך

אָנגעכאַפּט זיך אויף זײַנע שאַרפֿע ציין. אָנגעכאַפּט זיך אין אַ שטרוי. אָנגעכאַפּט זיך אין דעם געדאַנק. אָנגעכאַפּט זיך אין דער מציאה. אָנגעכאַפּט זיך בײַ זײַן האַנט.

אָנגעלייגט

אָנגעלייגט אַ פֿולע שיסל. אָנגעלייגט וועג. אָנגעלייגט מיטן קאָפּ. אָנגעלייגט אַ קאָלנער סחורה (אָנגעשלאָגן). אָנגעלייגט = אָנגעזעצט, ניט באַצאָלט. מײַן אַרבעט איז ניט אָנגעלייגט בײַ אים.

אָנגעצונדן

האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. האָט זיך אָנגעצונדן אויף אים.

אָנגעשאַרפֿט

אָנגעשאַרפֿט אויף אים די ציין. אָנגעשאַרפֿט דעם מעסער.

אָנגעשטעלט

אין צימער איז אָנגעשטעלט. דער פֿידלער האָט אָנגעשטעלט זײַן פֿידל. זי איז אָנגעשטעלט אויף אים קעמפֿעריש.

אָנגעשפּאַרט

אָנגעשפּאַרט אין בײדע באַקן. ס׳האָט אים אָנגעשפּאַרט. ער האָט אָנגעשפּאַרט ביז צום געריכט. ער האָט אָנגעשפּאַרט פֿולע קעשענעס.

אָננעמען

איך וועל אָננעמען דעם פֿאָרשלאָג. אָננעמען אַ פֿול מויל מיט וואַסער. אָננעמען זיך פֿאַר אים (פֿאַרטיידיקן). וועסט זיך אָננעמען מיט דער קרענק. וועסט זיך אָננעמען מיט צרות.

אָנציִען

אָנציִען אַ שטריק. אָנציִען בעטגעוואַנט. די חברה וויל אים אָנציִען. דער חולה וועט לאַנג ניט אָנציִען.

אָנקומען

זיי וועלן אָנקומען מאָרגן. ס׳איז ניט גוט אָנקומען צו קינדער.

אָנקוקן

חתן־כּלה קומען זיך אָנקוקן. ער קען אים ניט אָנקוקן. ער קען זיך ניט גענוג אָנקוקן אויף די שײנע בילדער.

אָפּגעגעבענער

אַן אָפּגעגעבענער חוב. אָפּגעגעבענער ברויט.

אָפּגעהאַקט

אָפּגעהאַקט אַ צווײַגל. אָפּגעהאַקט אין מיטן די רייד. אָפּגעהאַקט די פליגלען.

אָפּגעוואַשן

אָפּגעוואַשן דעם פלעק. ער האָט אים אָפּגעוואַשן (געזידלט).

אָפּגעטאָן

ער האָט אָפּגעטאָן זײַן אַרבעט. ער האָט אים אָפּגעטאָן אויף טערקיש.

אָפּגעטרייסלט

ער האָט אָפּגעטרייסלט די פרוכט פון בוים. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אים.

אָפּגעלאָזט

אָפּגעלאָזט די הענט פון יאוש. דער פראָסט האָט אָפּגעלאָזט. דער שגעון האָט אים אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך אָפּגעלאָזט. זע: אָפּלאָזן, געלאָזן.

אָפּגעלאָפן

ס׳זײַנען אָפּגעלאָפן עטלעכע יאָר. ער איז אָפּגעלאָפן עטלעכע קילאָמעטער.

אָפּגעגנומען
איך האָב אָפּגענומען דעם חוב. אָפּגענומען פון וואָג. דער ווייטיק איז אָפּגע־נומען ווי מיט דער האַנט. ס'האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון.

אָפּגעפּאָרן
ער איז אָפּגעפּאָרן אַ שטיק וועג. ער האָט אים אָפּגעפּאָרן (געזידלט).

אָפּגעריסן
אַן אָפּגעריסענער נאַר. אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. די פרוכט איז אָפּגעריסן פון בוים. דער הונט האָט זיך אָפּגעריסן פון קייט. דער הענגער האָט זיך אָפּגעריסן. ער איז אָפּגעריסן פון זײַן משפחה. ער האָט זיך אָפּגעריסן אויף איר.

אָפּזאָגן
אָפּזאָגן אַ קאַפּיטל תהילים. אָפּזאָגן די קשה. אָפּזאָגן דאָס פּאַרמעגן. אָפּזאָגן די קאַפּאָטע.

אָפּטראָגן
אָפּטראָגן דאָס פּעקל. אָפּטראָגן זיך פון דער זינדיקער וועלט. אָפּטראָגן זיך פון דער פאַרזאַמלונג.

אָפּלאָזן
אָפּלאָזן דעם גנב. אָפּלאָזן דעם געדאַנק. אָפּלאָזן זיך פון אים.

אָפּלייגן
אָפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק אַרײַן. אָפּלייגן אַן אָפּגעשפּאַרטן גראָשן. אָפּלייגן די פאַרזאַמלונג.

אָפענע, אָפענער
אויפגענומען אים מיט אָפענע אָרעמס. אַן אָפענע האַנט. אַן אָפענער קאָפּ. אַן אָפענע האַרץ. אַן אָפענע וווּנד. געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל. געלאָזט אָפענע פענצטער. ליגט מיט אָפענע אויגן.

אָפּעסן

אָפּעסן אַ מיטאָג . ער וועט אים אָפּעסן דעם קאָפּ. זע : עסן.

אָפּצאָלן

איך וועל אים אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מטבע . אָפּצאָלן דעם חוב.

אָפּרופן

אָפּרופן די באַשולדיקונג . דאָס וועט זיך אים אָפּרופן אויף דער עלטער.

אַראָפּגעפאַלן

אַראָפּגעפאַלן פון טיש . די ידיעה איז מיר אַראָפּגעפאַלן, ווי אַ דונער פון הימל.

אַראָפּגעשלונגען

אַראָפּגעשלונגען דאָס עסן . אַראָפּגעשלונגען די באַליידיקונג . ער וואָלט איר אַראָפּגעשלונגען גאַנצערהייט.

אַרויסגעוואָרפן

האָט אַרויסגעוואָרפן אַלטע זאַכן . זײַנע רייד זײַנען אַרויסגעוואָרפן.

אַרויסגעכאַפּט זיך

אַרויסגעכאַפּט זיך פון אַ שׂריפה . אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַ וואָרט.

אַרײַנגעלאָזט

ער האָט אים אַרײַנגעלאָזט אין שטוב . ער האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין טרינקען.

אַרײַנגעפאַלן

אַרײַנגעפאַלן אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט . אַרײַנגעפאַלן אין אַ שלעכטן עסק . אַרײַנגעפאַלן אין גרוב . אַרײַנגעפאַלן אין מיטן די רייד . אַרײַנגעפאַלן מיט אַ געוויין . אַרײַנגעפאַלן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט . אַרײַנגעפאַלן מיטן קאָפּ אין אָרון־קודש.

אַרײַנטרײַבן

אַרײַנטרײַבן די קו אין שטאַל . דאָס וועט אַרײַנטרײַבן אין גרויסע הוצאות.

אַרייַנכאַפּן

אַרייַנכאַפּן אַ גאָב . אַרייַנכאַפּן איידער ס׳ווערט שפּעט . אַרייַנכאַפּן וואָס עס לאָזט זיך . אַרייַנכאַפּן עפּעס אין מויל : זע : כאַפּן.

אַ שפּיל

אַ פּורים־שפּיל . אַ קינדער־שפּיל . אַ שפּיל פּאַרן טייַוול.

באַגאָסן

אַ שווייס האָט אים באַגאָסן . באַגאָסן די בלומען . דער רעגן האָט אים באַגאָסן . האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט . האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן.

באַצאָלט

איך האָב באַצאָלט טייַער פאַר מייַנע חטאים . באַצאָלט דעם חוב.

בלאָזן

בלאָזן אויף דער הייסער יויך . בלאָזן אויפן פייַער . בלאָזן זיך ווי אַן אינדיק . בלאָזן פון זיך מיט גאווה . בלאָזן שופר . חתנס צד בלאָזט זיך. זע : צעבלאָזן.

בעט

איך בעט אויס דאָס בעט . איך בעט דיך קומען . בעט אויס אַ גוט יאָר.

ברעכן

ברעכן אַ געזעץ . ברעכן די ביינער . ברעכן די שויבן . ברעכן די הענט פון צער . ברעכן די פינגער פון צער . ברעכן דעם קאָפּ אויף מאַכן פּרנסה . די ביינער ברעכן מיר.

ברענט, ס׳ברענט

די ווונד ברענט . דער וואַלד ברענט . וואָס ברענט דאָס אַזוי בייַ דיר ? . זי ברענט אַ פייַער . זי ברענט ווי אַ פייַער פון כעס . זי ברענט וועלטן . עס ברענט אויף אים דאָס היטל . ס׳ברענט מיר אויפן האַרצן . ס׳ברענט מיר פון פאַר־דרוס . ס׳ברענט ניט ! . ער ברענט איר די טריט.

גייט

גייט אויס נאָך איר . גייט אין גאָלד . גייט איר נאָך ווי אַ שאָטן . דאָס קינד גייט צו דער פרוי . די פרוי גייט צו קינד.

גלײַך

אין מײַנע אויגן איז דאָס גלײַך . גיי גלײַך (בדרך הישר) . גיי גלײַך (שוין) . גיי גלײַך אויס אַ וועלט . גיי ווי אַלע . גיי מיט גלײַכע.

געביסן

דאָס ייִנגל האָט געביסן פונעם ברויט . דער הונט האָט געביסן דאָס ייִנגל.

געבן

געבן אַ „גוט־אויג״ . געבן אַ מתנה . געבן אַ נאָמען . געבן אַן עצה . געבן זיך אַן עצה.

געהאַט

געהאַט יאָרצײַט . געהאַט צו זינגען און צו זאָגן . געהאַט צרות . נאָקעט ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

געוואַשן

געוואַשן די וועש . ער איז געוואַשן צו יעדן טיש.

געווינערין

געווינערין = יולדת . אַ קימפּעטאָרין . געווינערין = געווינט געלט.

געטראָפן

איך האָב געטראָפן וואָס ער קלערט . איך האָב געטראָפן פיל באַקאַנטע . געטראָפן אין ציל . געטראָפן דעם ריכטיקן מענטש . געטראָפן ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַרײַן . דו האָסט געטראָפן דעם פּלאַץ . ער האָט געטראָפן מיט איר.

געכאַפּט

אי פעטש געכאַפּט, אי פוילע פיש געגעסן . געכאַפּט אַ ייִשוב . געכאַפּט פאַר

דער האַנט. געכאַפּט פאַר דער צונג. האָט איר געכאַפּט אויף דער הייסער מינוט. האָט זיך געכאַפּט אויף דעם הינטערשטן רודער. האָט זיך געכאַפּט צו שפּעט. מיט איין שאָס געכאַפּט צוויי האָזן. זע: אַריינכאַפּן, כאַפּן.

געלאָזט

דאָס אייז האָט געלאָזט. האָט אים געלאָזט טרינק־געלט. האָט אים געלאָזט לויפן.

געעפנט

געעפנט אַ מויל. געעפנט די טיר. געעפנט די פאַרזאַמלונג. געעפנט דעם קאָפּ (אויפגעקלערט). געעפנט דעם קאָפּ (געלעכערט).

געפאַלן

געפאַלן אויפן גלייכן וועג. געפאַלן אויף אַ געדאַנק. געפאַלן אויפן קאָפּ. געפאַלן אויפן שכל. ער איז ניט געפאַלן ביי זיך.

געפלויגן

געפלויגן דורכן פענצטער. געפלויגן ווי אַן אונטערגעשאָסענער. געפלויגן ווי אַ פייל פון בויגן. געפלויגן ווי אַ פּסחדיקער מלאך. געפלויגן פון זיין פּאָסטן. די פייגל זיינען געפלויגן. ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. פונקען זיינען געפלויגן פאַר די אויגן. קלעפּ זיינען געפלויגן.

געפעלט

דער שידוך געפעלט אים ניט. ס׳האָט געפעלט געלט.

געריכט

איך האָב זיך ניט געריכט אויף אים. ער איז געשטאַנען פאַרן געריכט.

געשוואָלענע

איך האָב געשוואָלענע פיס. ער זיצט אויף אַ געשוואָלענער פרנסה.

געשטאַנען

געשטאַנען אויף זײַן מזל . געשטאַנען אויף זײַנס . געשטאַנען פון דער צווייטער זײַט . געשטאַנען שמונה־עשׂרה.

געשלאָגן

געשלאָגן דאָס ייִנגל . געשלאָגן דעם שׂונא . געשלאָגן כּפּרות . געשלאָגן על־חטא . ער איז געשלאָגן פון גאָט . ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה.

דורכקומען

זיי וועלן דורכקומען צווישן זיך . מיט אַזאַ פּרנסה קען מען דורכקומען . מיר וועלן דורכקומען די שלעכטע צײַט.

דערגייט

דאָס דערגייט צום האַרצן . זי דערגייט אים ביז די אַקסלען . זי דערגייט ביז איר שטוב . זי דערגייט ניט צו זײַנע פּיאַטעס . ער דערגייט איר די יאָרן.

דערלאַנגט

דערלאַנגט אַ גאַב . דערלאַנגט צום בעט . דערלאַנגט איר דאָס טעלערל פון הימל.

דערלעבט

דאָס פלייש דערלעבט ניט זיך אײַנקאָכן . דער טאָג דערלעבט ניט אָנקומען . דערלעבט איבער אַ יאָר . דערלעבט אייניקלעך . דערלעבט משיחן . ער האָט קוים דערלעבט דעם פּרימאָרגן.

דערעסן

האָט ניט דערעסן דעם פרישטיק . זײַנע רייד האָבן זיך איר דערעסן.

דערשלאָגן

דערשלאָגן = טרויעריק, פאַרדאגהט, פאַרזאָרגט, פאַרייִאושט, פאַרצווייפלט . דערשלאָגן צום טויט . האָט זיך דערשלאָגן צו אַ גוטער פּרנסה.

דרייט

דרייט אַ לירע . דרייט אַ קאָפּ . דרייט דאָס רעדל . דרייט די האָר . דרייט מיטן גראָבן פינגער . דרייט מיטן ווידל . דרייט מיט דער צונג . דרייט צוריק.

דרייט זיך

דרייט זיך אַרום איר . דרייט זיך מיט איר . דרייט זיך הקפות . דרייט זיך ווי אַ וואָרעם . דרייט זיך ווי אַ שלאַנג.

האַלט

איך האַלט, אַז ער איז אַ נאַר . איך האַלט ביַי אים געלט . איך האַלט דאָס מיט ביידע הענט . איך האַלט וואָרט . איך האַלט מיט אים . איך האַלט פאַר אים . איך האַלט ניט אויס פון אים . איך האַלט פון איר אַ וועלט . איך האַלט שוין ביַי אַכציק . ער האַלט מיַין שוועסטער.

האָר

זיַין לעבן הענגט אויף אַ האָר . ער גלעט איר מיט די האָר אַראָפּ.

הייס

איך הייס ראובן . איך הייס דיר אַרויסגיין . די טיי איז הייס.

הענגט, הענגען

די בגדים הענגען אויף אים . דער פאַרברעכער הענגט אויף דער תּליה . וועש הענגט אויפן שטריקל . ער הענגט אין דער לופטן . ער הענגט זיך אויף איר.

וואַלגערט

דער שיכּור וואַלגערט זיך פון די פיס . זי וואַלגערט דאָס בלעטל טייג . זיַין געשעפט וואַלגערט אים פון די פיס . עס וואַלגערט זיך נאָך אַ גראָשן אין קעשענע . ער וואַלגערט זיך אין דער פרעמד . ער וואַלגערט זיך באַרג אַראָפּ.

וואַרף

וואַרף אַוועק דעם שטיין . וואַרף אַן אויג אויף איר . וואַרף זיך אַרויס . וואַרף זיך אַרײַן.

וואַרפט, ס'וואַרפט

זי וואַרפט אַן „אייגעלע״ . זי וואַרפט זיך אין די אויגן . זי וואַרפט זיך מיט דעם . זי וואַרפט זיך פון כּעס . ס'וואַרפט אים העכער דעכער.

זאָגן

זאָגן די הגדה . זאָגן דעם אמת.

זאַלץ

זאַלץ אויס דאָס פלייש . זאַלץ דיר אין די אויגן . ער שיט זאַלץ אויף די ווונדן.

זוך

זוך די קרובים . זוך דעם ווינט אין פעלד . זוך זיך ניט קיין צרות.

זויגט

דאָס קינד זויגט . דער זון זויגט געלט פון זײַן פאָטער . זויגט דעם קליאַק פון די ביינער.

זיצט

זיצט אין תּפיסה . זיצט ווי אויף שפּילקעס . זיצט ווי אַ מחותן אויבנאָן . זיצט שבעה.

זעצן

איך וועל זיך ניט זעצן וויינען . דער בעקער וועט זעצן דאָס ברויט אין אויוון . דער ריכטער וועט אים זעצן אין תּפיסה . ער וועט זיך זעצן שבעה . פון שרעק זעצן זיך מיר די פּיס.

חלשט

עס חַלשט אים דאָס האַרץ . ער האָט געחלשט . ער חלשט נאָך איר.

טאָגט

ווו ער טאָגט, דאָרט נעכטיקט ער ניט . עס טאָגט שוין . ער טאָגט און נעכטיקט ביי איר.

טאַנצט

ער טאַנצט אַרום איר . ער טאַנצט מיט איר.

טאַפּט

אַ טאַפּ טאָן אין וואָגן . טאַפּט אַ וואַנט . טאַפּט אין די קעשענעס . טאַפּט אין דער פינצטער.

טויט

טויט הונגעריק . טויט מיד . טויט קראַנק.

טייַער

דאָס איז טייַער פאַר מיר . ער איז אַ טייַערער מענטש . ער האָט באַצאָלט טייַער פאַר זייַנע זינד . ער האָט באַצאָלט טייַער פאַר זייַנע פעלערן.

טראָגט

זי טראָגט אים אונטער . זי טראָגט פון אים . עס טראָגט פון דעם אַ ריח . ער טראָגט אַ פּעקל . ער טראָגט שיינע בגדים.

טראָגן

די פיס טראָגן שוין ניט . זי וועט טראָגן נאָך עטלעכע חדשים . ס׳וועט מיר נאָך טראָגן אויף הוצאות.

טרוקענע

אַ טרוקענע טובה . טרוקענע קלעפּ.

טרייסלט

טרייסלט אים אויס פון אַרבל • טרייסלט אים ווי אַ לולב • טרייסלט זיך אָפּ פון אים. זע: אָפּגעטרייסלט.

טרעט

ער טרעט אים אָפּ דעם וועג • ער טרעט אים מיט די פיס • ער טרעט אַרײַן אין דעם געשעפט.

טשעפּעט

טשעפּעט זיך אָן אין אַ וואָרט • טשעפּעט זיך צו איר • טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט. זע: פאַרטשעפּעט.

כאַפּן

כאַפּן אַ באַגראַב • כאַפּן אַ ביס • כאַפּן אַ דרימל • כאַפּן אַ זופּ • כאַפּן אַ זײַטיקן פאַרדינסט • כאַפּן אַ טרונק • כאַפּן אַ יאָג • כאַפּן אין די ציין • כאַפּן אַ כראָפּ • כאַפּן אַ קוק • כאַפּן אַ קוש • כאַפּן אַ שלאָף • כאַפּן אַ שמעק טאַבאַק • כאַפּן דאָס עסן • כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס • כאַפּן די פיש פאַרן וואַסער • כאַפּן דעם אָטעם • כאַפּן דעם גנב • כאַפּן וואָס ס׳לאָזט זיך • כאַפּן פון יענעמס מויל • כאַפּן פּעטש. זע: אַרײַנכאַפּן, געכאַפּט.

כּפּרות

איך דאַרף דאָס האָבן אויף כּפּרות • דאָס טויג אויף כּפּרות • שלאָגן מיט דעם כּפּרות.

כּשר

כּשר גערעכט • כּשר פאַרדינט די אויסצייכענונג • כּשר פאַרדינט זײַן שטיקל ברויט • כּשר פאַרדינט זײַן שטראָף.

לאָז

לאָז אים אַרײַן . לאָז אים אַרויס . לאָז אים גריסן . לאָז זיך אָפּ פון אים . לאָז זיך דינען . לאָז מיך אָפּ . לאָז מיך געמאַך . לאָז מיך צו אַהין . לאָז מיר עפּעס זאָגן . לאָז ניט אַרײַן אין דער לאַנגער באַנק . לאָז פּאַר מיר אַ ביסל.

לאָזט

לאָזט אים ניט אויף די אויגן . לאָזט אים ניט אַרײַן אין שטוב . לאָזט אים ניט לעבן . לאָזט אים ניט שלאָפן . לאָזט אים ניט עפענען דאָס מויל . לאָזט אים ניט עפענען די טיר . לאָזט אָפּ די לייצעס . לאָזט זיך אויס אַ בוידעם . עס לאָזט זיך עסן.

לאַכט

לאַכט אויף אַ קול . לאַכט אים אויס . לאַכט אָפּ פון אים . לאַכט אָפּ פון דעם . לאַכט צוזאַמען מיט אים.

לייגט

לייגט אין מויל אַרײַן . לייגט אין קעשענע אַרײַן . לייגט אָפּ געלט . לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט . לייגט זיך שלאָפן.

לעבט

לעבט אָן איר . לעבט מיט איר . לעבט מיט דעם געדאַנק . לעבט מיט דער האָפענונג . לעבט פאַר איר . לעבט צוליב איר . ער לעבט אונטער מיט איר . ער לעבט דאָס איבער שווער.

לעבן

געמאַכט אַ לעבן . זי האָט אַ פינצטער לעבן . זי האָט אַ שיין לעבן . נעמט זיך דאָס לעבן מיט די אייגענע הענט . נעמט לײַכט דאָס לעבן . פאַרשפּילט אַ לעבן.

לעק

איך לעק ניט קיין האָניק . גיב מיר אַ לעק פון דעם . דער הונט האָט געגעבן אַ לעק מײַן האַנט . לעק זיך ניט אונטער.

לעקן

לעקן די פינגער . לעקן זייערע ווונדן . לעקן זיך אונטער.

לשון

גיב לשון . לשון־קודש . מאַמע־לשון. שטום־לשון.

מאַכט

מאַכט אַ בייז לעבן . מאַכט אַ „ברוך־הבא“ . מאַכט אַ ברית . מאַכט אַ ברכה . מאַכט אַ געשעפט . מאַכט אַ געשריי . מאַכט אַ וואָרע פּאַר אים . מאַכט אויס שידוך . מאַכט אונטערזוכונגען . מאַכט אונטער זיך . מאַכט אַ חורבן . מאַכט אַ חשבון . מאַכט אַ טראַסק . מאַכט אײַן . מאַכט אויס . מאַכט אים אויסצו־דרייען . מאַכט אים גלײַך מיט דער ערד . מאַכט אים דעם טויט . מאַכט אים צום געלעכטער . מאַכט אים צום נאַר . מאַכט אים צו שאַנד און צו שפּאָט . מאַכט איר אַ שוואַרצן שבת . מאַכט אַ מחק . מאַכט אַ „מי־שברך“ . מאַכט אַן אײַנדרוק . מאַכט אַן אָנשטעל . מאַכט אַ סך־הכּל . מאַכט אַ פריילעכע מינע . מאַכט אַ קנייטש . מאַכט אָרדענונג . מאַכט אַ רעש . מאַכט אַ שוסטערשן חשבון . מאַכט אַ שטאַרב . מאַכט אַ תּכלית . מאַכט אַ תּל . מאַכט „בורא מאורי האָש“ . מאַכט זיך געפּגרט . מאַכט זיך וויכטיק . מאַכט זיך כּלא־ידע . מאַכט זיך צום נאַר . מאַכט זיך תּמעוואַטע . מאַכט חוזק . מאַכט חי־געלעבט . מאַכט חנדעלעך . מאַכט יללות . מאַכט לײַטיש געלעכטער . מאַכט מיט די זײַטן . מאַכט מיט די ליפּן . מאַכט ניט צו מיט קיין אויג . מאַכט ניט קיין ווען . מאַכט ניט קיין צימעס פון דעם . מאַכט פוילע שטיק . מאַכט פון אַ וואָרט אַ קוואָרט . מאַכט פון איר אַש און בלאָטע . מאַכט פון איר אַש און פאָרעך . מאַכט פון דעם עפר־ואפר . מאַכט פון דעם גאָרניט . מאַכט פּרנסה . מאַכט צו נישט זײַנע טענות . מאַכט קידוש . מאַכט שבת . מאַכט שבת פאַר זיך . מאַכט אַ „שהכּל“ . מאַכט שלום.

מאַלט

דער מאָלער מאָלט אַ בילד . דער מילנער מאָלט דעם קאָרן . ער מאָלט (רעדט צו שנעל).

מזומן

מיר בענטשן מזומן . ער איז מוכן ומזומן . ער צאָלט מיט מזומן.

מיט אַלעמען

איך בין געקומען צוזאַמען מיט אַלעמען . איך בין עפּעס ניט מיט אַלעמען.

מעלקט

די פויערטע מעלקט די קו . דער זון מעלקט פון זײַן פאָטער.

נאָך

איך גיי נאָך איר . איך גיי איר נאָך . איך גיי נאָך אַלץ צו איר.

נעמט, מ׳נעמט

מ׳נעמט מיט זיך גאָרניט . ער נעמט איר מיט זיך . ער נעמט וואָס מ׳גיט אים . ער נעמט זיך צום עסן . ער נעמט זיך דאָס לעבן . ער נעמט זיך צו איר . ער נעמט זיך צרות מיט די אייגענע הענט.

ס׳גייט

ס׳גייט אים אַ קאָרט . ס׳גייט אים אין ליבע . ס׳גייט אים אין לעבן . ס׳גייט מיר ניט אין לעבן (ניט מצליח) . ס׳גייט מיר ניט אין לעבן (ניט פאַראינטערעסירט) . ס׳גייט אים בלוט פון נאָז . ס׳גייט צו ווינטער . ס׳גייט צו יום־טוב.

ס׳פאַלט

ס׳פאַלט אַ שניי . ס׳פאַלט מיר פון די הענט.

עסט, עסן

זי עסט אים לעבעדיקערהייט . זיי עסן זיך איינער דעם אַנדערן . ער עסט אַ סך . ער עסט זיך אויף . עסט טעג . עסט קעסט. זע: אָפּעסן.

עק

אַלע קנוילן האָבן אַן עק . דער הונט איז אָן אַן עק . ניטאָ קיין עק צו די צרות . ס׳איז עק וועלט.

פֿאַרבײַ

איז דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ דעם בנין . ער איז פֿאַרבײַ (קראַנק).

פֿאַרביסן

ער איז פֿאַרביסן . ער האָט פֿאַרביסן די ליפּן . ער האָט פֿאַרביסן אַ קיכעלע.

פֿאַרברענטער

אַ פֿאַרברענטער וואַלד . אַ פֿאַרברענטער חסיד . אַ פֿאַרברענטער טשאָלנט.

פֿאַרגייט

די זון פֿאַרגייט . דער כּעס פֿאַרגייט . די פֿרוי פֿאַרגייט אין טראָגן.

פֿאַרגלעטן

פֿאַרגלעטן די מיינונג־פֿאַרשיידנהייטן . פֿאַרגלעטן די צרות . פֿאַרגלעטן די קנייטשן . פֿאַרגלעטן דעם שלעכטן אײַנדרוק.

פֿאַרדאָרבן

דאָס עסן איז פֿאַרדאָרבן (קאַליע) . ער איז פֿאַרדאָרבן (זינדיק).

פֿאַרדינסט

זײַן פֿאַרדינסט פֿאַר דער מדינה איז גרויס . ער האָט געכאַפּט אַ פֿעטן פֿאַרדינסט.

פֿאַרדרייט

דאָס איז אַ פֿאַרדרייטע אויפֿגאַבע . דער אַדוואָקאַט האָט פֿאַרדרייט דעם עדות . זי פֿאַרדרייט אים אויף איר קליין פֿינגערל . ער איז פֿאַרדרייט מיט זײַנע געשעפֿטן . ער פֿאַרדרייט און זאָגט ליגנס . ער פֿאַרדרייט אים אין אַ זײַט . ער פֿאַרדרייט דאָס שרײַפֿל . ער פֿאַרדרייט מיר דעם קאָפּ.

פאַרהערט

דער לערער האָט פאַרהערט דעם שילער . זיי האָבן זיך פאַרהערט (געקריגט) . ער האָט פאַרהערט וואָס איך האָב אים געזאָגט.

פאַרוואָרפן

איך בין פאַרוואָרפן מיט אַרבעט . זיי האָבן אים פאַרוואָרפן מיט פראַגעס . זיי האָבן אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער . ער האָט פאַרוואָרפן זײַן ביכל . ער האָט שוין פאַרוואָרפן דעם קאָפּ (גוֹססט).

פאַרזאָגן

ער וועט פאַרזאָגן אַ צענטן . ער וועט פאַרזאָגן אויף די קינדער און קינדס־קינדער . ער וועט פאַרזאָגן ביז די נײַע בעזעמלעך . ער וועט פאַרזאָגן ביז די נײַע ריטערלעך.

פאַרזאָרגט

ער זיצט פאַרזאָרגט . ער פאַרזאָרגט זײַנע קינדער.

פאַרזעצן

פאַרזעצן אין תּפיסה . פאַרזעצן אַ משכּון . פאַרזעצן פלאַנצונגען.

פאַרטראָגן

איך קען אים ניט פאַרטראָגן . איך וועל פאַרטראָגן דאָס פעקל . איך קען ניט פאַרטראָגן איר צער . ער ליגט פאַרטראָגן.

פאַרטרונקען

דער שיכּור האָט פאַרטרונקען זײַן פאַרמעגן . ער האָט פאַרטרונקען מיט טיי.

פאַרטשעפּעט

ער האָט פאַרטשעפּעט די פרוי . ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ שטיין. זע: טשעפּען.

פֿאַרכאַפּט

עס פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם . ער פֿאַרכאַפּט אַ פּלאַץ . ער פֿאַרכאַפּט די פֿיש פֿאַרן וואַסער . די באַנדיטן האָבן אים פֿאַרכאַפּט.

פֿאַרלאָזן

די געסט האָבן אונדז פֿאַרלאָזן . דער בחור האָט פֿאַרלאָזן אַ באָרד . דער גאָרטן איז פֿאַרלאָזן . מ׳טאָר ניט פֿאַרלאָזן אין דער לאַנגער באַנק אַרײַן . ער האָט איר פֿאַרלאָזן . קענסט זיך פֿאַרלאָזן אויף אונדז.

פֿאַרלאָפֿן

די אויגן זײַנען אים פֿאַרלאָפֿן . ס׳האָט זיך פֿאַרלאָפֿן אַ מעשׂה . ער איז פֿאַר־לאָפֿן דער ערשטער צום ציל . ער האָט אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג . פֿון דאַן זײַנען פֿאַרלאָפֿן עטלעכע יאָר.

פֿאַרנעמען

איך וויל זיך ניט פֿאַרנעמען מיט אים . איך וועל פֿאַרנעמען אַ הויכן פּאָסטן . דאָס וועט פֿאַרנעמען אַ סך צײַט . זײַן גורל וועט פֿאַרנעמען פֿאַרן האַרצן . ער וועט פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ . פֿאַרנעמען די קאַטשקעס אויפֿן וואַסער.

פֿאַרפֿאָרן

האָט אים פֿאַרפֿאָרן אין די ציין . האָט פֿאַרפֿאָרן אַ סך געלט . וועסט מיט דעם ווײַט ניט פֿאַרפֿאָרן . פֿאַרפֿאָרן אין הויף אַרײַן.

פֿאַרפֿירט

ער איז פֿאַרפֿירט . ער האָט איר פֿאַרפֿירט . ער האָט פֿאַרפֿירט דעם בלינדן צו זײַן הויז.

פֿאַרפֿירן

איך קען דיך ניט פֿאַרפֿירן . מיר פֿאַרפֿירן אַ שמועס.

פֿאַרציִען

די אונטערהאַנדלונגען פֿאַרציִען זיך . פֿאַרציִען דעם נאָמען . פֿאַרציִען דעם פּאַסעק . פֿאַרציִען דעם רויך פֿון סיגאַרעט.

פאַרקאָכט

ער איז פאַרקאָכט אין איר . פאַרקאָכט אַ חתונה . פאַרקאָכט אַ קאַשע.

פאַרקוקט

ער האָט זיך פאַרקוקט אויף איר . ער האָט זיך פאַרקוקט אין אַ זייַט . ער האָט פאַרקוקט אירע חסרונות.

פאַרקלאָגט

ער האָט זיך פאַרקלאָגט אויף זייַן גורל . ער האָט זיך פאַרקלאָגט אויף זייַן מזל . ער האָט זיך פאַרקלאָגט אויף זייַן שכן . ער האָט זיך פאַרקלאָגט אויף אים פאַרן געריכט.

פאַרקלאַפּן

פאַרקלאַפּן די טיר . פאַרקלאַפּן דעם קאָפּ.

פאַרשאַרן

פאַרשאַרן די אַרבל . פאַרשאַרן דאָס מיסט.

פאַרשטייט

פאַרשטייט אויפן ווונק . פאַרשטייט אַ קרענק . פאַרשטייט עטלעכע שפּראַכן.

פאַרשיטן

ער וועט אים פאַרשיטן (מַסרן) . ער וועט פאַרשיטן דאָס גרוב.

פאַרשלאָפן

אַ פּוס איז מיר פאַרשלאָפן . ער איז פאַרשלאָפן . ער האָט פאַרשלאָפן אַ גוטע געלעגנהייט.

פאַרשלעפּט

אַ פאַרשלעפּטע קרענק . דער אַדוואָקאַט פאַרשלעפּט דעם ענין . קוים פאַרשלעפּט דאָס פּעקל.

פֿאַרשמירט

דער הימל איז פֿאַרשמירט (פֿאַרוואָלקנט) . פֿאַרשמירט די הויזן.

פֿאַרשפּאָרן

פֿאַרשפּאָרן אַ גאַנג . פֿאַרשפּאָרן אויסגעבן געלט.

פֿאַרשפּילט

פֿאַרשפּילט אין קאָרטן . פֿאַרשפּילט אַ לעבן.

פֿאַרשפּרייטן

פֿאַרשפּרייטן אַ טישטעך . פֿאַרשפּרייטן דאָס בוך . פֿאַרשפּרייטן ידיעות.

פֿײַער

אין אים האָט זיך אָנגעצונדן אַ פֿײַער . אַ פֿײַער זוכט אים . דער שׂונא האָט געעפֿנט אַ פֿײַער . זי איז אַ פֿײַער . זי האַלט אים אויף אַ קליין פֿײַער . זייער ליבע האָט זיך צעפֿלאַקערט ווי אַ פֿײַער . זייער קריגערײַ האָט זיך צעפֿלאַקערט ווי אַ פֿײַער . מ׳דאַרף צעלייגן אַ פֿײַער.

פֿײַפֿט

ער פֿײַפֿט אויף אים . ער פֿײַפֿט אונטער . ער פֿײַפֿט אים אויס . ער פֿײַפֿט אים אָן.

פּילט

ער פּילט (שפּירט) אַ שלעכטן ריח . ער פּילט ניט קיין טעם אין עסן . ער פּילט ניט קיין טעם אין לעבן.

פֿינצטער

אויפֿן גאַס איז פֿינצטער . דאָס איז אַ פֿינצטערער טיפּ . האָט אַ פֿינצטער לעבן . האָט אַ פֿינצטערן מזל . פֿינצטער אין די אויגן.

פּלאָנטערט

פּלאָנטערט מיט די פֿיס . פּלאָנטערט מיט דער צונג.

פליִען

די פייגל פליִען אין הימל . ער וועט פליִען פון זײַן פּאָסטן.

צוגעפאַלן

דאָס פלייש איז צוגעפאַלן צום טעפל . די נאַכט איז צוגעפאַלן . ס'איז אים צוגעפאַלן אַ זײַטיקער פאַרדינסט . ער איז צוגעפאַלן צו איר . ער איז צוגע־פאַלן צום עסן.

צוגעקלאַפּטער

אַ צוגעקלאַפּטער דעקל . ער איז אַ צוגעקלאַפּטער (אויפן שׂכל).

צוגעשאַרט

האָט אים צוגעשאַרט אַ גוטע פּרנסה . האָט זיך צוגעשאַרט צו איר.

צוגעשטאַנען

דאָס צוגעקלאַפּטע ברעטל איז צוגעשטאַנען גוט . די פּאַרטיי איז צוגעשטאַנען צו דער קאָאַליציע . די פערד זײַנען צוגעשטאַנען . ער איז צוגעשטאַנען צו אים מיט טענות . ער איז צוגעשטאַנען צו איר.

צוגעשטעלט

ער האָט איר צוגעשטעלט אַ בײַכל . צוגעשטעלט דאָס טעפל אויפן פײַער . צוגעשטעלט די שטול צום טיש . צוגעשטעלט סחורה דעם קונה.

צונעמען

ער דאַרף צונעמען אויף דער וואָג . ער וויל צונעמען בײַ אים זײַן געלט.

ציט

ציט אים אָן . ציט אָן דאָס שטריקל . ציט אַרויס פון קעשענע . ציט אים אַרויס די נשמה . ציט די צײַט.

ציטערט

ציטערט איבער דעם קינד . ציטערט פון פיבער . ציטערט פון קעלט . ציטערט פון שרעק .

צײַט

געווינען צײַט . די פרוי איז אויף דער צײַט . די צײַט שטייט ניט . זיי פאַר־טרײַבן די צײַט . יאָרצייט . ס׳איז שוין צײַט צו גיין . סליחות־צײַט . ער האָט ניט קיין צײַט.

צעבײַסן

איך קען ניט צעבײַסן (פאַרשטיין) דאָס געשריבענע . דער הונט וועט אים צעבײַסן.

צעבלאָזן

דער ווינט האָט צעבלאָזן דאָס פײַער . דער ווינט האָט צעבלאָזן די שטרוי . ער האָט צעבלאָזן די מעשׂה . ער האָט צעבלאָזן די קריגערײַ . ער האָט צעבלאָזן די שׂנאה. זע בלאָזן, צעפּלאַקערט.

צעבראָכן

אַ צעבראָכן האַרץ . אַ צעבראָכן שאַרבן . מיר האָבן צעבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון שׂונא . ער איז צעבראָכן פון צרות . ער האָט אים צעבראָכן די ביינער.

צעגאַנגען

דאָס פּאַרל איז זיך צעגאַנגען . דאָס קינד האָט אָנגעהויבן גיין און איז זיך צעגאַנגען . די געסט זײַנען זיך צעגאַנגען . דער וויטיק איז זיך צעגאַנגען . זײַן זינגען איז זיך צעגאַנגען אין אַלע אֵברים . דער צוקער איז צעגאַנגען . צעגאַנגען זיך פון נחת.

צעטראָגן

די פערד האָבן צעטראָגן דעם וואָגן . ער איז צעטראָגן פון דער שלעכטער בשׂורה . ער האָט צעטראָגן משלוח־מנות (שאַלאַחמאָנעס).

צעלאָזן

דאָס בן־יחידל איז צעלאָזן. דער חזן האָט זיך צעלאָזן. דער טײַך האָט זיך צעלאָזן. צעלאָזן די האָר. צעלאָזן די הענט. צעלאָזן די פּאָלעס. צעלאָזן די פּיס. צעלאָזן די צונג. צעלאָזן די שילער פון שולע.

צענעמען

צענעמען דאָס ביכל אויף בלעטלעך. צענעמען די געדאַנקען. צענעמען די קריגערס.

צעפלאַקערט

צעפלאַקערט דאָס פײַער. צעפלאַקערט די ליבע. צעפלאַקערט די מלחמה. די שׂנאה האָט זיך צעפלאַקערט. זע: בלאָזן, צעבלאָזן.

צעקאַטשעט

דער חזן האָט זיך צעקאַטשעט. ער קאַטשעט אים אונטער (ציט אים אָן). צעקאַטשעט דאָס בלעטל טייג.

צעקאָכט

דאָס פלייש האָט זיך צעקאָכט. זיי האָבן זיך צעקאָכט (אויפגערעגט).

צעקײַען

ער קען ניט צעקײַען דאָס האַרטע ברויט. איך קען עס ניט צעקײַען (פאַרשטיין).

צעקלאַפּן

צעקלאַפּן די ביינער. צעקלאַפּן די ניס. צעקלאַפּן דעם שׂונא.

צעקראַצט

ער האָט זיך ניט צעקראַצט פון דער ידיעה. ער האָט צעקראַצט די וווּנד.

צעריסן

דער בגד איז צעריסן. זיי זײַנען צעריסן צווישן זיך.

צעשמאָלצן

די ליכט זײַנען צעשמאָלצן. ער ווערט צעשמאָלצן פון נחת.

צעשפּילט

די מערידן האָבן זיך צעשפּילט. די נערוון האָבן זיך צעשפּילט. די קינדער האָבן זיך צעשפּילט. דער אָרקעסטער האָט זיך צעשפּילט.

צעשרויפט

ער האָט אים צעשרויפט די געדאַנקען. צעשרויפט דעם מאָטאָר.

קאָכט

דאָס געקעכטס קאָכט זיך. דאָס וואַסער קאָכט. זי קאָכט אַ קאַשע. ער קאָכט זיך פון כּעס.

קומט

ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? ווי קומט עס צו דיר? ווי קומט ער צו אים? ער קומט מאָרגן. ער קומט ניט צו זיך.

קוועטשט, קוועטשט זיך

קוועטשט אויף אים ער זאָל קומען. קוועטשט די באַנק. קוועטשט זאַפט פון פּרוכט. קוועטשט זיך צו געפינען אַן ענטפער. קוועטשט זיך צו געפינען אַ תּירוץ.

קוקסט

קוקסט אויף מיר, ווי דו וואָלסט מיך ניט געקענט. קוקסט ווי אַ האָן אין „בני־אָדם"*. קוקסט זיך אָן מיט דער כּלה. קוקסט קרום אויף דעם עסק.

קײַלעכדיקער

קײַלעכדיקער יאָר. קײַלעכדיקער יתום. קײַלעכדיקע סומע.

* ווען מ׳שלאָגט כּפּרות, האַלט מען דעם האָן איבערן קאָפּ און מ׳לייענט אין סידור די תּפילה „בני־אָדם"; אויך דער האָן קוקט כּלומרשט אַרײַן אין סידור.

קלאָג

אַ קלאָג און אַ בראָך . קלאָג אים אָן צום „ונתנה־תוקף״ **

קלאָגט

ער קלאָגט און וויינט . ער קלאָגט אים אָן אין געריכט.

קלאַפּט

עס קלאַפּט אים אַ צאָן אין אַ צאָן . ער קלאַפּט אויס דעם טעפּיך . ער קלאַפּט אין קאָפּ . ער קלאַפּט אָן אין טיר . ער קלאַפּט דאָס יינגל . ער קלאַפּט די פּיס אומזיסט.

קלעפּט, ס׳קלעפּט

ס׳קלעפּט זיך ווי אַרבעס צום וואַנט . ס׳קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט . ער קלעפּט זיך אין איר . ער קלעפּט מעלדונגען.

קען

איך קען אים ניט . איך קען דאָס אויסנווייניק . איך קען ניט שלאָפן.

קערט

זי קערט אויס דאָס צימער . ער קערט איבער דעם טיש . ער קערט אַרײַן אַ כּוסה . ער קערט וועלטן . ער קערט זיך אום פון וועג.

קרום

איך קוק קרום אויף דײַנע מעשׂים . דער טיש שטייט קרום . ער גייט קרום .

קריכט

קריכט אויף אַלע פיר . קריכט אויף די גלײַכע ווענט . קריכט אונטער די נעגל . קריכט צו איר.

** אין „מוסף״ פון ראש־השנה און יום־כּיפּור איז דאָ אַ פּסוק אין דער תּפילה „ונתנה־תוקף״ : „אמת, כי אתה הוא דיין״.
אָנקלאָגן צום „ונתנה־תוקף״ איז די כּוונה, אַז דער באַוועלטער זאָל זיך פאַרקלאָגן צו דעם דיין פון „ונתנה־תוקף״.

רײַסט, ס׳רײַסט

ס׳רײַסט מיר אַ פינגער . ער רײַסט אים אַרונטער . ער רײַסט זיך אָפּ אויף אים . ער רײַסט זיך מיט אים . רײַסט אײַן װעלטן . רײַסט זיך די האָר פון קאָפּ . רײַסט זיך צו אים (שלאָגן) . רײַסט זיך צו איר . רײַסט זיך צום „עמוד״ דאַװענען . רײַסט פון אים שטיקער . רײַסט „קריעה״.

רײַסן, רײַסן זיך

זיי רײַסן זיך װי הינט פאַר אַ ביין . זיי רײַסן זיך פאַר די נעז . זיי רײַסן זיך פאַר די קעפּ . רײַסן די פרוכט . רײַסן קברים.

שאַרט

ער שאַרט אַװעק דאָס מיסט . ער שאַרט גאָלד . ער שאַרט זיך צו איר . ער שאַרט זיך צו גרױסע לײַט . ער שאַרט מיר צו פּרנסה.

שאַרפער

אַ שאַרפער מוח . אַ שאַרפער מעסער . אַ שאַרף צינגל.

שולדיק

ער איז מיר שולדיק געלט . ער איז שולדיק אין דעם . ער האָט מיך געזידלט, און איך בין אויך ניט געבליבן שולדיק.

שטייט

דער זייגער שטייט . זי שטייט אין אים . עס שטייט געשריבן . עס שטייט דיר ניט אָן דער שידוך ? . ער שטייט אויף מײַן מזל . ער שטייט אויף פאַרטאָג . ער שטייט אונטער אים . ער שטייט מיט אים . ער שטייט נאָך אים . ער שטייט פאַר אים . ער שטייט אײַן אין דעם האָטעל . ער שטייט אין דער ריי . ער שטייט אָפּ . ער שטייט װי אַ גולם . ער שטייט װי אַ ביין אין האַלדז . ער שטייט ניט אײַן אויף איין אָרט . ער שטייט צו צו אים . ער שטייט „שמונה־עשׂרה״.

שטימט

דער חשבון שטימט . ער שטימט אײַן . ער שטימט אָפּ . ער שטימט מיט אים . ער שטימט פאַר אים.

שטימען

ער גייט שטימען . ער האָט געציילט די שטימען . ער וועט שטימען (שווייַגן).

שטעלן

ער וועט אים שטעלן אויף די פיס . ער וועט זיך שטעלן אויף די פיס . ער וועט זיך שטעלן אין ריי . ער וועט שטעלן באַנקעס . ער וועט שטעלן נאָר אויף זיך.

שטעקן

אַ שטעקן האָט צוויי עקן . איך בין געבליבן שטעקן אין מיטן וועג.

שטערן

ווי די שטערן אין הימל . ער האָט אַ גרויסן שטערן . ער וועט אים ניט שטערן.

שטרוי

אַראָפּגענומען אַ שטרוי פון נאָז . כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי.

שיט

ער שיט מיט פסוקים פון תנ״ך . ער שיט מעל . ער שיט פעך און שוועבל . שיט זיך אַרויס . שיט זיך אַרייַן.

שייַנט

איר פנים שייַנט . די זון שייַנט . עס שייַנט מיר, אַז ער וועט קומען.

שישקע

די שישקע איז אַראָפּגעפאַלן פון בוים . ער איז אַ גרויסע „שישקע״ . ער האָט אַ שישקע אויפן שטערן.

שלאָג

שלאָג אים ניט . שלאָג זיך דאָס אַרויס פון קאָפּ.

שלאָגט

שלאָגט אויס הוצאות . שלאָגט אויס פוטער . שלאָגט אײַך דאָס אַרויס פון קאָפּ . שלאָגט דאָס ייִנגל . שלאָגט דעם שונא . שלאָגט הושענות . שלאָגט המנען . שלאָגט כּפּרות . שלאָגט זיך מיט דער דעה . שלאָגט זיך על־חטא . שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט.

שלאָפט

שלאָפט אין שלייער . שלאָפט ווי אַ געהרגעטער.

שמירט

אַז מען שמירט ניט אונטער, פאָרט מען ניט . ער שמירט די אַקס פון וואָגן . ער שמירט די פוטער.

שמעקט

דאָס שמעקט אים ניט . דער „שמעקער" שמעקט אויס . עס שמעקט פון דיר . עס שמעקט מיט גרויסע הוצאות . עס שמעקט מיט פולווער . עס שמעקט מיט רעגן . ער שמעקט די בלומען . ער שמעקט טאַבאַק.

שנײַדן

דעם קינד שנײַדן זיך ציינדלעך . דער פויער גייט שנײַדן די תּבואה פון פעלד . ער וועט שנײַדן די פּרוכט פון זײַנע מעשׂים . ער וועט שנײַדן פון אים שטיקער.

שפּאָרן

שפּאָרן געלט . שפּאָרן פון מויל . די שטיוול זײַנען מיט שפּאָרן.

שפּרינגט

זי שפּרינגט און טאַנצט . ער שפּרינגט דורכן פענצטער . ער שפּרינגט פון בוים . ער שפּרינגט פון דער הויט . שפּרינגט אַרײַן צו אונדז.

אַפֿאָריזמען

אַפֿאָריזם — אַ שפּריכוואָרט, קורצער משל, אָדער חכמה־ווערטל, שטאָכווערטל, אַ ווערטל מיט אַן איראָנישן אונטערשלאַק, מיט אַ מיין, באַדײַט, אָנצוהערעניש, ווונק;
אַ שפּריכוואָרט, וואָס דריקט אויס אַ געדאַנק מיט ספּעציעלע כוונות און פֿאַרגלײַכונגען, חוזק, שפּאָט און שפּאַס;
אַ זאַץ, וואָס נעמט אַרום אַ ברייטן אינהאַלט און סענטענץ, וואָס פֿאָרמולירט אַן אַלגעמיינעם געדאַנק.

אַ באַרימער איז גוט צו שמײַסן.

אַ גאַסט אויף אַ ווײַל זעט אויף אַ מײַל.

אַ גוטן פֿרײַנד באַקומט מען אומזיסט, אַ שׂונא — מוז מען זיך קויפֿן.

אַ געבונדענעם שלאָגט מען ניט.

אַ געפֿאַלענעם העלפֿט גאָט.

אַ געשענקטן פֿערד איז מען ניט בודק די ציין.

אַ דאָקטער טאָר מען ניט ווינטשן אַ גוט יאָר.

אַ דאַרער לעבט איבער צען פֿעטע.

אַ הונט אָן ציין וואַרפֿט זיך אויף אַ ביין.

אַ הונט שיקט מען ניט נאָך פֿלייש.

אַ היימישן גנבֿ קען מען ניט דערהיטן.

אַ וואָרעם אין כריין מיינט, אַז קיין בעסערס איז ניטאָ.

אויבן אַראָפּפֿאַלן, איז פֿון אַ גוטן פֿערד.

אויב ס'איז אַזוי גוט, טאָ פֿאַר וואָס איז אַזוי שלעכט?

אויב עסן חזיר, טאָ זאָל כאָטש רינען איבער די ליפּן.

אויך אַ בער לערנט מען אויס טאַנצן.

אויך אַ ברונעם שעפּט זיך אויס.

אויסגעגאָסן דאָס וואַסער צוזאַמען מיטן קינד.

אויף אויסלערנען רעדן דאַרף מען האָבן צוויי יאָר; אויף שווײַגן — איז ניט גענוג קיין פּופציק.

אויף אַרײַן איז די טיר ברייט, אויף אַרויס — שמאָל.

אויף אַ פּגר שטעלן זיך פליגן.

אויף אַ פרעמדע באָרד איז גוט זיך לערנען שערן.

אויף אַ שיף אָן אַ רודער איז דער ווינט דער קאַפּיטאַן.

אויף דעם גנב ברענט דאָס היטל.

אויף יעדער קשיא געפינט זיך אַ תירוץ.

אויף יענעם איז יעדער אַ מבין.

אויף פאַרשווײַגן האָט נאָך קיינער ניט געהאַט חרטה.

אַז אַ מוטער שרײַט אויף איר קינד „ממזר", מעג מען איר גלויבן.

אַז אַ נאַר וואַרפט אַרײַן אַ שטיין אין גאָרטן /אין ברונעם/ וועלן אים צען חכמים ניט אַרויסציִען.

אַז אַ נאַרישקייט גילט, בלײַבט עס פאָרט אַ נאַרישקייט.

אַז גאָט וויל שטראָפן אַ מענטש, נעמט ער ערשטנס צו בײַ אים דעם שׂכל.

אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם אויך.

אַז דאָס לעבן איז זיס, איז די וועלט הפקר.

אַז דאָס קעצל איז זאַט, איז די פּוטער ביטער.

אַז די וועלט זאָגט, זאָלסטו גלויבן.

אַז די מויז איז זאַט, איז דאָס מעל ביטער.

אַז די מכּה רײַסט גוט אָן, עפנט זי זיך אַליין.

אַז דער יצר־הרע פאַלט אָן, קען אַפילו אַ „תּקיעת־כּף" ניט העלפן.

אַז דער מענטש איז געזונט, האָט ער אַ סך דאגות; אַז ער ווערט קראַנק, האָט ער נאָר איין דאגה.

אַז דער שטיין ליגט אויף איין אָרט, ווערט ער אויך באַוואַקסן מיט גראָז.

אַז מ'איז ברוגז אויפן חזן, שפּרינגט מען ניט מיט קיין „קדוש".

אַז מ'בריט זיך אָפּ מיט הייסן, בלאָזט מען אויף קאַלטן.

אַז מ'גיט ניט יעקבן, גיט מען עשׂון.

אַז מ'גיט — נעם, אַז מ'שלאָגט — לויף.

אַז מ'גלעט אַ קאַץ, פאַררײַסט זי דעם וויידל.

אַז מ'גנבעט אַרויס דאָס פערד, פאַרשליסט מען די שטאַל.

אַז מ'גראָבט אויף יענעם אַ גרוב, פאַלט מען אין אים אַרײַן.

אַז מ׳דאַרף דעם גנב, שנײַדט מען אים פֿון דער תּליה.

אַז מ׳האָט ברויט, זאָל מען קיין לעקעך ניט זוכן.

אַז מ׳האַקט האָלץ, פֿאַלן שפּענער.

אַז מ׳היט אָפּ פֿרעמדס, קומט מען צו אייגנס.

אַז מ׳הערט / אַז מ׳זאָגט / „געשטאָרבן״, זאָלסטו גלויבן.

אַז מ׳וויל שלאָגן אַ הונט, געפֿינט מען דעם שטעקן.

אַז מ׳זוכט, געפֿינט מען.

אַז מ׳זייט, וואַקסט.

אַז מ׳טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן אין אַ שטרוי אויך.

אַז מ׳לייגט ניט אַרײַן, נעמט מען ניט אַרויס.

אַז מ׳לעבט אָן חשבון, שטאַרבט מען אין פֿרעמדע תּכריכים.

אַז מ׳לעבט אָן חשבון, שטאַרבט מען אָן ווידוי.

אַז מ׳עסט ניט קיין קנאָבל, שפּירט זיך ניט פֿון מויל.

אַז מ׳קלינגט, איז חגא.

אַז מ׳קען ניט ווי מ׳וויל, מוז מען וועלן ווי מ׳קען.

אַז מ׳קען ניט שרײַבן, איז ניט שולדיק די פּען.

אַז מ׳רײַסט ניט אָפּ מיט געוואַלד, האָט מען ניט.

אַז מ׳רעדט אַ סך, רעדט מען נאַרישקייטן.

אַז מ׳רעדט, דעררעדט מען זיך.

אַז מ׳שיקט אַ נאַר קויפֿן, פֿרייען זיך די קרעמער.

אַז מ׳שמײַסט אין הינטן, פּילט מען אויבן.

אַז מ׳שמירט ניט אונטער, פֿאָרט מען ניט.

אַז מ׳שערט די שעפֿעלך, ציטערן די לעמעלעך.

אַז ס׳איז דאָ אַ רויך, מוז אויך קומען דאָס פֿײַער.

אַז ס׳איז ניטאָ קיין פֿײַער, גייט ניט קיין רויך.

אַז ס׳ברענט בײַם שכן, ביסטו אויך אין סכּנה.

אַז ס׳קומט צום לעבן, פֿאַרפֿעלן יאָרן.

אַז צוויי מענטשן שרײַען „שיכּור״, דאַרף דער דריטער גיין שלאָפֿן.

אַ חלום /אַ נאַר/ איז אַ האַלבער נביא.

אַ חסרון: די כּלה איז צו שיין.

אָט דאָס טעפּל וועט אונדז איבערלעבן.

אידעאַלן זײַנען אָפֿט אַזעלכע הויכע, אַז דער אידעאַליסט זעט זיי אַליין ניט.

אַ יונגע אַלמנה טרויערט נאָך איר מאַן אַזוי לאַנג, וויפֿל קאָכיקע וואַסער זידט אין טעפּל נאָכן אַראָפּנעמען פֿון פֿײַער.

אײבּיק לעבּט מען ניט.

אײבּיקע ליבּע איז בּלויז אײגנליבּע.

אַ ייִד, אַ למדן, גיט זיך אַן עצה.

אײדער מיט אַ נאַר צו געווינען, איז בּעסער מיט אַ חכם צו פֿאַרלירן.

אײן נאַר איז אַ מבין אויפֿן אַנדערן.

אײנע ווײנט וואָס די גרויפּן אין זופּ זײַנען שיטער, און אַ צווײטע — וואָס איר שנירל פּערל איז שיטער.

אײנער האָט ניט קײן אַפּעטיט צום עסן, דער אַנדערער — האָט ניט קײן עסן צום אַפּעטיט.

אײנער וויל לעבּן און קען ניט, אַן אַנדערער קען לעבּן און וויל ניט.

אײַנשפּאַנען דעם וואָגן פֿאַר די פֿערד.

איך וויל ניט זײַן אַ פֿינפֿטער ראָד צום וואָגן.

איך וועל שוין די וועלט ניט איבּערמאַכן.

איך לעק דאָ ניט קײן האָניק.

אין אַ גוטער שעה צו רעדן, אין אַ שלעכטער — צו שווײַגן.

אין אַ טײַך זײַנען דאָ פֿאַרשײדענע פֿיש.

אין אַ שטוב פֿון אַ געהאַנגענעם דערמאָנט מען ניט קײן שטריקל.

אין אַ שײנעם עפּל געפֿינט זיך אַ מאָל אַ וואָרעם.

אין דער ערד צו ליגן פֿאַרשפּעטיקט מען קײן מאָל ניט.

אין יעדן קאַטאָוועס איז דאָ אַ בּיסל אמת.

אין שפּיגל זעט איטלעכער זײַן בּעסטן פֿרײַנד.

אַ לאַנגע קרענק איז אַ זיכערער טויט.

אַלע ווילן אַלט ווערן, אָבּער ניט אַלט זײַן.

אַלע רויזן שמעקן, אָבּער זײ שטעכן.

אַלע שטומע ווילן אַ סך רעדן.

אַלע שוסטערס גײען בּאָרוועס.

אַלץ קומט אַרויס, ווי בּוימל אויפֿן וואַסער.

אַ מיאוסע מויד האָט פֿײַנט דעם שפּיגל.

אַ מיוחס איז געבּוירן אין אַ כּתונת־פּסים (אין אַ זײַדן העמדל).

אַ מענטש איז ניט מער ווי אַ מענטש, און אַ מאָל דאָס אויך ניט.

אַ מענטש איז שוואַכער פֿון אַ פֿליג און שטאַרקער פֿון אײַזן.

אַ מענטש לערנט זײַן גאַנץ לעבן און שטאַרבט אַ נאַר.

אַ נאָדל קען מען ניט באַהאַלטן אין זאַק.

אַן איבעריקער ביסן קען פֿאַרשאַטן.

אַן אײַנשפּאָרער איז בעסער פֿון אַ פֿאַרדינער.

אַן אַלטער שאַרבן לעבט איבער אַ נײַעם טאָפּ.

אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופֿר ניט בלאָזן.

אַ נאַר ווײַזט מען ניט קיין האַלבע אַרבעט.

אַ נאַר זאָגט וואָס ער ווייסט, און אַ קלוגער ווייסט וואָס ער זאָגט.

אַן אַרײַנגייער איז אַן אַרויסטראָגער.

אַן אָרעמאַן איז ווי אַ לעכערדיקער זאַק.

אַ נײַער בעזעם קערט גוט.

אַן עקשן איז ערגער פֿון אַ גזלן.

אַ סוד — וואָס אַ ייִדענע קען האַלטן כּל זמן זי ווייסט אים אַליין ניט.

אַ פֿוילן איז גוט צו שיקן נאָכן מלאך־המוות.

אַ פֿרעמדער פּעלץ וואַרעמט ניט.

אַ ציג האָט אויך אַ באָרד, און איז פֿאָרט נאָר אַ ציג.

אַ קאַץ קען אויך קאַליע מאַכן.

אַ קאַץ שיקט מען ניט נאָך פּוטער.

אַ קאַרגער מוז צוויי מאָל קויפֿן און אַ פֿוילער מוז צוויי מאָל לויפֿן.

אַ קלוגער פֿאַרשטייט פֿון איין וואָרט צוויי.

אַ קנויל האָט אויך אַן עק.

אַ קראַנקן פֿרעגט מען, אַ געזונטן גיט מען.

אַ קריגל טראָגט אַזוי לאַנג וואַסער ביז ער צעברעכט זיך.

אַרײַנגעלייגט דאָס גאַנצע פֿלייש אין איין קרעפּל.

אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער / אין אַ לעפֿל וואַסער /.

אַ שיקסע בײַ אַ רבֿ קען אויך פּסקענען שאלות.

אַ שלאָס איז נאָר פֿאַר אַן ערלעכן מאַן.

אַ שנײַדער גייט נאַקעט און אַ שוסטער — באָרוועס.

אַ שענערן פֿון אים לייגט מען אין קבֿר אַרײַן.

באַרעד ניט קיין ווײַבער, זיי מאַכן עס בעסער.
ביז דער דיקער וועט דאַר ווערן, וועט דער דאַרער אין גאַנצן ניט ווערן.
בעסער אַ געזונטער אָרעמאַן, איידער אַ קראַנקער עושר.
בעסער אַ ייִד אָן אַ באָרד, איידער אַ באָרד אָן אַ ייִד.
בעסער אַ מיאוסע ווײַב פאַר זיך, איידער אַ שיין ווײַב פאַר אַנדערע.
בעסער אַ מיאוסע לאַטע, איידער אַ שיין לאָך.
בעסער אַן אַלטער טאָפּ, איידער אַ נײַער שאַרבן.
בעסער אַן ערלעכער פּאַטש, איידער אַ פֿאַלשער קוש.
בעסער אַ פּאַטש פֿון אַ חכם, איידער אַ קוש פֿון אַ נאַר.
בעסער אַ קליין שטיקל פֿלייש אויף אַ טעלער, איידער אַ קאַטשקע אויפֿן וואַסער.
בעסער זיך צו ווינטשן, איידער יענעם צו שעלטן.
בעסער יונג צו זיבעציק, איידער אַלט צו פֿערציק.
בעסער מיט אַ קלוגן אין גיהנום, איידער מיט אַ נאַר אין גן־עדן.

גאָט גיט אונדז קרובים, פֿרײַנד קענען מיר זיך אויסקלײַבן אַליין.
גאָט זאָל אים געבן געזונט, דאָס לעבן וועט ער זיך אַליין נעמען.
גאָט שיקט צו די רפֿואה פֿאַר דער מכּה.
גאַרנישטן זײַנען גאוותדיק, ווײַל גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט פֿון גאָרניט.
גוזמאות זײַנען אמתן, וואָס זײַנען אַרויס פֿון די כּלים.
גוט פֿון אַ חזיר אַ האָר.
גיס ניט קיין בוימל אויפֿן פֿײַער.
געבליבן זיצן אויף דער פֿליישיקער באַנק.
געלט איז קײַלעכיק: אַ מאָל איז עס דאָ, אַ מאָל — דאָרט.
געלט גייט צו געלט.
געלט צו פֿאַרדינען איז גרינגער, ווי דאָס אײַנצוהאַלטן.
געשוויגן הייסט אויך גערעדט.
געשיקט די קאַץ היטן די סמעטענע.
געשמירטע רעדער סקריפּען ניט.

דאָס איז טאַקע אַן אײַנפֿאַל, אָבער אַ נאַרישער.
דאָס איז ניט געוואַקסן אויף זײַן מיסט.

דאָס האָט די ווערט פון אַן „אשר־יָצר"־פּאַפּירל.

דאָס העלפט ווי אַ „שיר המעלות" דער קימפּעטאָרין צוקאָפּנס.

דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווײַט פון ביימעלע.

דו ביסט אַ טאַטנס / אַ מאַמעס / אַ קינד.

דו ביסט דײַן טאַטע מיט די ביינער / מיט די פּיטשעווקעס /.

די אייער לערנען די הינער.

די אָל קריכט אַרויס פון זאַק.

די וועלט איז ווי אַ וואַגשאָל: דאָס לײַכטע איז אויבן, דאָס וואָגיקע — אונטן.

די וועלט איז ווי אַ לייטער: דער גייט אַרויף, און דער אַנדערער — אַראָפּ.

די זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט.

די טעג פליִען און נאָך זיי די יאָרן.

דײַן טאַטע האָט דיך געלאָזט גריסן (ענלעכקייט פון כאַראַקטער).

די צײַט איז דער בעסטער דאָקטער.

דעם געפאַלענעם העלפט גאָט.

דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן.

דער בעסטער ליגן איז דער אמת.

דער גאַנדז חלומט זיך הירזש (פּראָסע).

דער גרעסטער נאַר איז קלוג פאַר זיך.

דער הונט איז ווערט דעם שטעקן.

דער וואָס שווײַגט מיינט אויך עפּעס.

דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריקן.

דער ייִד איז די קלענסטע פון די אומות־העולם, און דאָך איז ער אַלעמען גרויס אין די אויגן.

דער מענטש איז פאַרנאַרט /פאַרפּירט /.

דער מענטש זינדיקט, און דער האָן ווערט די כפּרה.

דער עולם־הזה איז אויך אַ וועלט.

דער ערגסטער הונט כאַפּט אויס דעם בעסטן ביין.

דער קבצן זאָל האַנדלען מיט תּכריכים, וועט קיינער ניט שטאַרבן.

דער רבי מעג.

דער שטאַרקער איז תּמיד גערעכט.

דער שפּיגל זאָגט אויס דעם אמת.

האָב אײן זין זיך, װעסטו אײן יענעם פאַרגעסן.
הגונב מן הגנב — פּטור.
היט דיך פאַר פײַער און גלויב ניט קײן װאַסער.
היט מיך גאָט פון גוטע פרײַנד, פון שׂונאים װעל איך זיך אַלײן היטן.
הימל און ערד האָבן געשװוירן, אַז קײן פאַרבאָרגענע זאַכן זאָלן ניט זײַן.

װאָס אײן קלאַפּ מאַכט ניט, מאַכט דער צװײטער.
װאָס אַ מענטש טוט זיך אַלײן, װעלן דאָס אים צען שׂונאים ניט אָפּטאָן.
װאָס בײַ אַ קבצן פאַרװאַלגערט זיך, װעט בײַ אַ גביר זיך ניט געפינען.
װאָס ביליק, איז טײַער.
װאָס די ערד דעקט צו, מוז פאַרגעסן װערן.
װאָס דער מענטש קען איבערטראַכטן, װעט דאָס אים דער ערגסטער שׂונא ניט װינטשן.
װאָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקרימט, דער שידוך געפעלט דיר ניט?
װאָס העכער דער קנאַפּל, אַלץ נידעריקער די אינטעליגענץ.
װאָס טויג מיר די חכמה, אַז נאַרישקײט גילט?
„װאָס מאַכסטו" איז ניט קײן פראַגע, נאָר אַ באַגריסונג.
װאָס מ׳כאַפּט אַרײַן, האָט מען.
װאָס מער מ׳האָט, װיל מען נאָך מער.
װאָס מ׳שפּאָרט אָפּ, איז װי געפונען.
װאָס ס׳איז אַװעק, קומט ניט צוריק.
װאָס פאַר אַ „גוט מאָרגן", אַזאַ „גוט יאָר".
װאָס צו פיל איז ניט געזונט.
װאָס קלענער דער עולם, אַלץ בעסער די סעודה.
װאָס קלענער דער עולם, אַלץ גרעסער די שׂמחה.
װוּ מ׳גיט אַ װאָרף אַ שטעקן, געפינט מען אַ הונט.
װוּ מ׳װאַרפט אַ שטײן, דאָרט איז ער דאָ.
װוּ מ׳טרעט אַ סך, װאַקסט ניט קײן גראָז.
װוּ ס׳זײַנען דאָ אַ סך קעכינס, איז דאָס עסן רוי.
װי דו װעסט זיך אויסבעטן, אַזוי װעסטו שלאָפן.

ווי דו זאָלסט ניט וואַרפֿן די קאַץ, בלײַבט זי שטיין אויף די פֿיס.
וויי איז דעם, וואָס איז שטענדיק גערעכט.
ווילסטו וויסן וואָס ס׳טוט זיך בײַ דיר? — פֿרעג בײַ לײַטן.
ווי מ׳שפּילט, אַזוי טאַנצט מען.
ווי ס׳קריסטלט זיך, אַזוי ייִדלט זיך.
ווי שלעכט ס׳איז צו לײַדן אין לעבן, איז אָבער נאָך ערגער צו לעבן אין לײַדן.
ווען ער איז ניט מײַן נאַר, וואָלט איך אויך געלאַכט.
ווען פֿרייט זיך אַ הויקער? — ווען ער זעט אַ גרעסערן.
ווען פֿרייט זיך אַן אָרעמאַן? — ווען ער פֿאַרלירט און געפֿינט.
ווערים האָבן הנאה נאָכן טויט פֿון די, וואָס האָבן געהאַט הנאה פֿונעם לעבן.
ווער ס׳גיט ניט צו שטײַער, טאָר ניט אין דער קאַשע אַרײַנשפּײַען.
ווער ס׳האַלט די פֿען אין האַנט, שרײַבט זיך אָן אַ גוט יאָר.

זאָל זײַן פֿון אַ קאָזאַק, אַבי צום לעבן.
זאָל מײַנס איבערגיין.
זאָלסט זיך היטן פֿאַר אַ שטיל וואַסער, פֿאַר אַ שטילן הונט און פֿאַר אַ שטילן שׂונא.
זאָלסט זיך ניט באַרימען מיט דײַן מאַנס גוטסקייט און טרײַשאַפֿט און מיט דער חכמה פֿון דײַנע קליינע קינדער.
זוכט אַ נאָדל / אַ שפּילקע / אין אַ וואָגן מיט היי.
זוכט דעם ווינט אין פֿעלד.
זוכט דעם נעכטיקן טאָג.
זי איז אַ בלאָנדע מיט אַ טונקעלער פֿאַרגאַנגענהייט.
זי איז אַלט פֿערציק יאָר? — סײַדן אָן שבתים און ימים־טובים.
זי איז גאָלע „קום אַהער״, און ער איז אַ גאָלע גאַרנישט.
זי איז ניט ווײַט אָפּגעשיידט פֿון אים.
זי גייט אין די הויזן.
זי דרייט זיך אויפֿן קנאָפּל.
זי האַלט אים אויף אַ קליין פֿײַערל.
זי האַלט אים אויפֿן שטריקל.
זי וויל אַן אָפּגעשיילט אייעלע.

זי וויל געבראָטענע טײַבעלעך.
זי וויל דאָס טעלערל פֿון הימל.
זי וויל הנאה האָבן פֿון ביידע וועלטן.
זי ווייסט ניט וווער ס׳האָט איר געשלייערט.
זײַ אַזוי גוט, ווי שלעכט דו ביסט.
זיך אויסגעגליטשט אויפֿן גלײַכן וועג.
זיך געכאַפּט אויפֿן הינטערשטן רודער.
זינדיק ניט, ס׳קען זײַן ערגער.
זינט דעם נס מיט בלעמס אייזל האָלטן זיך אַ סך אייזלען פֿאַר רעדנער.
זינט דער טויט איז אויפֿגעקומען, איז מען ניט זיכער מיטן לעבן.
זעסט אויס, ווי איבערגעניצעוועט אויף דער צווייטער זײַט.
זיקנה איז אַ סגולה צו אריכות־ימים.

חכמה איז אַ זאַך, וואָס נאַראָנים מיינען, אַז זיי פֿאַרמאָגן זי.
חכמים זײַנען די, וואָס לערנען פֿון יעדן מענטש.
חן באַצויבערט דאָס אויג, מעלות — די נשמה.
חסרונות זעט מען נאָר בײַ יענעם.
חרטה איז די העכסטע מדרגה און דער טיפֿסטער געשאַנק.

טאַנצט אויף אַ פֿרעמדער חתונה.
טײַערער איז ביליקער.
טיפּשים קענען באַווײַזן מיט אַ פּעדער אין האַנט שוואַרץ אויף ווײַס, אַז זיי זײַנען טיפּשים.

ייִדן זײַנען אַן עם קשה־עורף: אַ באַווײַז: זיי לעבן, ניט געקוקט דערויף, וואָס אַלע גרויסע דאָקטוירים האָבן זיי אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.
יעדעס טעפּל האָט זײַן דעקל.
יעדער איינער מיט זײַן הויקער.
יעדער בעל־דרשן דרשנט פֿאַר זיך.

יעדער הונט איז אַ באַלעבאָס אויף זײַן מיסט.
יעדער הונט איז גרויס אויף זײַן מיסט.
יעדער מענטש איז אויף זיך בלינד; ער זעט נאָר יענעמס הויקער.
יעדער נאַר מיינט, אַז ער איז קלוג.

באָפּ ניט די פּיש פֿאַרן וואַסער.
כּוח איז אין שיסל.
כּשר איז וואָס עס גייט אַרויס פֿון מויל, און ניט וואָס עס קומט אַרײַן אין מויל.

לאָז אַ הונט אויף דער באַנק — שפּרינגט ער אויפֿן טיש.
„לאָז זײַן" איז גרינגער ווי „לאָז ווערן".
לייגן דאָס לעבעדיקע אויף דאָס טויטע.
לייג ניט אַרײַן דעם גאַנצן פֿלייש אין איין קרעפּל.
לייענט צווישן די שורות.
לערן די קינדער רעדן; שטראָף זיי פֿאַר ניט וועלן שווײַגן.

מאָגן לײַדט סײַ פֿון הונגער און סײַ פֿון איבערפֿרעסן — דערפֿאַר זאָגן פֿולע און פּוסטע בײַכער, אַז זיי לײַדן פֿון מאָגן.
מאָדע — גייט קיין מאָל ניט אַרויס פֿון דער מאָדע.
מ'דאַרף האָבן צו איר קאָרחס אוצרות.
מ'ווייסט ניט ועמען די שיך קוועטשן.
מ'זאָל ניט געפּרוווט ווערן צו וואָס מ'קען געוווינט ווערן.
מזל — וואָס דער אָרעמאַן באַדאַרף און דער רײַכער האָט.
מיט אַ ייִד איז גוט עסן קוגל, און דאָס ניט פֿון איין טעלער.
מיט איין הינטן אויף צוויי חתונות.
מיט איר רעדן — דאַרף מען פּוצן די ווערטער.
מיט אַ לעפֿל קען מען דעם ים ניט אויסשעפּן.
מיט וואָס דער טאָפּ שמעקט זיך אָן — מיט דעם ווערט ער צעבראָכן.
מיט עצות בין איך פֿאַרזאָרגט.

מיט צוויי ריטער שמײַסט מען ניט.

מיר גיב לאָקשן — פֿאַרפּל וועל איך שוין אַליין מאַכן פֿון זיי.

מ׳לאָזט דעם הונט בילן און מ׳גייט ווײַטער.

מ׳לויפֿט ווי נאָך מצה־וואַסער.

מ׳נעמט ניט מיט זיך גאָרנישט.

מעדיצין — אַ זאַך, וואָס העלפֿט דעם דאָקטער און אַ מאָל אויך דעם קראַנקן.

מעטריקע — אַ פּאַפּיר, וואָס פֿרויען האָבן ניט ליב.

מ׳עסט ניט מיט צוויי לעפֿל.

מ׳עסט ניט מיט צוויי מײַלער.

מ׳קומט צום שׂכל צו שפּעט.

מ׳קען לעבן, נאָר מ׳לאָזט ניט.

משוגענע געענדז — משוגענע גריוון.

משומדים מיינען אָפּצוואַשן אַזוי פֿיל פֿאַרגאָסן בלוט מיט אַ ביסל וואַסער אין קירך.

מ׳שפּײַט אים אין פּנים — זאָגט ער ס׳רעגנט.

נאַ דיר אַ צעבראָכענעם שערבל פֿאַר אַלע זײַנע געשעפֿטן.

נאַ דיר אַ שמעק טאַבאַק פֿאַר אַלע זײַנע געשעפֿטן.

נאָך אַ שאָדן ווערט מען קלוג.

נאַראָנים זײַנען די, וואָס קענען ניט אָפּנאַרן.

נאַראָנים זײַנען מער ווי קלוגע, און אויך די קלוגע באַנאַרישן זיך.

נאַראָנים חכמענען זיך, חכמים באַנאַרישן זיך.

ניט אַלץ וואָס גלאַנצט איז גאָלד.

ניטאָ קיין רויך אָן פֿײַער.

ניט די מויז איז דער גנבֿ, נאָר דער לאָך.

ניט פֿאַרלאָזן אין דער לאַנגער באַנק אַרײַן.

ניט פֿון בלאָזן זיך ווערט דער אינדיק פֿעט.

ניט גערעדט איז אויך גערעדט.

ניט גערעדט איז אויך געשוויגן.

נײַן רבנים זײַנען נאָך ניט קיין מנין, אָבער צען שוסטערס — יאָ.

ס׳איז גרינג צו זאָגן, אָבער שווער צו טאָן.
ס׳איז נאָך ווײַט צום לאַכן.
ס׳איז ניטאָ קיין מעלה אָן אַ חסרון.
ס׳אַרט מיר ניט, וואָס די יאָרן לויפן, נאָר וואָס זיי שלעפּן מיך מיט נאָך זיי.
ס׳ברענט אויף אים דאָס היטל.
ס׳קומט איר נאָך אַרויס אַ רעשט.
ס׳קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט.
ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי; שרײַבן — שרײַבט זיך דאָס אַנדערש.

עלטערן האָלטן אויס צען קינדער; פאַר צען קינדער זײַנען די עלטערן צו שווער.
עלטערן לערנען די קינדער רעדן; קינדער לערנען די עלטערן שווײַגן.
ערגער ווי שלעכט קען שוין ניט זײַן.
ער איז געקומען נאָך ירושה־געלט, האָט מען געמאָנט בײַ אים קבורה־געלט.
ער האָט אים אָנגעטראָטן אויפֿן הינעראויג.
ער האָט פאַרקאָכט אַ קאַשע — זאָל ער זי אויפעסן.
ער האָט פון איר קאָלטס און וואָרעמס.
ער האַלט זיך בײַ דער מאַמעס פאַרטעך.
ער טרייסלט / שאָקלט / / שאַרט / / שיט / אים אַרויס פון אַרבל.
ער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי.
ער חנפעט זיך צו דער מוטער און מיינט די טאָכטער.
ער מיינט ניט די הגדה, נאָר די קניידלעך.
ער פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע.
ער פאַרשטעקט אים אין אַרבל / אין קעשענע /.
ער פוצט זיך אין פרעמדע פעדערן.
ער פירט צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.
ער פראַוועט שבת פאַר זיך.
ער קויפט ניט קיין קאַץ אין אַ זאַק.
ער קען זײַן שטעטל אַליין באַשטיין.
ער קערט וועלטן.
ער שיט זאַלץ אויף די ווונדן.

ער שלאָגט און שרײַט געוואַלד.
ער שרעקט די גענדז.

פֿאַר דעם אמת שלאָגט מען.
פֿאַרשטייט זיך אויף דעם, ווי אַ האָן אין „בני־אָדם״.
פֿון אַ חזירשן וויידל קען מען קיין שטרײַמל ניט מאַכן.
פֿון אייער קען מען מאַכן אַן אייער־קוכן, אָבער פֿון אַן אייער־קוכן קען מען ניט מאַכן קיין אייער.
פֿון בית־עולם טראָגט מען ניט צוריק / קומט מען ניט צוריק /.
פֿון דער ווײַטנס זעען גרויסע מענטשן אויס גרעסער, גרויסע נאַראָנים — קלענער.
פֿון „וכך היה אומר״ ביז „וכך היה מונה״ פֿאַלט מען זיבן מאָל „כּורעים״.
פֿון יענער וועלט איז נאָך קיינער ניט צוריקגעקומען.
פֿון כּבוד ווערט מען ניט זאַט.
פֿונעם גליק צום אומגליק איז אַ שפּאַן; פֿונעם אומגליק צום גליק איז אַ שטיק וועג.
פֿון שטעטל איז געוואָרן אַ דערפֿל.
פֿון שלום וועגן מעג מען אַפֿילו אַ ליגן זאָגן.
פֿוסטע מענטשן זײַנען ווי גראָשענע ליכטלעך: אָנגעצונדענע לײַכטן זיי ניט און לאָזן איבער אַ גערוך אויסברענענדיק.
פֿײַער און וואַסער לעבן צוזאַמען בײַ דעמאַגאָגן.
פֿײַער איז אַ גנב.
פּירט קיין מצרים כּישוף.
פֿלי ניט הויך — וועסטו ניט פֿאַלן נידעריק.
פֿרויען זײַנען ניט אַזוי שוואַרץ, ווי זיי מאָלן זיך.
פֿרעג ניט דעם רופֿא, פֿרעג דעם חולה.
פֿרעמדע דאגות נעמען ניט אַוועק דעם שלאָף.
פֿרעמדע קליידער וואַרעמען ניט.

צבֿועקעס גלויבן אפֿשר אין גאָט, אָבער גאָט גלויבט זיי ניט.
צדקה געבן און ליב האָבן קען מען ניט נויטן.

צו גוטס ווערט מען גיך געווינט.

צווישן זײַן „יאָ" און „ניין" קען מען אַפילו אַ נאָדל ניט אַרײַנשטעקן; ניטאָ צווישן זיי קיין שום מחיצה.

צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט ניט קיין געלט.

צו יעדן אומגליק דאַרף מען האָבן אויך אַ פּיצל גליק.

צו יעדן קנויל קומט אַן עק.

צייל ניט די פייגל אויפן בוים. צייל ניט די קאַטשקעס אויפן וואַסער.

קאַטאָוועס איז אַ האַלבער אמת.

קוק אַראָפּ — וועסטו זען, ווי הויך דו שטייסט.

קינדער האָבן איז לײַכטער, ווי זיי דערציִען.

קיין מענטש איז ניט אַזוי אָרעם ווי דער, וואָס האָט ניט מער ווי געלט.

קיין מענטש זעט ניט זײַנע חסרונות.

קיינער ווייסט ניט ווען די שיך קוועטשן.

קיינער ווייסט ניט וועמענס מאָרגן עס איז.

קיינער זעט ניט זײַן אייגענעם האָרב / הויקער /.

קיין שום דאָקטער קען זיך אַליין ניט היילן.

קיין תשובה איז אויך אַ תשובה.

קליינע קײַען וואָס גרויסע שפּײַען.

קליינע קינדער לאָזן ניט שלאָפן, גרויסע — לאָזן ניט לעבן.

קען זיך אַליין.

קרומע זאַכן גלײַכן זיך אויס, גלײַכע — קרומען זיך אויס.

קרעפּלעך עסן זיך אויך צו.

רחמנות — יעדער קען עס זיך פאַרגינען צו האָבן.

רעדן איז זילבער, שווײַגן איז גאָלד.

רעדנער האָבן ניט קיין טאַלאַנט צו הערן.

שווײַגן איז אָפט אַנגענעם צו הערן.

שטיפמאַמעס לײַדן ניט קינדער וואָס שטיפן.

שיין שווײַגן איז שווערער ווי שיין רעדן.
שמיר דעם חזיר מיט האָניק, אָבער עס שפּירט זיך פון אים.
שפּײַ ניט אין דעם ברונעם, פון וועלכן דו שעפּסט וואַסער.
שפּיל דעם חתן ווייִנעדיקס, און אים ליגט זײַנס / אירס / אין זינען.
שפּיל זיך ניט מיט פײַער.

תּם — אַן ערלעכער מענטש נעבעך.

מעטאַפּאָרן

מעטאַפאָר — צוויי, אָדער מער ווערטער, פאַרבונדן אויף אַזאַ אופן, אַז דער אַקצענט פאַלט שטאַרקער אויף איינעם פון זיי, ווערט בילדערישער; ענלעכקייט; אַלעגאָריש.

אַ ביטערע קעלט.

אַ ביטערער מזל.

אַ ביטער רחמנות אויף אים.

אַ בייזער חלום.

אַ בלוט־זויגער.

אַ בלוטיקער אָרעמאַן.

אַ בלוטיקער שׂונא.

אַ גוטע נשמה.

אַ גראָבער יונג.

אַ דונער האָט מיך געטראָפן אין אַ לויטערן טאָג.

אַ וואַרעם האַרץ.

אַוועק אָן אַ „זייַ געזונט״.

אַוועק מיט ליידיקע הענט.

אַוועק מיטן רויך.

אַוועק מיטן פייַער.

אַוועק פייַפן.

אויסגיסן דאָס האַרץ.

אויסגעדרייט דעם דישעל.

אויסגעצויגן מיט די פיס.

אויס קאַפּעלוש־מאַכער.

אויפגעזוכט פון די אַלטע פערד די פּאָדקאָוועס.

אויפגעשטאַנען תּחית־המתים.

אויף זײַן קאָפּ זיצן אים טעכטער.
אויפֿן שפּיץ מעסער.
אַ טראָפּן אין ים.
איז אָנגעזאָפּט מיט יאָרן / מיט מצוות / / מיט צרות / / מיט תּורה /.
איז אַ נעכטיקער.
איז אַ ניט הײַנטיקער.
איז אַ ניט־היגער.
איז אַרויס פֿון דעם עסק מיט צעבראָכענע ביינער.
אײַנגעבאַקן אין האַרצן.
אײַנלייגן / אײַנרײַסן / וועלטן.
איך בין אויס מענטש.
איך בין אויסער זיך.
איך בין עפּעס ניט מיט אַלעמען.
איך דאַרף דאָס האָבן אויף כּפּרות.
איך האָב אים אין אַרבל.
איך האָב אָנגעקלאַפּט אַ פּאָר פּיס צו דיר.
איך האָב פֿאַר דיר אַן אַלט־געבאַקענעם גרוס.
איך האָב צו זינגען און צו זאָגן.
איך האָב שוין אויפֿגעגעסן אויף דעם אַלע מײַנע ציין.
איך וועל אַנטלויפֿן ווו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט.
איך וועל דיר ניט פֿאַרלויפֿן דעם וועג.
איך לעק דאָ ניט קיין האָניק.
איך פֿאַל פֿון די פּיס.
איך פֿיל ניט דאָס האַרץ.
איך פֿאַרשטופּ אים אין אַרבל.
איך שיט אים אַרויס פֿון אַרבל.
איך שלאָג זיך מיט דער דעה.
אירע אויגן ברענען / רעדן /.
אירע טרערן קענען רירן אַ שטיין.
אָנגעטאַפּט דעם דופּק.
אָנגעשמעקט זיך מיט אַפּיקורסות / מיט מאָדערניזם /.
אָן דעם קען מען אויך בלײַבן לעבן.

אַנטלאָפֿן ווי אַן אונטערגעשאָסענער.

אַנטלאָפֿן ווי אַן אָפּגעבריטער.

אַנטלאָפֿן ווי פֿון פֿײַער.

אַן עקשן, כאַטש האַק אים און בראָק אים.

אַן עקשן, כאַטש האַק אים אַראָפּ דעם קאָפּ.

אַן עקשן, כאַטש שנײַד אים אַן אויער.

אַ פֿאַרברענטער חסיד. אַ פֿאַרברענטער קאָרטנשפּילער.

אַ פֿאַרקויפֿטע נשמה.

אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק.

אַ פּגר.

אַ פֿיש אין וואַסער ציטערט (אין די ימים־נוראים).

אָפּשטעקן אַ וויזיט.

אָפּשרײַען די גזירה. אָפּשרײַען די סכּנה.

אַ צדיק אין פּעלץ.

אַ צונג — אַ גלעקל. אַ צונג אויף רעדלעך.

אַ צעבראָכן האַרץ.

אַ צעפֿלויגענע בריה.

אַ קופּערנער יצר־הרע מיט אַ בלײַענעם דזשימדזשיק.

אַקערט מיט דער נאָז די ערד.

אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרצן.

אַראָפּגעשלונגען די באַליידיקונג.

אַרויסגעוואַקסן פֿון די בגדים.

אַרויסגעכאַפּט זיך ווי פֿון גיהנום. אַרויסגעכאַפּט זיך ווי פֿון פֿײַער.

אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַ וואָרט.

אַרויס פֿון געשעפֿט, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

אַרויס פֿון געשעפֿט נאַקעט און באָרוועס.

אַרײַנגעזעצט אַ נײַע נשמה.

אַרײַנגעשטעלט אַ נײַ האַרץ.

אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער. אַ שטורעם אין אַ לעפֿל וואַסער.

אַ שיינע, ריינע כּפּרה.

באָדט זיך אין גוטס.
באַקט ליגנס. בראָקט ליגנס.
בויט פּיתום מיט רעמסס.
ביז דער חתונה וועט זיך דאָס פֿאַרהיילן.
בײַ אים איז דאָס אַ שפּיַי.
בײַס דיר אָפּ דײַן צונג.
בלײַבט ער אָן אַ זיידן.
בעטן בײַ אים אַ טובה — אַרויסגעוואָרפֿענע רייד / אַ שאָד די רייד /.

גאָטס קאָזאַק.
גיב אַ שאָקל.
גיב לשון.
גיט אים דעם קאָפּ אין די הענט.
גייט אויס נאָך איר.
גייט אויף דער גאַנצער באַנק.
גייט אין רעגן צווישן די טראָפּנס.
גייט אַרום אָן אַ קאָפּ.
גייט אַרום צו חלום.
גייט אָנגעטאָן בגדי־מלכות.
גייט אַרויס פֿון די כּלים.
גייט שוין אין חדר אַרײַן (מסכּים צום פֿאָרשלאָג).
געבליבן ווי אויפֿן וואַסער.
געגעבן אַ פֿאַרעוון ענטפֿער.
געהרגעט אויף די קלײנע אותיות. געהרגעט אויף דער „עברי” (עם־האָרץ).
געוואָרפֿן אויף איר אַן אויג. געוואָרפֿן אויף איר אַן אומחן.
געכאַפּט אַ דרעמל.
געכאַפּט אַ יישוב.
געמאַכט אַ לעבן.
געמאַכט פֿון אים אַש און בלאָטע. געמאַכט פֿון אים אַש און פֿאָרעך.
געמאַכט פּיס (אַנטלאָפֿן).
געעפֿנט אויף אים אַ מויל.

גענפּנט אים דעם קאָפּ (אויפגעקלערט / געלעכערט).
געפֿאַלן אויפן קאָפּ.
געפֿונען אַן עצה.
געפֿינט זיך ניט קיין אָרט.
געפֿלויגן פֿון פּאָסטן.
געקומען צו גאַסט מיט ליידיקע הענט.
געקומען צו זיך.

דאָס איז ניט אויף זײַן מיסט געוואַקסן.
דאָס הויז איז אַוועק מיטן פֿײַער.
דאָס וואַקסט ווי אויף הייוון.
דאָרט איז געווען „ליהודים״.
דאָרט איז געווען קינד אין קויט.
דו האָסט נאָך גוט אָפּגעשפּילט.
דו פֿאַרמאָגסט ניט זײַן מיסט.
דו פֿירסט מיך אין באָד אַרײַן.
דו רעדסט מיט אַ האַלבן מויל.
די אייער זײַנען קליגער פֿון די הינער.
די אַרבעט ברענט אונטער די הענט.
די גריוון זײַנען קליגער פֿון די גענדז.
די הויזן זײַנען אַוועק פֿײַפֿן.
די ווונד ברענט מיר.
די יאָרן האָבן צעאַקערט זײַן פּנים.
די מעשׂה האָט שוין אַ באָרד.
די נאַכט ציט זיך. די נאַכט שלעפּט זיך.
די פֿיס טראָגן שוין ניט.
די שטוב ברענט און דער זייגער גייט.
די שטוב גייט אויף רעדלעך.
דער בגד ליגט ווי אויסגעגאָסן.
דערגאַנגען צום שפּיץ האָרץ.
דער דלות פֿײַפֿט פֿון יעדן ווינקל.
דער האָבער שטעכט איר אין הינטן.



דאָס הויז איז אַוועק מיטן פֿײַער

דער הימל איז ניט ביי דער ערד. דער הימל שפּאַלט זיך.
דער זייגער קריכט.
דער חלף ליגט אים אויפן האַלדז.
דער טיש איז שווער; ער האָט קיין מאָל ניט געקרענקט.
דערלאַנגט איר דאָס טעלערל פון הימל. דערלאַנגט איר פון פייגל־מילך.
דערלייגט זיין באָבעס ירושה.
דער מיטוואָך איז לענגער פונעם דאָנערשטיק.
דער מענטש ווייסט ניט וואָס ס׳גייט אים נאָך.
דער נאַר שטופּט אים. דער נאַר שפּאַרט פון אים אַרויס.
דער ערשטער קאָפּ אויף איר.
דער רעדנער האָט פאַרכּישופט זיינע צוהערער.

האָט אים אָנגעפּייפט.
האָט אים געשטעלט אויף די פיס.
האָט אים פאַרזונגען אַ „מזמור".
האָט איר געמאַכט אַ שוואַרצן סוף.
האָט איר צוגעזאָגט הרים וגבעות.
האָט איר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג / גאָלדענע גליקן /.
האָט איר צוגעשטעלט אַ ביינכעלע. האָט איר צוגעשטעלט אַ בענקעלע.
האָט אַן אָפּן האַרץ.
האָט אַריינגעבראָקט אין עסק זיין גאַנץ פאַרמעגן.
האָט געלערנט מיט אים „בלק".
האָט געשלאָגן מיט אים כּפּרות.
האָט זיך אַליין פאַרשאָטן.
האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים.
האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אים.
האָט זיך געקוילעט מיט אַ טעמפּן מעסער.
האָט זיך „געקויפט אַ מפטיר".
האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה.
האָט זיך פאַרקליבן אונטער די הרי־חושך.
האָט זיך צעלייגט ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן.

האָט זיך צעשאָקלט.
האָט לאַנגע / קלעפּיקע / פינגער (אַ גנב).
האָט ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ.
האָט ניט קיין זיצפלייש.
האָט נײַן מאָס רייד.
האָט פאַרגעסן דעם „זײַ געזונט".
האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ.
האָט פאַרמאַכט דאָס מויל אויף זיבן שלעסער.
האָט פולע הויזן פון שרעק.
האָט צעפויקט די ידיעה.
האָט שטאַרקע וויטיקן: געפינט זיך ניט קיין אָרט / קריכט אויף די גלײַכע ווענט.
האָט שפּילקעס אין הינטן.
האַלט אויף איר אַן אויג.
האַלט פון איר שטאָל און אײַזן.
האַלט פון זיך אַ וועלט.
האָק ניט קיין טשײַניק.
הרגע מיך, צי איך ווייס וועגן דעם.

וואָס ביסטו אויף מיר ברוגז, איך האָב דיר פאַרנומען די קאַטשקעס אויפן וואַסער?
וואָס ביסטו אַזוי צעפאָרן, דײַנע שיפן זײַנען אונטערגעגאַנגען?
וואָס ברענסטו?
וואָס יאָגסטו?
וואָס מיינסטו, אַ גוט וואָרט גייט צו פוס?
וואָס, ער איז ברוגז געוואָרן און גייט אַוועק? — איך וועל זיך ניט זעצן וויינען נאָך אים.
ווייסט ווו אַ טיר עפנט זיך.
וויל אײַנשלינגען די גאַנצע וועלט.
וויל מיר אײַנרעדן אַ קינד אין בויך.
ווילסט אים איבערצײַגן? — אַרויסגעוואָרפענע רייד.

וי קומט ער צו איר?!
ווען ניט אָוועקגעבן פאַר איר אַ זאַק מיט באָרשטש.
ווען שלעכט אָפּשניידן.
ווען דו זאָלסט זיין מיט זיבן קעפּ, ווערסטו דאָס ניט פאַרשטיין.
ווען רעדן זאָל זיין אַ פּרנסה, וואָלט ער געגאַנגען אין גאָלד.
ווערט צעשמאָלצן פון נחת.

זויער, אַז ס'קען אויפרייסן אַ טויטן פון קבר.
זוך דעם ווינט אין פעלד.
זוך דעם נעכטיקן טאָג.
זוכט תירוצים אונטער דער ערד.
זי איז אויסגעוועפּט געוואָרן.
זי איז אויסגעטאָן פון דער וועלט.
זי איז אויסגעריסן געוואָרן.
זי איז איינגעטונקען אין דעם עניך.
זי איז אים דערעסן געוואָרן.
זי איז אין אַ צרה.
זי איז אין די פעדערן.
זי איז אין זיבעטן הימל.
זי איז אַליין אַ גזלן אויף זיך.
זי איז אַ מבין אויף אַ טשאַד.
זי איז אַן אויסגערויכערטע לולקע.
זי איז אַ נאַכט-פייגעלע.
זי איז אַ פלאָם-פייער.
זי איז אַ פלעק אין דער משפחה.
זי איז אַרויס פון די כלים.
זי איז אַריינגעפאַלן אין גוטע הענט.
זי שטייט איין אין גוטע הענט.
זי איז אַריינגעקראָכן אין אַ בלאָטע.
זי איז אַ שטומע צונג.
זי איז אַ שטיק גאָלד.

זי איז געקומען — מ׳דאַרף אײַנוואַרפן דעם אויוון.
זי איז געקומען — געפּגרט אַ בער אין וואַלד.
זי איז דאָס איבערשטע פון שטייסל.
זי איז ניט דערבאַקן / ניט דערקאָכט / (אַ נאַר).
זי איז פאַר אונדז אַ גרויס געווינס.
זי איז פאַרקאָכט אין אים.
זי איז שוין געווען אויפן פערד און אונטערן פערד.
זי ברעכט זיך דעם קאָפּ.
זי גיט אים דעם קאָפּ אין די הענט.
זי גראָבט אונטער אים.
זי האָט אַ גאָלדן האַרץ.
זי האָט אויף זיך אַ גוט פעקל.
זי האָט אַ קניפּל.
זי האָט געבילט (געשאָלטן).
זי האָט געוואָרפן אויף אים אַן אויג / אַן אומחן /.
זי האָט מיר אַרײַנגעגעבן אין נדן איר יִחוס.
זי האָט ניט קיין האַרץ צו אים.
זי האָט פאַר אים אַ גאָלדן לעבן / אַ זיס לעבן / / אַ פינצטער לעבן /.
זי האָט פאַרגעסן ווו זי האַלט אין דער וועלט / אין דער ספירה /.
זי / ער / האַקט מיר אָפּ די פּליגלען.
זי הענגט זיך אויף אים.
זי הערט ניט אַ וועלט.
זי וואַרפט זיך אין די אויגן.
זי וואָלט אים דערטרונקען אין אַ גלאָז וואַסער / אין אַ לעפל וואַסער /.
זי וועט אים אָפּעסן דעם קאָפּ.
זי וועט גיין גלײַך אין גן־עדן.
זי וועט דאָס אַזוי אויך אויפעסן / פאַרדייען /.
זי זינגט מיט האַרץ.
זי זעט ניט די ליכטע וועלט.
זי זעט ניט די ליכטיקע שײַן.
זי מאַכט אים מיט דער בלאָטע גלײַך.
זיי זײַנען צעריסן צווישן זיך.

זײַן האַנטשריפט: קאַטשערעס מיט ווילקעס מיט לאַפּעטעס.
זײַן ייִחוס־אָבות איז אַ שעטנז צום שידוך.
זי מיינט, אַז מ׳וועט איר שטעלן אַ גאָלדענע מצבה.
זײַנע רייד הרגענען אים אַוועק אויף טויט.
זי עסט אויף מאַרגן.
זי עסט און ס׳וואַקסט אין טעלער.
זי עסט און ס׳עסט איר.
זי עסט דען? — זי דוכנט.
זי עסט זיך אויף.
זיי עסן זיך איינער דעם צווייטן.
זי פירט מיך אין באָד אַרײַן.
זײַן צוריקקער צו איר האָט ער פאַרהאַקט מיט אַ פלעקל.
זי קאָכט זיך.

חלשט נאָך איר / שטאַרבט אַוועק נאָך איר /.

טאַנצט אַרום אים / איר.
טאַפּט אַ וואַנט.
טעכטער זיצן אים אויפן קאָפּ.
טרײַבט אים אין דער ערד אַרײַן.
טרײַבט רכילות. פירט רכילות.
טשעפּעט זיך אָן אין אַ וואָרט.

כאַטש לייג זיך שטאַרבן.
כאַפּן אַ דרימל.
כאַפּן אַן עצה.

לאָז אים לויפן.
לאָזט זיך אויס אַ בוידעם.
לאָזט זיך ניט בייגן.
לאָזט זיך ניט שפּײַען אין קאַשע.

לאָזט ניט אַדורך קיין משוגענעם הונט אויף דער גאַס.
לאָזט ניט פֿאַלן אויף איר קיין שטויבעלע.
לאַכט אין די פֿויסטן.
לאַכט מיט יאַשטשערקעס.
ליבע מאַכט בלינד; שׂנאה — נאָך בלינדער.
ליגט אין דער ערד און באַקט בייגל.
ליגט אין טינטער.
ליגט נײַן איילן אין דער ערד.
לייגט דאָס לעבעדיקע אויפֿן טויטן.
לייגט זיך פֿאַר אים אין דער לענג און אין דער ברייט.
לײַדט וויטיקן אַזש פֿונקען פֿליִען פֿאַר די אויגן.
לייענט ווי אַ וואַסער.
לעקט ניט קיין האָניק.
לעקט פֿון איר די פֿינגער.
לערנט זיך שערן אויף יענעמס באָרד.

מאַכט איר אויסצודרייען.
מאַכט איר גלײַך מיט דער ערד.
מאַכט איר דעם טויט.
מאַכט פֿוילע שטיק.
מ׳דאַרף אונטערשטעלן אַ פּלייצע / אונטערגאַרטלען זיך /.
מ׳דאַרף מרעיש עולמות זײַן.
מ׳דאַרף אים עוקר מן השורש זײַן.
מ׳דאַרף מאַכן אַ געוואַלד / שרײַען אין די גאַסן /.
מ׳זוכט אים מיט ליכט.
מ׳טאָר ניט קראַצן אַ ייִדישע נשמה.
מיט איין שאָס געטראָפֿן אין צוויי האָזן.
מיט איר קען מען זיך ניט סַמען.
מיט וואָס עסט מען דאָס?
מיט זיבן וואַסערן וועל איך זיך ניט קענען אָפּוואַשן פֿון אים.
מיט זײַנע רייד האָט ער זיך אָוועקגעהרגעט / אַוועקגעקוילעט /.

מיטן אמת וועסטו ווײַט ניט פֿאַרפֿאָרן.
מעגסט זאָגן „קדיש" נאָך דעם.
מעלקט פֿון אים אַן ענטפֿער / מעלקט פֿון אים געלט.
מ׳פֿאַרשטופּט מיט אים אַלע לעכער.
מ׳קען ניט אויסשפּײַען די נשמה.
מ׳שטייט קאָפּ אויף קאָפּ.

ניט אַרײַנפֿאַלן זאָל מען צו איר אין מויל.
נייט זיך אַ בײַטל.
נעמט זיך אַן גאָטס קריוודע.

ס׳איז הימל עפּן זיך.
ס׳איז חושך מצרים / ס׳איז שטאָק פֿינצטער.
ס׳איז מיר אַרויס פֿון קאָפּ.
ס׳איז עק וועלט / ס׳איז ניט עק וועלט.
ס׳אינטערעסירט אים, ווי דער פֿאַראַיאָריקער פֿראָסט / שניי /.
ס׳ברענט אויף אים דאָס היטל.
ס׳ברענט אויף אים די הויט.
ס׳ברענט אין אים אַ פֿײַער / ס׳ברענט אין אים די רציחה.
ס׳ברענט מיר אויפֿן האַרצן.
ס׳ברענט מיר דאָס האַרץ.
ס׳גייט אַזש אַ פֿאַרע / ס׳גייט אַזש אַ רויך.
ס׳גייט אים דורך טיר און דורך פֿענצטער.
ס׳גייט ניט צופּוס.
ס׳האָט זיך אָפּגעריסן אַ גרעבלע.
ס׳האָט זיך דאָרט געטאָן אויף טיש און אויף בענק.
ס׳האָט פֿאַרדרייט דער קאָלטון.
ס׳וואַרפֿט אים העכער דעכער.
ס׳וועט זיך אויפֿהייבן / אָנצינדן / דאָס באָד מיטן הקדש.

ס׳וועט זיך אים אָפּרופן אויף דער עלטער.
ס׳וועט זיך טאָן חושך.
ס׳וועט ניט ווערן קיין לאָך אין הימל.
ס׳זאָל דונערן און בליצן, קום איך צו דיר.
ס׳מישט זיך הימל מיט ערד.
ס׳קאָכט ווי אין אַ קעסל.
ס׳קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט.
ס׳שמעקט מיט פּולווער / מיט פֿײַער /מיט רויך / מיט רעגן.

עסט זיך אויף לעבעדיקערהייט.
עסט איר די ביינער.
עסט אים / שלינגט אים / מיט די אויגן.
עסט מאָך און בלאָטע (ניט קיין איבערקלײַבער).
ער איז אַן אָפּגעבריטער.
ער איז אַ פּאַרטיקער.
ער איז אָנגעקראָכמאַלעט.
ער איז אַנטלאָפֿן — שיט אים זאַלץ אויפֿן ווידל.
ער איז בײַ איר אונטערן קנאַפּל.
ער איז דער טאַטעלע מיט די ביינדעלעך / מיט די פּיטשעווקעס /.
ער איז דער „קאָזאַק הנגזל״.
ער איז מצליח — האָט גוט געדאַוונט.
ער איז ניט קיין הינקעדיקער שנײַדער.
ער איז שולדיק אַזוי פּיל, אַז די האָר זײַנען ניט זײַנע.
ער איז שטיין רײַך / ער גייט אין גאָלד / ער שאַרט גאָלד.
ער איז תּורה און סחורה און געפּוצטע שטיוול.
ער ברענט איר די טריט.
ער גיט אַכטונג אויף איר מיט זיבן אויגן.
ער האָט אים אויסגעטאָן די הויזן.
ער האָט אים אויסגעטאָן נאַקעט און באָרוועס.
ער האָט אים אָפּגעוואַשן (אויסגעזידלט).
ער האָט אים אָנגעלערנט.

ער האָט אים פֿאַרשאָטן (געמסרט).
ער האָט אַ פּאָר גאָלדענע הענט.
ער האָט באַצאָלט „רבי־געלט״.
ער האָט ברייטע פּלייצעס.
ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן שבת האַלטן.
ער האָט זיך צוגעשאַרט צו איר.
ער האָט מיך גוט אײַנגעזייפֿט.
ער וועט זיך אָנכאַפּן אין דעם.
ער וועט רײַסן קבֿרים.
ער טראָגט איר אויף די הענט.
ער טרעט איר מיט די פֿיס.
ער נעמט זי ווי זי גייט און שטייט.

פֿאַרביטן די „יוצרות״.
פֿאַרגיסט אויף זײַן גורל טײַכן טרערן.
פֿאַרוואַרפֿט שויך דעם קאָפּ (גוסס).
פֿאַרמאָגט תּרפּ״ט אַלפֿים.
פֿאַרפֿינצטערט / פֿאַרשוואַרצט / געוואָרן.
פֿאַרקאָכט אַ חתונה / אַ קאַשע /.
פֿאַרקירצט איר די יאָרן.
פֿאַרשטעקט אים אין אַרבל.
פֿאַרשניטן אַ פּאָלע.
פֿאַרשפּילט אַ לעבן / אַ פֿאַרשפּילט לעבן.
פֿוילע תּירוצים.
פֿון אים איז געוואָרן אַ שמאַטע.
פֿון זײַנע געשעפֿטן איז ער אַרויס נקי.
פֿון זײַנע געשעפֿטן איז ער אַרויס נאַקעט ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.
פֿון זײַנע געשעפֿטן לאָזט זיך אויס אַ בוידעם.
פּותר חלום זײַן.
פֿירט צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.
פֿירט קיין מצרים כּישוף.
פּלאַצט פֿון געלעכטער.

צוזאָגן גאָלדענע גליקן.
צולייגן אַ קנייטל.
ציט איר אַרויס די נשמה.
צי ניט איבער דאָס שטריקל.
צעבלאָזן דעם ענין.
צעברעכט די ציין אויף דער שווערער „עברי״.
צעגיסט זיך פון ליבשאַפט /פון נחת/.
צעשמעלצט זיך פון ליבשאַפט /פון נחת/.
צעלייגט די מעשׂה אויף טעלערלעך.
צעקראַצט זיך ניט פון דער ידיעה.
צעשרויפט די געדאַנקען.

קאַטשעט אים אונטער.
קאָכט זיך פון כּעס.
קוועטשט די באַנק.
קוילעט זיך אַוועק פאַר איר.
קלעפּ זײַנען געפלויגן.
קלעפּט זיך אין איר.
קעלבערנע התפעלות.
קען ניט קומען צו זיך.
קערט וועלטן.
קריך אַראָפּ פון מיר.
קריכט / קלעטערט / דראַפּעט זיך/ אויף די גלײַכע ווענט.
קרעפּלעך זאָלסטו עסן.

רײַסט זיך די האָר פון קאָפּ.
רײַסט פון איר שטיקער.
רײַסט פון טויט און פון לעבעדיק.
רעדט סתּם אין דער וועלט אַרײַן.
רעדט פאַר פײַער און פאַר וואַסער.
רעדט צו דער וואַנט / רעדט צום דאַשעק / רעדט צום לאָמפּ.

שאַר אַוועק פון איר דײַנע הענט / נעם אַוועק פון איר דײַנע הענט.

שְׁאַר ירקות.

שטאַרבט צען מאָל אַ טאָג פון הונגער.

שטאַרבט פאַר אַ פרוטה.

שטויסט וואַסער.

שטיל וואַסער גראָבט טיף.

שיט זאַלץ אויף די וווּנדן.

שיט פעך און שוועבל.

שיִיך וועט זי אויסזען אָן אים.

שינדט פון אים די הויט.

שלאָגט אים מכּות־רצח.

שלאָגט זיך מיט דער דעה.

שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט.

שנײַדט פון אים פּאַסן / שנײַדט פון אים שטיקער.

שפּײַט אויס די נשמה.

שפּיל זיך ניט מיט פײַער.

שפּרינגט פון דער הויט אַרויס.

שרײַבט מיט בלוט פון האַרץ.

פאַרגלײַכונגען

צו אָבערגלויבנס
צו מיסטישע און נאַטור־כּוחות
און זייערע דערשײַנונגען

אַ גוטער סוף זאָל אים זײַן.
אַ היץ — עס שיט מיט פײַער.
אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד.
אויפגעשטאַנען תּחית־המתים.
איבערגעגאַנגען מיט פולנס.
איך האָב פאַר אים מורא, ווי פאַרן פּאַראַיאַריקן פראָסט / שניי /.
איך האָב שוין אָפּגעפּרעגלט אײַנגעמאַכטס; הלוואי מ׳זאָל עס ניט באַדאַרפן *.
איך וואַרט אויף דיר ווי אויף משיחן.
אין דעם קינד זיצט אַ גילגול.
אַ לויטערער פּנים, ווי דער הימל.
אַ מחלוקת איז ווי אַ פײַער.
אַן עבירה פאַר גאָט.
אָפּברענען אַ „רויז״.
אָפּשפּרעכן אַ „גוט־אויג״.
אַ צעטראָגענער מלאך.
אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל.
אַרויסגעכאַפּט זיך ווי פון גיהנום / ווי פון אַ שׂריפה / ווי פון פײַער /.
אַ שד פון די לאָזעס.

---

* אײַנגעמאַכטס פלעגט מען נוצן מערסטנס נאָר אַלס רפואה קעגן פאַרקילונג און אַנדערע קרענק.

אַ שוואַרצע קאַץ איז אַדורכגעלאָפן צווישן זיי.
אַ שטראַלנדיק פּנים ווי די זון.
אַ שפּיל פאַרן טײַוול.

ביטער ווי דער טויט.
בלוי ווי דער הימל / בלוי ווי דער ים.
ברענט מיט אַ העליש פײַער (כּעסט זיך).

גייט איר נאָך ווי אַ שאָטן.
גייט אַרום ווי אַ נעכטיקער.

דאָס איז אַ גילגול, ניט קיין מענטש.
דאָס זײַנען פּוסטע חלומות.
דו וועסט זיך קויפן דערמיט עולם־הבא.
די ידיעה איז אַראָפּגעפאַלן, ווי אַ דונער פון הימל.
די ידיעה האָט אים געטראָפן, ווי אַ דונער פון הימל.
דער הימל איז בײַ דער ערד / דער הימל איז ניט בײַ דער ערד.
דער מעסער איז ניט געבליבן — אַרײַן ווי קורח אין דער ערד.
דער עולם כאַפּט / דער עולם לויפט ווי פון אַ פײַער / דער עולם לויפט ווי פון אַ שׂריפה.
דער שד ווייסט אים / דער שוואַרציאָר ווייסט אים.
דער שד נעמט אים / דער שוואַרציאָר נעמט אים.
דרייט זיך אַרום, ווי אַ פאַרחלומטער מלאך.

האָט אײַנגעריסן וועלטן.
האָט געליטן שבעה מדורי גיהנום.
האָט זיך געזעגן מיט זײַן עלטער־באָבע.
האָט זיך געזעגן מיטן מלאך־המוות.

האָט זיך פֿאַרקליבן אויף עק וועלט.
האָט זיך פֿאַרקליבן הינטער די הרי־חושך.
האָט פֿאַרלוירן בײדע וועלטן.

ווי אַזוי די מתים עסן, אַזאַ פּנים האָבן זיי.
וועט קומען משיח שפּעטער מיט אַ טאָג.

זי איז אַ ברען. זי איז אַ פֿײַער. זי איז אַ וויכער.
זי איז שיין ווי אַ חלום.
זי האָט בײַ אים אַ פֿינצטערן טאָג.
זיי האָבן זיך געקריגט — ס׳האָט געבליצט און געדונערט.
זיי זײַנען ווי פֿײַער מיט וואַסער.
זי לייגט אים אין דער ערד אַרײַן.
זיצט ווי אויף הייסע / צעגליטע / קוילן.

טאַנצט אַ שדים־טאַנץ.

לייגט אײַן וועלטן.
ליכטיק ווי דער טאָג.

מאַכט פֿײַן פּרנסה — ער האָט גוט געדאַוונט.
מ׳דאַרף רײַסן קבֿרים.
מ׳זאָל דערמאָנען משיחן — קומט ער.
מ׳טאָר זיך ניט צורירן צו איר, ווי צו אַ צלם.

ס׳איז אויס וועלט / ס׳איז עק וועלט.
ס׳איז געווען ווי אַ שיינער חלום.

ס׳איז הימל עפן זיך.
ס׳איז טעם גן־עדן.
ס׳וועט העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס / ווי אַ טויטן אַ קאַנע /.
ס׳מישט זיך הימל מיט ערד.
ס׳רוקן זיך אָן שוואַרצע וואָלקנס.

ער איז וואָס דער ים וואַרפט אַרויס.
ער איז ווי אַ ווינט אין פעלד.
ער איז פון איר אין זיבעטן הימל.
ער איז פון גאָטס קאָזאַקן.
ער איז שוואַרץ ווי די ערד.
ער האָט מורא פאַרן אייגענעם שאָטן.
ער הענגט אין דער לופטן: צווישן הימל און ערד.
ער וועט גיין נאָך איר אויף עק וועלט.
ער וועט גיין פאַר איר אין פײַער און אין וואַסער.
ער כאַפּט אָן גאָט פאַר דער באָרד.
ער מיינט, אַז מלאָכים שפּילן זיך מיט אים.
ער מיינט, אַז מען פאַלט אים פון הימל.
ער רוט ניט ווי דער סמבטיון.

פון דעם קען מען גיין פון דער וועלט.
פון זייערע געשרייען שפּאַלט זיך דער הימל.
פינצטער ווי די נאַכט.
פליט אין די הימלען / פליט אויף די וואָלקנס.
פליט ווי אַ פּסחדיקער מלאך.
פרום ווי גאָט אַליין.

צוויי „מתים״ גייען טאַנצן (אָרעמע חתן־כּלה).
צום יִידישן מאָל.

קיין חיבוט הקבר וועט ער שוין ניט לײַדן.
קערט וועלטן.

ראַטעווען ווי פון אַ שׂריפה.

שווער ווי דער טויט.
שווער ווי קריעת ים־סוף.
שטיל ווי אויפן בית־עולם / שטיל ווי נאָך כּפּרות.
שפּילט זיך מיטן מלאך־המוות / שפּילט זיך מיט פײַער.

צו בעלי־חיים

אַ באָק.
אַן אייזל.
אַ בלײַענער פויגל.
אַ הונט בלײַבט אַ הונט.
אַ וואָרעם אין כריין דאַכט זיך, אַז קיין געשמאַקערס איז ניטאָ.
אויפן גאַס איז קאַלט, אַז ס'איז אַ שאָד אַרויסטרײַבן אַ הונט.
אַז די באַלעבאָסטע איז אַ שטינקערין, באַלעבאַטעוועט די קאַץ.
איך האָב אים פֿײַנט ווי אַ שפּין.
איך וועל שלאָגן מיט אים כּפּרות.
אין שטוב איז קאַלט כאָטש הינט פאַרטרײַבן.
אַ מענטש איז ניט קיין חזיר — ער עסט אַלץ.
אַ מענטש איז שוואַכער פון אַ פליג און שטאַרקער פון אײַזן.
אַן אַלטער מאַן פון אַ יונגער פרוי איז געגליכן צו אַ הונט נעבן אַ וואָגן מיט היי:
אַליין עסט ער ניט, און יענעם לאָזט ער ניט צו.
אָנגעשטעלט די אויערן ווי אַ האָז.
אַ קאַצן־יאָמער.

אַ קאַרגער ליגט אויפֿן געלט, ווי אַ הונט אויף אַ ביין.
אַרויסגעראַטעוועט ווי פֿון דעם הונטס ציין.
אַרייַן פֿון רעגן, ווי אַ האָן אַ נאַסער.

באַלעקט זיך ווי אַ קאַץ.
בייזערט זיך, / בלאָזט זיך / / צינדט זיך אָן / ווי אַן אינדיק אויף אַ רויטער שמאַטע.
בילט ווי אַ בייזער הונט.
ביסט אין כּעס — צעבייַס אַ פֿלוי.

גייט נאָך איר, ווי אַ קעלבל נאָך דער קו.
געזונט ווי אַן אָקס / ווי אַ פֿערד /.
געטראָפֿן ווי אַ בלינד פֿערד אין גרוב אַרייַן.
דאָס איז, ווי אַרויסגעוואָרפֿן פֿאַר די הינט.
דאָס געפֿעלט אים, ווי פֿאַר אַ הונט אַ פֿליג.
דאָס פּאַסט איר, ווי דעם חזיר קרעלן / ווי דעם חזיר אַ שטרייַמל /.
דו ביסט זייַן כּפּרה־הינדל.
די אייער זייַנען קליגער פֿון די הינער.
די אייער לערנען די הינער.
דער בנין שטייט אויף הינערשע פּיסלעך.
דערפֿאַר גייען די גענדז באָרוועס?
דרייט זיך אַרום, ווי אַ גאַנער אין די ספֿירה־טעג*.
דרייט זיך אַרום, ווי אַ הון מיט אַן איי.
דרייט זיך ווי אַ וואָרעם.
דרייט מיט דער צונג, ווי אַ הונט מיטן וויידל.

האָט אַ קעצישן זכּרון.
האָט אַ קעצישן מוח.
האָט זיך אָפּגעריסן אויף אים, ווי אַ בייזער הונט פֿון דער קייט.

*אין די ספֿירה־טעג (צווישן פּסח און שבֿועות) זיצן די גענדז אויף די אייער.

האָט זיך פֿאַרטײַעט, ווי אַ קאַץ.
האָט זיך צוגעטשעפּעט צו איר, ווי אַ פּיאַווקע / ווי אַ קלעק / / ווי אַ פֿליג /.
האָט אַ וואָלפֿישן אַפּעטיט.
האָט קעצעלעך אין בויך.
הונגעריק ווי אַ הונט אין די נײַן טעג.
הונגעריק ווי אַ וואָלף.
הירזשעט פֿון פֿרייד ווי אַ פֿערד.
הערט אים ווי דעם קאָטער.

וואָס ביסטו ברוגז? איך האָב פֿאַרנומען דײַנע קאַטשקעס אויפֿן וואַסער?
וויינט ווי אַ ביבער.
ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?
ווען אַ הונט גיט אַ לעק מײַן האַרץ, וואָלט ער משוגע געוואָרן.

די איז אַ נאַכט־פֿייגעלע.
זי איז גרין ווי אַ זשאַבע / זי איז קאַלט ווי אַ זשאַבע.
זי איז ווי אַ קוואָקע.
זי איז שטיל ווי אַ טײַבעלע.
זי איז אומשולדיק ווי אַ טײַבעלע.
זי האָט פֿאַר אים אַ הינטיש לעבן.
זי וויל געבראָטענע טײַבעלעך גלײַך אין מויל אַרײַן.
זי לעקט זיך אים אונטער ווי אַ קעצעלע.
זויגט / ציט / מײַן בלוט ווי אַ פּיאַווקע.
זיי גייען שלאָפֿן גלײַך מיט די הינער.
זיי זשומען מיך באַפֿאַלן, ווי די בינען.
זיי זײַנען מיך באַפֿאַלן ווי דער היישעריק.
זיי זײַנען ווי צוויי קעץ אין איין זאַק.
זיי לעבן ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז.
זיי לעבן ווי צוויי טײַבעלעך.
זײַנע רייד — עלעהיי אַ הונט בילט.
זיי פֿאַלן ווי די פֿליגן.
זיי קוואַקען ווי די קאַטשקעס.

זיי רייַסן זיך, ווי הינט פאַר אַ ביין.
זיי רייַסן זיך ווי צוויי הענער.

טריף ווי אַ חזיר.

לאַכט מיט יאַשטשערקעס.
לויפט אַרום, ווי אַ פאַרסמטע מויז.

מ׳מעלקט פון אים, ווי פון אַ קו.
מעלה־גרהט ווי אַ בהמה.

ס׳איז אַ רחמנות אויף אים, ממש צער בעלי חיים.
ס׳איז ווי צונעמען דעם לייטער פון דער קאַץ אויפן דאַך.
ס׳ציט אים צו איר, ווי אַ פערד צום האָבער.

עסט ווי אַ חזיר / עסט ווי אַ פייגעלע.
ער איז אַ בייזער / משוגענער / / פאַרביסענער / הונט.
ער איז אַ הונט אַנטקעגן אים.
ער איז אַ ווילדע חיה.
ער איז אין די קליינע אותיות, ווי אַ פיש אין וואַסער.
ער איז גוט, / מילד / / נאַכגיביק / ווי אַ לעמעלע.
ער איז הונגעריק ווי דעם מילנערס הונט / ווי דעם מילנערס חזיר /.
ער איז ווי אַ בייזער הונט אָן ציין.
ער איז ווי אַ געשלאָגענער הונט.
ער איז ווי אַ קאַץ אויף סמעטענע.
ער איז זייער כפרה־הינדל.
ער איז זייַן שעיר לעזאזל*.
ער איז חזיר־פיסל־כשר.
ער איז פויל ווי אַ קאַץ.
ער איז פלינק ווי אַ מויז.

* שעיר לעזאזל — ווער ס׳קומט אָפּ פאַר יענעמס זינד און דינט אַלס כפרה פאַר יענעם.

ער איז צעווילדעוועט ווי אַ צעיושעטער אָקס.
ער איז שטום ווי אַ פיש.
ער האָט אויפגעזוכט פון די אַלטע פערד די פּאַדקאָוועס.

פאַר אַ געשלאָגענעם הונט זאָלסטו ניט ווײַזן קיין שטעקן.

קאַצן־מוזיק.
קוקט אויף מיר, ווי „ראַבטשיק" אויפן טאַטן.
קען ניט פאַרבינדן דער קאַץ קיין עק.
קרייעט ווי אַ האָן.

ריטשעט ווי אַ געקוילעטער אָקס.

שיקסט מיך קויפן בײַ דער גאַנדז הירזש (פּראָסע).
שלעכט ווי אַ יאַשטשערקע / ווי אַ שלאַנג /.
שרעק ניט די גענדז!

צו געוויקסן, שפּײַז, מאכלים

אויגן ווי די מאַנדלען / אויגן ווי די קאַרשן.
אויסגעמישט קאַשע מיט באָרשטש.
איך בין אויסגעקומען מיט דעם, ווי מיט מצה־וואַסער.
איך בין אויסגעקומען מיט דעם, ווי מיט קרעפּל־פלייש.
איך מאַך ניט דערפון קיין צימעס.
איר קול איז צוקער־זיס.
אַ מויד ווי אַ סאָסנע / אַ מויד ווי אַ צימעס.
אַן אויסגעבלאָזן איי / אַן אויסגעשיילט אייעלע.

ביליקער פון באָרשטש.
בראָקט גרײַזן, ווי אין קרויט אַרײַן. האַקט גרײַזן ווי אין קרויט אַרײַן.

בראָקט גרייַזן, ווי אַ ייִדענע לאָקשן. האַקט גרייַזן, ווי אַ ייִדענע לאָקשן.
בראָקט ליגנס / האַקט ליגנס.

גרין ווי אַ לימענע.

דאָס איז אָפּגעגעבן ברויט.
דאָס איז מעדני־מלכים — דער קייסער מעג עס עסן.
דער אמת קומט אַרויף, ווי בוימל אויפן וואַסער.

האָט אים פאַריאָגט ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.
האָט זייַן סחורה גוט פאַרקויפט — ממש פאַרצוקערט.
האָט פאַרקאָכט אַ קאַשע.

זויער ווי עסיק.
זי / ער איז אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק.
זי איז שמן זית זך.
זי בליט ווי אַ בלום.
זי לעקט ניט קיין האָניק בייַ אים.
זיס ווי צוקער / זיס ווי לאַקרעץ.

כאַפּ ניט, ס׳איז ניט קיין הייסע לאָקשן.

לאָזט זיך ניט שפּייַען אין קאַשע.

ס׳גייט ווי אויף פּוטער / ס׳גייט מיט דער פּוטער אַראָפּ.
ס׳קלעפּט זיך ווי אַרבעס צו דער וואַנט.

ער איז אַ האַרטע נוס.
ער וועט ניט אָפּגעבן פאַר איר אַ זעקל מיט באָרשטש.

פאַרקויף מיר ניט קיין לאָקשן.

ציטערט ווי אַ בלעטל פֿון בוים.

קוויקט זיך מיט קאַלטע באַטווינע / קוויקט זיך מיט חלשות.

רויט ווי אַ בוריק.
רעדן צו אים איז ווי שיסן אַרבעס אין וואַנט אַרײַן.
רעדן צו אים — דאַרף מען זיך אָנעסן מיט אַרבעס.

צו תּשמישי קדושה

אַ נאָז ווי אַ שופֿר.
אַרײַנגעפֿאַלן ווי אַ יָוון אין סוכּה.

דאָס איז גרויס, ווי אַ „טל־ומטר״ אין אַ קליין סידורל.

זי איז געגליכן צו אַ שטאָט־אתרוג: אַלע בענטשן אויף אים.
זי זעט אויס, ווי אַן אָפּגעקלאַפּטע הושענא.
זי זעט אויס, ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא.

ער איז פּסול, ווי אַן אתרוג אָן אַ פּיטם.
ער טרייסלט אים / שאָקלט אים / ווי אַ לולב.

צו קרענק

אַז מ׳ליגט אַרײַן קדחת, נעמט מען אַרויס קרענק.
אַן אײַנרעדעניש איז די ערגסטע קרענק.
אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק איז אַ זיכערער טויט.

גאָט שיקט צו די רפֿואה פֿאַר דער מכּה.

דאָס איז אַ געזונטע קרענק / דאָס איז אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק.

ווען שלעכטס טוט ווי, וואָלט ער אַרײַן אין גרויסע ייסורים.

זי איז אַ זאַראַזע / אַ כאָלערע /.

ב׳קען דיר העלפן קרעכצן.

ס׳גייט אים ווי בלוט פון נאָז.
ס׳וואַרפט אים ווי אין אַ קדחת.

ער איז גוט, כאַטש לייג אים צו צו אַ מכה.
ער האָט שוין געפּאַקט און געמאָזלט.

אַלערליי פאַרגלײַכונגען

אַ באָרד ווי אַ בעזעם.
אַ וויינערין — אַ נאַסע שמאַטע.
אַוועק ווי דער ווינט / אַוועק ווי דער נעכטיקער טאָג.
אַוועק ווי אַ חלום. אַוועק ווי דער רויך פון קוימען.
אויסגעפּוצט ווי אַ פּראַנט.
אויפן שפּיץ מעסער.
אַזוי לאַנג זאָל דויערן דער ייִדישער גלות, ווי לאַנג ער וועט זיך האַלטן מיט איר.
אַ חכם ווי שלמה המלך.
איך בין ווי אַ ניי־געבוירענער.
איך דאַרף דאָס האָבן, ווי אַ לאָך אין קאָפּ.
אַ ליסיניע (פּליך) ווי אַ טעלער / ווי אַ שפּיגל /.
אָנגעלאָדן ווי אַ ביקס.
אָנגעצויגן ווי אַ בויגן / ווי אַ סטרונע /.
אָרעם ווי די נאַכט.
אַ רשע ווי המן / ווי טיטוס / / ווי עמלק /.

באַלעבאַטעװעט, װי בײַ זיך אין דער הײם.
ביטער װי די גאַל.
בלײך װי די װאַנט / װײַס װי די װאַנט / װײַס װי שנײ.

גײט אױס װי אַ ליכט.
געבליבן שטײן װי אַן אױסגעמאַלקענער.
געבליבן שטײן װי אַן אױסגעפּאַטשטער.
געבליבן שטײן װי אַן אָפּגעשמיסענער.
געבליבן שטײן װי אַ באַמאַכטער.
געבליבן שטײן מיט אַראָפּגעלאָזטע הױזן.
געבליבן שטײן מיט פֿולע הױזן.
געלאָפֿן װי אַ פֿײַל פֿון בױגן / װי אַן אונטערגעשאָסענער /.
געשלאָפֿן װי אַ געהרגעטער / געשלאָפֿן װי אַ קלאָץ / געשלאָפֿן װי נאָך אַ באָד /
געשלאָפֿן װי שבת נאָכן טשאָלנט.

דאָס איז גרינג צו געפֿינען, װי אַ נאָדל אין אַ װאָגן מיט הײ.
דאָס איז לאַנג, װי דער ייִדישער גלות.
דאָס ברױט איז האַרט, װי אַ בײן / דאָס ברױט איז האַרט װי אַ שטײן.
דאָס מעסער איז טעמפּ, װי אַ שטיק האָלץ.

האָט זי געקוילעט מיט אַ טעמפּן מעסער.
הונגער איז שטאַרקער פֿון אײַזן.
הײזעריק, װי די װאַנט.

װאַנצעס װי די פֿלעדערװײשן.
װײנט װי אַ טאַטע.

זי איז שטאַרקער פֿון אײַזן, אַז זי האַלט אױס פֿון אים.
זי איז שײן װי די װעלט.
זיצט װי אױף געגליטע קױלן / זיצט װי אױף שפּילקעס.
זעט אױס װי איבערגעניצעװעט.

טויב — הערט ניט די וועלט.
טויב ווי די וואַנט.
טיילט עס אויס, ווי מיט אַ טיי־לעפעלע.
טראָגט זיך אַרום מיט דעם, ווי דער רבונו־של־עולם מיט דער תּורה.
טראָגט זיך אַרום מיט דעם, ווי אַברהם אָבינו מיט דער מילה.
טראָגט זיך אַרום מיט דעם, ווי אַ הון מיט אַן איי.
טראָגט זיך אַרום מיט דעם, ווי אַ הונט מיט אַ ביין.
טראָגט זיך אַרום מיט דעם, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז.

לייענט ווי אַ וואַסער.

מ׳דאַרף אים היטן ווי אַ גנב.

ס׳איז אַזוי ווי געפונען.
ס׳איז אין אים אַ מצווה, ווי אין אַ שיכּורן גוי פירן פּ׳...
ס׳גייט אים ווי דעם רשע אויף דער וועלט.
ס׳גייט ווי אויף פּוטער / ס׳גייט ווי אַ פידעלע.
ס׳ועט אָנהאַלטן, ווי פון אסתּר־תּענית ביז פּורים.
ס׳קלאַפּט ווי אַ זייגער.
ס׳ציט זיך ווי אַ ווינטער־נאַכט / ס׳ציט זיך ווי דער יידישער גלות.

ער איז אַן איר, ווי אַ פּאַסטעך אַן אַ פּײַפל.
ער איז ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן.
ער איז נאַקעט ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.
ער איז נאַקעט ווי די נאַכט.
ער איז פאַרשוואַרצט ווי אַ קוימען־קערער.
ער איז פאַרשוואַרצט ווי אַ קייל.
ער איז פאַרשוואַרצט ווי די ערד.
ער איז פינקטלעך ווי אַ זייגער.
ער איז רײַך ווי קורח.
ער איז שטאַרק ווי אַ דעמב.
ער איז שיכּור ווי אַחשוורוש / ער איז שיכּור ווי לוט.

ער הערט אים, ווי המן דעם גראַגער.
ער מאַכט אַ געוואַלד, ווי מ׳וואָלט אים געקוילעט.
ער קערט זיך אָן מיט מיר, ווי אַ קנעפּל צו די גאַטקעס.
ער קערט זיך אָן מיט מיר, ווי מײַן פֿערדס בײַטש־שטעקעלע.

פֿאַות ווי די קאָרקן־ציִערס.
פּילט זיך, ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן.

שיט קללות ווי פֿון אַרבל.
שטייט ווי אַ גולם, כאַטש מעלק אים אויס.
שטייט ווי ניט אים מיינט מען.
שיין ווי אַ בלום / ווי אַ בת־מלכּה /.
שיין — ווי אויסגעמאָלן / שיין ווי אַ זוניקער טאָג / שיין, ווי אַ כּלה אונטער דער חופּה / שיין ווי אַ מלאך / שיין ווי די ליכטיקע לבנה / שיין ווי לויטער גאָלד.
שרײַבט אותיות ווי פּערעלעך.

גוף און נשמה אין פֿאָלקס־ווערטלעך

אײן גוף
און אײן נשמה

אויג

אײן אויג אין קאָפּ (אַ בן־יחיד).
איך האָב ניט צוגעמאַכט אַן אויג.
אָפּשפּרעכן אַ „בייז־אויג" / אַ „גוט־אויג" / / אַ „שלעכט־אויג" / / אַן עין־הרע /.
דאָס אויג דערציילט וואָס דאָס האַרץ מיינט.
האָט צוגעמאַכט אַן אויג. (געשטאָרבן)
האַלט אויף איר אַן אויג.
וואַרפט אויף איר אַן אויג.
זאָגט אַ ליגן און גיט ניט אַפילו קיין פינטל מיט אַן אויג.
זיך איין אויג, אַבי יענעם ביידע.
חן באַצויבערט דאָס אויג, מעלות — די נשמה.
לאָזט ניט אַראָפּ פון איר קיין אויג.
עין תחת עין.
ער איז דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג.
ער היט איר אָפּ, ווי אַן אויג אין קאָפּ.
ער היט איר אָפּ, ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג.
פינצטער, כאָטש נעם אַרויס אַן אויג.
צומאַכן אַן אויג.
קיין „בייז־אויג" / קיין עין־הרע / זאָל צו דעם קינד ניט צושטיין.
שיין, אַז ס׳פאַרכאַפּט / ס׳פאַרנעמט / דאָס אויג.

אויגן

אויגן ווי די מאַנדלען / אויגן ווי די קאַרשן.
אויסגעווײנט די אויגן.
איך בין אים גרויס אין די אויגן.
איך האָב אים געעפנט די אויגן.
איך האָב אים ליב, ווי אויגן־ווייטיק.
אין מײַנע אויגן איז דאָס גלײַך.
איר שיינקייט בלענדט / פאַרבלענדט / די אויגן.
איר שיינקייט רײַסט אויף די אויגן.
אירע אויגן ברענען / אירע אויגן רעדן.
אַ מענטש האָט גרויסע אויגן.
אַראָפּגעלאָזט די אויגן פאַר בושה.
גאַסן האָבן אויגן.
גאָרניט איז גוט צולייגן צו די אויגן.
גיט אַכטונג אויף איר מיט זיבן אויגן.
גלאָצט צו גאָט מיט די אויגן. פאַרגלאָצט מיט די אויגן צו גאָט.
גלאָצט מיט די אויגן צום הימל.
דאָס איז מיר נויטיק ווי אויגן־ווייטיק.
די אויגן בליצן / פינטלען / / פינקלען /.
די אויגן גייען אויס פון וואַרטעניש.
די אויגן זײַנען אים פאַרלאָפן.
די אויגן זײַנען גרעסער ווי דער מאָגן.
די אויגן קריכן אַרויס פון קאָפּ ביז מ׳זעט אַ גראָשן.
דריי זיך מיר ניט פאַר די אויגן.
האָט אויסגעווײנט נאָך אים די אויגן.
האָט איר אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן פון אויבן ביז אַראָפּ.
האָט איר אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן פון קאָפּ ביז די פיס.
האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן.
האָט ניט אַראָפּגעלאָזט פון איר די אויגן.
האָט ניט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן.
וואָס די אויגן זען, וויל דאָס מויל.
ווו זײַנען געווען מײַנע אויגן?

ווײַט פֿון די אויגן — ווײַט פֿון האַרצן.
זאָגט דעם אמת אין די אויגן.
זאַלץ דיר אין די אויגן.
זי וואַרפֿט זיך אין די אויגן.
זײַנע רייד האָבן מיר געעפֿנט די אויגן.
זי לאָזט אים ניט אויף די אויגן.
זעט דעם טויט פֿאַר די אויגן.
זעט ניט קיין גראָשן פֿאַר די אויגן.
זעט ניט קיין שטיקל ברויט פֿאַר די אויגן.
כּל־זמן די אויגן זײַנען אָפֿן, זאָל דער מענטש האָפֿן.
ליגט מיט אָפֿענע אויגן.
ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.
עסט איר מיט די אויגן / שלינגט איר מיט די אויגן.
ער גיט אַכטונג אויף איר מיט זיבן אויגן.
ער האָט געעפֿנט די אויגן (האָט פֿאַרשטאַנען).
ער האָט אים געעפֿנט די אויגן (געגעבן צו פֿאַרשטיין).
ער קוקט איר אין די אויגן אַרײַן.
פֿאַרבלענדט די אויגן.
פֿון קנאה קריכן אַרויס די אויגן פֿון קאָפּ.
פֿינצטער איז אים געוואָרן אין די אויגן.
פֿונקען פֿליִען פֿאַר די אויגן.
קוקט ניט גלײַך אין די אויגן.
קען ניט אָפּרײַסן פֿון איר די אויגן.
שטעכט לײַט די אויגן.
שעמט זיך אויפֿהייבן / ווײַזן / די אויגן.

אַדיעקטיוון צום וואָרט אויגן:

אויסגעלאָשענע, אומעטיקע, אונטערגעפּירטע, אונטערגעקלאַפּטע, אונטערגע־שלאָגענע, איבערגעדרייטע, אָפֿענע, גלאַנצנדיקע, גלאַנצנדיקע, גרויסע, טויטע, טרויעריקע, לאַכנדיקע, ליכטיקע, לעבעדיקע, פֿאַרוויינטע, פֿאַרזאָרגטע, פֿאַר־לאָפֿענע, פֿאַרשטאָכענע, פֿאַרשײַטע, פֿאַרשעמטע, פֿינצטערע, פֿריילעכע, קלוגע, שיינע.

אויער

אײַנגערוימט אַ סוד אין אויער.
אין איין אויער אַרײַן, פון צווייטן אַרויס.
וואַרעם ווי אין אַן אויער.
זײַנע רייד קריכן מיר ניט אַפילו אין לינקן אויער.
כאַטש שנײַד אים, דעם עקשן, אַן אויער.
ס׳מעג אים שטינקען פון אַן אויער.
שטיל ווי אין אַן אויער.

אויערן

אָנגעשטעלט די אויערן ווי אַ האָז.
דו ווערסט עס זען, ווי דו זעסט דײַנע אויערן.
וועגנט האָבן אויערן.
ווערט פאַררויטלט ביז איבער די אויערן.
מיט זײַנע געשרייען לעכערט ער די אויערן.
ס׳קלינגט מיר אין די אויערן.
פאַרליבט ביז איבער די אויערן.
פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן.
פון זײַנע רייד האָב איך שוין געשוואָלענע אויערן.
פון זײַנע רייד האָבן איך שוין מאָזאָלן אין די אויערן.

אַקסל / אַקסלען

אונטערשטעלן אַן אַקסל / צולייגן אַן אַקסל.
אַראָפּ אַ יאָך פון די אַקסלען.
מאַכט מיט די אַקסלען.
ס׳ציט אים צו איר אַן אַקסל.

באַק / באַקן

אָנגעשפּאַרט אין ביידע באַקן.
אַ קניפּ אין די באַקן, אַז די פאַרב זאָל שטיין.

מ׳זעט לויט די באַקן, ווי די ציין קנאַקן.
עסט/ קײַט / רײַבט אויף ביידע באַקן.
פֿאַר דעם קומט דיר אַ קניפּ אין בעקעלע.
פֿון ברויט ווערן די באַקן רויט.

אַדיעקטיוון צום וואָרט באַקן:

אײַנגעפֿאַלענע, אָנגעבלאָזענע, אָפּגעהאַנגענע, בלאַסע, געשוואָלענע, קנאַכיקע, רויטע.

באָרד

איך שווער בײַ באָרד און פּאות.
בעסער אַ ייִד אָן אַ באָרד, איידער אַ באָרד אָן אַ ייִד.
די מעשׂה האָט שוין אַ באָרד.

בויך

דאָס איז אַ בויך־סברה.
די פֿיש אין טײַכעלע איז נאָך ווײַט פֿון בײַכעלע.
דער בויך / דער מאָגן / האָט ניט קיין פֿענצטער.
דער בויך שפּאָרט איר אָן בײַ דער נאָז (אַ שוואַנגערע פֿרוי).
זאָלסט זיך רײַסן אויפֿן בויך.
מיר איז אײַנגעפֿאַלן דער מאַמעס מילך אין בויך.
ער האָט איר צוגעשטעלט אַ בײַכל.
ער האָט קעצעלעך אין בויך.
ער האַלט זיך פֿאַרן בויך פֿון געלעכטער.
ער וויל מיר אײַנרעדן אַ קינד אין בויך.
ער פּאַטשט זיך אין בײַכל.
פֿאַרלייגט די הענט אויפֿן בויך.
פֿון שרעק האָבן זיך אים איבערגעדרייט די קישקעס אין בויך.

ביין

אַ הונט אָן ציין וואַרפט זיך אויף אַ ביין.

אָפּלעקן אַ ביינדל.

אַ קאַרגער ליגט אויף זײַן געלט, ווי אַ הונט אויף אַ ביין.

דער ערגסטער הונט כאַפּט אויס דעם בעסטן ביין.

זי האָט אים צוגעוואָרפן אַ ביינדל.

זיי רײַסן זיך אַרום דעם, ווי הינט פאַר אַ ביין.

טראָגט זיך אַרום מיט דעם, ווי אַ הונט מיט אַ ביין.

לייקנט שטיין און ביין.

ער איז אַ האַרטער ביין.

ער שטייט אים, ווי אַ ביין אין האַלדז.

ביינער

אויסגלײַכן / אויסרוען / אָנוואַרעמען / די אַלטע ביינער.

אַז ס'איז ניטאָ קיין פלייש, גריזשעט מען ביינער.

אַ יאַט מיט ביינער.

אײַנגעגעסן זיך אין די ביינער.

אַלע ביינער טוען ווי.

אָנגעקלאַפּט די ביינער.

אַ צונג אָן ביינער.

אַרויס פון דעם עסק מיט צעבראָכענע ביינער.

ביסט דײַן טאַטע מיט די ביינער.

די ביינער ברעכן מיר.

האָט אים געבראָכן / צעבראָכן / צעהאַקט / צעקלאַפּט / די ביינער.

הויט און ביינער (אַ דאַרער).

זויגט / ציט / דעם קליאַק פון די ביינער.

זי עסט אים די ביינער.

מיר פאַר דײַנע ביינדעלעך.

ס'גייען מיר אַרויס די שפּאַרעס פון די ביינער.

עסט שטיינער און ביינער.

צעטראָגן די ביינער.

אַדיעקטיוון צום וואָרט ביינער:
אַלטע, מאָגערע, פעטע, צעבראָכענע, צעהאַקטע, צעקלאַפּטע.

בלוט

אונדזער אייגן פליישׁ און בלוט.
בייז בלוט.
בלוט און מילך (יונג און שיין).
בלוט איז ניט קיין וואַסער.
בלוטזויגער.
בלוט טריפט מיר פון האַרץ.
דאָס בלוט איז אים אַריַין אין פּנים.
ס׳גייט אים ווי בלוט פון דער נאָז.
ער זויגט / ציט / מיַין בלוט ווי אַ פּיאַווקע.
ער צאַפּט מיַין בלוט ווי גוטן וויַין.
ער שריַיבט מיט בלוט פון האַרץ.
קאָך מיר ניט אויף דאָס בלוט.
קאַלטבלוטיק.

גאַל

די גאַל ווערט צעזעצט / צעפּלאַצט /.
האָט געבראָכן מיט דער גרינער גאַל.
האָניק אויף דער צונג, גאַל אויף דער לונג.
ס׳איז אויסצושפּיַיען די גאַל.
ס׳קערט די גאַל פון זיַינע רייד.
ער איז אַ גאַליקער מענטש / ער איז ביטער ווי גאַל.
ער איז אַ גוטער מענטש, אָן אַ גאַל.
ער איז אַ שטיק „מרה־שחורה״.
רעדט אין דער גאַל אַריַין.

גאָרגל

ער דערגייט מיר שוין ביזן גאָרגל.

ער האָט אים אָנגעכאַפּט פֿאַרן גאָרגל.
ער זיצט אין שמוץ ביזן גאָרגל.

גערדאַנק / גערדאַנקען

געפֿאַלן אויף אַ גערדאַנק.
האָט צענומען / צעפֿלאָכטן / צעשרויפֿט / די גערדאַנקען.
לעבט מיט דעם גערדאַנק.
ס׳איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַ גערדאַנק.
ער איז ניט בײַ די פֿולע גערדאַנקען.

אַדיעקטיוון צום וואָרט גערדאַנק:

באַרישער, קינדערשער, קלוגער.

דופּק

אָנגעטאַפּט דעם דופּק.
האַלט די האַנט אויפֿן דופּק.
קוים וואָס דער דופּק קלאַפּט.

האַלדז

ברעך האַלדז און נאַקן.
די מעשׂה קריכט שוין פֿון האַלדז.
דער חלף ליגט אויפֿן האַלדז.
ער האָט אַ טריפֿהנעם האַלדז.
ער שטייט אים, ווי אַ ביין אין האַלדז.
שעם זיך אין דײַן ווײַטן / טיפֿן / האַלדז אַרײַן.

האַנט

אַ בייזע צונג איז ערגער פֿון אַ שלעכטער האַנט.
אים איז ניט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט.

אָנגעכאַפּט / געכאַפּט / ביַי דער האַנט.
אָנשפּיַיען אין האַנט אַריַין / אַריַינשטעקן אין האַנט אַריַין.
בעסער געבן מיט אַ וואַרעמער האַנט.
גיב אים / וויַיז אים / אַ פינגער, וויל ער די גאַנצע האַנט.
גאָט שיט צרות מיט אַ פולער האַנט.
גיט און לאָזט פון האַנט ניט אַרויס (אַ קאַרגער).
גיט אַ נדבה מיט אַן אָפענער האַנט.
גיט אַ נדבה מיט אַ פאַרמאַכטער האַנט.
דער וויטיק איז אָפּגענומען ווי מיט דער האַנט.
האָט אַ גוטע „האַנטשריפט" (אַ שלאָגער).
האָט אַ גוטן „כתב־יד" (אַ שלאָגער).
האָט אַ גוטע „מתנת־יד" (אַ שלאָגער).
האָט אַפילו ניט אָנגעשפּיגן אין האַנט אַריַין.
ווער ס׳האַלט די פען אין האַנט, שריַיבט זיך אַן אַ גוט יאָר.
טוקט ניט איַין די האַנט / אַ פינגער / אין קאַלט וואַסער (אַ פוילער).
מיט איין האַנט גיט ער, מיט דער צווייטער נעמט ער.
נעמט אין יד אַריַין (כאַבאַר, שוחד).
ס׳ביַיסט אים די האַנט (צום שלאָגן).
ער איז זיַין רעכטע האַנט.
ער פירט די פאַרזאַמלונג מיט אַ שטאַרקער האַנט.
ער פירט זיך מיט אַ ברייטער האַנט.
פון פרייד ריַיבט ער אַ האַנט אין אַ האַנט.
צולייגן אַ האַנט.

אַדיעקטיוון צום וואָרט האַנט:

אָפענע, ברייטע, גוטע, וואַרעמע, פאַרמאַכטע, קאַלטע, רעכטע, שווערע, שטאַרקע, שלעכטע.

הענט

אויפגענומען מיט אָפענע הענט.
איבערגעבן אין גויִישע הענט. (מַסרן)

אַלע בייזע חלומות אויף זײַנע הענט און פיס.
אָפּגעוואַשן די הענט פון דעם עסק.
אָפּגעלאָזן די הענט פון פאַרצווייפלונג.
בײַם קאַרגן ציטערן די הענט.
ברעך הענט און פיס.
ברעכט די הענט פון צער.
גיט איר דעם קאָפּ אין די הענט.
די אַרבעט ברענט אונטער די הענט.
האָט זיך פאַרוואָרפן מיט הענט און פיס.
האָט צווי לינקע / ליימענע / הענט.
האַלט די הענט אין די קעשענעס. (אַ פוילער)
האַלט די לייצעס אין די הענט.
האַלט די נשמה אין די הענט.
ווי נאָר איך זע, אַז מ׳הייבט הענט, מאַך איך פיס.
זאָל זיך דאָס אויסלאָזן צו זײַנע הענט און פיס.
זאָל ער אַזוי וויסן פון זײַנע הענט און פיס.
זאָל ער איבערגיין אויף גויִשע הענט.
זי איז אַרײַנגעפאַלן / שטייט אײַן / אין גוטע הענט.
זיצט מיט פאַרלייגטע הענט.
כאַפּ מיטביידע הענט — ס׳איז אַ מציאה.
מיט פרעמדע הענט איז גוט פײַער שאַרן.
ניטאָ מיט וואָס צו צעפירן די הענט.
ניט געבליבן אונטער די הענט.
נעם די פיס אין די הענט.
נעם אַוועק / שאַר אַוועק / פון איר דײַנע הענט.
ס׳האָט ניט קיין הענט און פיס.
ס׳פאַלט פון די הענט.
ער איז געקומען מיט ליידיקע הענט.
ער טראָגט איר אויף די הענט.
ער נעמט זיך צרות מיט די אייגענע הענט.
פאַרברעכט מיט די הענט.
פאַרוואַרפט זיך מיט הענט און פיס.

פאַרפלעכטן / צונויפפלעכטן / די הענט.
צעלאָזן / צעפּירן / די הענט.
קריכט אויף אַלע פיר [הענט און פיס].
רײַבט די הענט פון פרייד.

אַדיעקטיוון צום וואָרט **הענט**:

אייגענע, אָפּגעלאָזענע, גאָלדענע, גוטע, געשוואָלענע, ליידיקע, ליימענע, לינקע, מיאוסע, פאַרלייגטע, פולע, פרעמדע, ציטערנדיקע, צעלאָזענע, ריינע, שיינע, שלעכטע, שמוציקע.

האָר

איז שולדיק אַזוי פיל, אַז די האָר זײַנען ניט זײַנע.
גוט פון אַ חזיר אַ האָר.
גלעט איר די הערעלעך אַראָפּ.
די נשמה / דאָס האַרץ / דאָס לעבן / הענגט אויף אַ האָר / האַלט זיך אויף אַ האָר.
דרייט / פאַרדרייט / צעלאָזן / די האָר.
ווי דאָ וועט וואַקסן האָר, אַזוי וועט ער קומען.
זאָרג און יאָרן מאַכן גרוי די האָר.
זיי רײַסן זיך פאַר די האָר.
ס'האָבן זיך געשטעלט די האָר אויפן קאָפּ.

אַדיעקטיוון צום וואָרט **האָר**:

בלאָנדע, גאָלדענע, גלאַטע, געקרײַזלטע, גרויע, זײַדענע, לאַנגע, פאַרדרייטע, צעלאָזענע, קורצע, שוואַרצע.

האַרץ

אַ ווייטיק אין האַרצן.
אויסגיסן דאָס האַרץ.
אויף זײַן קאָפּ מײַן האַרצווייטיק / אויף זײַן קאָפּ מײַן האַרצקלעמעניש.

אויפֿן האַרצן איז ניט פֿריילעך.
אויפֿן ניכטערן האַרצן.
אונטערהאַלטן דאָס האַרץ.
אַז אויפֿן האַרצן איז ביטער, העלפֿט ניט אין מויל קיין צוקער.
אײַנגעבאַקן אין האַרצן.
אײַנגעפּאַלן אין האַרצן.
אַ ייִדיש האַרץ איז ניט אָפּצושאַצן.
איך האָב אַ פֿול האַרץ / איך טראָג אויף אים אַ פֿול האַרץ.
איך פֿיל ניט דאָס האַרץ.
אָנגעזאָלעט / אָנגעזאָלצן / אויפֿן האַרצן.
אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרץ.
אַראָפּגערעדט / אָפּגערעדט / זיך פֿון האַרצן.
אַרײַנקריכן אין האַרצן.
באַקומען אַ האַרץ־פֿעלער / באַקומען אַ האַרץ־קלעמעניש.
בײַ אים איז אַ שטיין, ניט קיין האַרץ.
בלוט טריפֿט פֿון האַרצן.
דאָס אויג דערציילט, וואָס דאָס האַרץ מיינט.
דאָס איז מיר ניט צום האַרצן.
דאָס האַרץ איז אַ האַלבער נביא.
דאָס האַרץ / די נשמה / איז מיר אַרײַן אין די פּיאַטעס.
דאָס האַרץ איז ווי אַ זייגער.
דאָס האַרץ איז פֿאַרחלשט.
דאָס האַרץ האָט זיך אָפּגעריסן. (פֿון שרעק)
דאָס האַרץ הענגט אויף אַ האָר.
דאָס האַרץ וויינט.
דאָס האַרץ ווערט צעריסן פֿון ווייטיק.
דאָס האַרץ ווערט צעשמאָלצן פֿון נחת.
דאָס האַרץ קלאַפּט, ווי בײַ אַ גזלן.
דערגאַנגען צום שפּיץ האַרץ.
דערהאַלטן / דערקוויקט / דאָס האַרץ.
האָט אויף אים אַ האַרץ.
האָט געעפֿנט פֿאַר אים דאָס האַרץ.

האָט זיך גענומען צום האַרצן.
האָט ניט גאָט אין האַרצן.
האָט ניט צו איר קיין האַרץ.
האָט ניט קיין האַרץ דאָס צו טאָן.
האַרצרײַסנדיקע סצענעס.
ווײַט פון די אויגן — ווײַט פון האַרצן.
ווינטשט מיט אַ פול האַרץ.
זאָל זײַן פריילעך אויפן האַרצן
זי איז אים אײַנגעבאַקן אין האַרצן.
זי איז אָפנהאַרציק.
זי האָט מיר אַרײַנגעשטעלט אַ נײַ האַרץ.
זײַן גורל האָט איר פאַרנומען בײַם האַרצן.
זינגט מיט האַרץ.
לאָזט ניט צו צום האַרצן.
לייגט מיר שטיינער אויפן האַרצן.
מ׳זאָל זיך זען מיט פריילעכע הערצער.
מיר גייט אויס דאָס האַרץ נאָך איר.
מיר חלשט דאָס האַרץ.
נעם זיך ניט צום האַרצן.
ס׳ברענט מיר אויפן האַרצן.
ס׳ברענט / ס׳גייט אויס / דאָס האַרץ.
ס׳דערגייט צום האַרצן.
ס׳ווערט גרינגער אויפן האַרצן.
ס׳נאָגט / ס׳קאָכט / אין האַרצן.
ס׳ציט / ס׳פאַרקלעמט / בײַם האַרצן.
ס׳רײַסט זיך אָפּ ס׳האַרץ.
ק׳... מאַך זיך אַ האַרץ.
רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן.
רעדט מיט האַרץ אַרויס / רעדט פונעם האַרץ אַרויס.
שרײַבט מיט בלוט פון האַרץ.

אַדיעקטיוון צום וואָרט האָרץ:
אַ ביטער, אַ גאָלדן, אַ וואַרעם, אַן אומעטיק, אַן אָנגעוויייטיקט, אַן אָפֿן, אַ ייִדיש, אַ פֿאַרחלשט, אַ פֿול, אַ פֿריילעך, אַ צעבראָכן, אַ קאַלט, אַ קראַנק, אַ שוואַך, אַ שטיינערן.

הויט

די הויט איז ניט זײַנע.
די הויט ציטערט אויף אים.
הויט און ביינער. (אַ דאַרער)
ס׳ברענט אויף אים די הויט.
ער וועט דיר אָפּעסן די הויט.
ער שינדט פֿון אים די הויט.
ער שפּרינגט פֿון דער הויט אַרויס.

הינטן

דער האָבער שטעכט איר אין הינטן.
האָט שפּילקעס אין הינטן.
מיט איין הינטן אויף צוויי חתונות.

ווײַדל

דרייט מיט דער צונג, ווי אַ הונט מיטן ווײַדל.
פֿאַרריסן דעם ווײַדל.
פֿון אַ חזירשן ווײַדל קען מען קיין שטרײַמל ניט מאַכן.
שיט אים זאַלץ אויפֿן ווײַדל.

זײַט / זײַטן

ער איז אויפֿגעשטאַנען אויף דער לינקער זײַט.
ער האָט זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן פֿון געלעכטער.
ער מאַכט מיט די זײַטן.

זינען

נעם זיך דאָס אַרײַן אין זינען.
ס׳ליגט מיר ניט אין זינען.
ער איז אַראָפּ פֿון זינען.
ער איז ניט בײַם זינען.

טריט / שריט

אויף יעדן טריט און שריט.
מאַכט זיכערע טריט / שריט /.
ער ברענט איר די טריט.
ער שטעלט די ערשטע טריט.

לונג און לעבער

אַ לונג און לעבער הענגט אים אויף דער נאָז.
אַ קאַלטער לונג און לעבער.
האָניק אויף דער צונג, גאַל אויף דער לונג.
וואָס בײַ אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז בײַם שיכּור אויף דער צונג.
ער האָט אַ ווײַס לעבער.

לײַב און לעבן

אַז ס׳קומט צום לעבן, פֿעלן יאָרן.
אײַנגעשטעלט דאָס לעבן.
איך בין צוגעבונדן מיט לײַב און לעבן.
איך וועל זיך ניט גיין נעמען דאָס לעבן צוליב איר.
אַלע בייזע חלומות צו זײַן לײַב און לעבן.
גאָט זאָל געבן געזונט; דאָס לעבן קען מען זיך אַליין נעמען.
דאָס לעבן איז מיר ניט ליב.
וואָס ווילסטו פֿון מײַן לעבן?
וואָס ער פֿאַרמאָגט אין זײַן מינדסטן נאָגל, פֿאַרמאָגסטו ניט אין דײַן גאַנצן לײַב און לעבן.

זאָל זיך דאָס אויסלאָזן צו זײַן לײַב און לעבן.
זאָל ער אַזוי וויסן פֿון זײַן לײַב און לעבן.
זי האָט בײַ אים אַ גאָלדן לעבן / אַ הינטיש לעבן / אַ זיס לעבן / אַ פֿינצטער לעבן /.
זי לאָזט אים ניט לעבן.
זײַן לעבן הענגט אויף אַ האָר.
מאַכט אַ משוגען לעבן.
מאַן און ווײַב זײַנען איין לײַב.
מ׳קען בלײַבן לעבן.
ער איז איר איבערגעגעבן מיטן גאַנצן לײַב און לעבן.
ער ווייסט ניט פֿון זײַן לײַב און לעבן.
ער נעמט דאָס לעבן לײַכט.
ער נעמט דאָס לעבן מיט די אייגענע הענט.
ער שטעקט אין דעם מיטן גאַנצן לײַב און לעבן.
ער פֿאַרגינט זיך ניט דאָס לעבן.
פֿאַרדריפּעט / פֿאַרפּאַטשקעט / פֿאַרשפּילט / אַ לעבן.
פֿילט ניט קיין טעם אין זײַן לעבן.

אַדיעקטיוון צום וואָרט **לעבן**:

אַ ביטער, אַ בייז, אַ גוט, אַ גליקלעך, אַ געמאַטערט, אַ זאָרגלאָז, אַ ליכטיק, אַ פֿאַרשפּילט, אַ פֿינצטער, אַ שווער, אַ שיין, אַ שלעכט.

ליפּן

אויב עסן חזיר, זאָל כאָטש רינען איבער די ליפּן.
אָפּגעווישט די ליפּן.
באַנעצט די ליפּן.
דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן.
מאַכט מיט די ליפּן.
פֿאַרביסן די ליפּן.
פֿאַרביסענע / פֿאַרשנורעוועטע / ליפּעלעך.

מאָרדע

גיב אים אין מאָרדע אַרײַן.

ער האָט אים אָנגעריבן אַ מאָרדע.

ער איז אים אַרײַנגעפאָרן אין מאָרדע.

מוח

אָפּגענער מוח . עקבערט דעם מוח . פאַרקערטער מוח . פאַרשטאָפּטער מוח . קעצישער מוח . שאַרפער מוח.

מויל

אויף אַ מויל איז ניטאָ קיין שלאָס.

אַז אויפן האַרצן איז ביטער, העלפט ניט אין מויל קיין צוקער.

אַז מ׳איז פויל, האָט מען ניט אין מויל.

אַז מ׳עסט ניט קיין קנאָבל, שפּירט זיך ניט פון מויל.

איך האָב נאָך ניט געהאַט אין מויל.

אין מויל־מלאָכה איז ער אויסגעבונדן.

אַל תפתח פה לשׂטן.

אַ מויל אויף רעדלעך / אַ מויל אויף שרײַפלעך.

אַ מויל — אַ מיסט־קאַסטן / אַ רינשטאָק /.

אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער.

אַ פול מויל מיט צונג.

אַרײַנכאַפּן אין מויל.

געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל.

געעפנט אויף אים אַ מויל.

דאָס מויל עפנט זיך ניט צום עסן.

דרייט ניט איבער דאָס מויל / קרומט ניט איבער דאָס מויל.

האָט אים פאַרמאַכט דאָס מויל / האָט אים צוגעמאַכט דאָס מויל.

האָט פאַרמאַכט דאָס מויל אויף זיבן שלעסער.

האַלט אַלעמען אין מויל.

האַלט מיך ניט אין מויל.

וואָס די אויגן זעען, וויל דאָס מויל.

זי וויל געבראָטענע טײַבעלעך גלײַך אין מויל אַרײַן.
זי לאָזט אים ניט עפענען ס׳מויל.
זי קוקט אים אין מויל אַרײַן.
כאַפּט אויס פון מויל.
כבד־פּה.
לייגט אין מויל אַרײַן.
מאַכט פון זײַן מויל אַ כאַליעווע / מאַכט פון זײַן מויל אַ שמאַטע.
מ׳דאַרף אים ניט אַרײַנלייגן אַ פינגער אין מויל.
ניט אַרײַנפאַלן זאָל מען צו איר אין מויל.
ס׳איז אים ביטער אין מויל.
ס׳איז אים געבליבן אייך צאָן אין מויל אויף ציין־ווייטיק.
ס׳קלאַפּן אים די ציין אין מויל פון קעלט / פון שרעק /.
ס׳רינט אים די סלינע פון מויל.
עפנט ניט קיין מויל.
פאַרמאַך שוין דײַן מויל!
פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן.
פּערל שיטן זיך פון זײַן מויל.
קרומט ניט איבער דאָס מויל.
רײַסט אַרויס דעם ביסן פון מויל.
רײַס מיר ניט אויף דאָס מויל.
רעדט מיט אַ האַלבן מויל / רעדט מיטן פולן מויל.
שפּאָרן פון מויל / אָפּשפּאָרן פון מויל.

אַדיעקטיוון צום וואָרט **מויל**:

אָפענער, ברודיק, גרויסער, פּאַסקודנער.

מײַלער

גאַסן האָבן מײַלער.
זי איז בײַ לײַטן אין די מײַלער.
זיי זײַנען געבליבן שטיין מיט אָפענע מײַלער.

זי רײַסט אויף לײַטן די מײַלער.
מ׳עסט ניט מיט צוויי מײַלער.
מ׳קושט זיך אין די פּיסקעס.

נאָגל / נעגל

בלאָזט איר אונטער די נעגעלעך.
גיסט אָפּ נעגל־וואַסער.
האַלט זיך / קלאַמערט זיך / מיט די נעגל בײַם פּאָסטן.
מיר זאָל זײַן פאַר איר מינדעסטן נעגעלע.
קריכט איר אונטער די נעגל.

נאָז / נעז

אַ לונג און לעבער הענגט אים אויף דער נאָז.
אַ נאָז ווי אַ שופר.
אַ פײַג דיר אונטער דער נאָז.
אַקערט מיט דער נאָז די ערד.
אַראָפּגענומען אַ שטרוי פון דער נאָז.
גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער / פאַרריסענער / נאָז.
דער בויך איז שוין בײַ דער נאָז. (אַ שוואַנגערע פרוי)
האָט ניט קיין צײַט אָפּווישן די נאָז.
האָט פליגן אין נאָז / האָט פליי אין נאָז.
זאָלסט אַזוי וויסן פון דײַן נאָז.
זי האָט אים אָפּגעווישט די נאָז.
זיי רײַסן זיך פאַר די נעז.
לאָזט זיך ניט פירן בײַ דער נאָז.
ניט אַרויסשטעקן די נאָז אין אַזאַ קעלט.
נעלם געוואָרן אונטער דער נאָז.
ס׳איז אים ביטער אין נאָז.
ס׳גייט אים ווי בלוט פון נאָז.

ער איז ווי פּעפּער אין נאָז.

פֿאַדרייט מיט דער נאָז / פֿאַרקרימט מיט דער נאָז / פֿאַררײַסט מיט דער נאָז.

אַדיעקטיוון צום וואָרט נאָז:

אָנגעבלאָזענע, אַראָפּגעלאָזענע, פֿאַרקרימטע, פֿאַרריסענע, פֿאַרשפּיצטע.

נפֿש / נפֿשות

גראָבער נפֿש . חשבון הנפֿש . ידיד נפֿש . מחיה נפֿשות . סכּנת נפֿשות . עגמת נפֿש.

נשמה

אויסגעהויכט די נשמה.

אויסלאָזן די נשמה / אויסשפּײַען די נשמה.

אויפֿגעלייגט אויף דער נשמה / אומעטיק אויף דער נשמה / אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה / ביטער אויף דער נשמה / גרינג אויף דער נשמה / טרויעריק אויף דער נשמה / לײַכט אויף דער נשמה / פֿינצטער אויף דער נשמה / פֿריילעך אויף דער נשמה / קאַלעמוטנע אויף דער נשמה / שווער אויף דער נשמה.

אַ ייִדישע נשמה זאָלסטו ניט קראַצן.

איין גוף און איין נשמה.

איך בין גאָט די נשמה שולדיק.

אַ ליגנער, אַז די נשמה נעכטיקט ניט איבער אין אים.

אַליין איז די נשמה ריין.

ביז מ׳דערלעבט די נחמה, גייט אויס די נשמה.

די נשמה איז מיר אַרײַן אין די פּיאַטעס.

די נשמה גייט אים אויס נאָך איר.

דערהאַלטן די נשמה / דערקוויקט די נשמה.

האָט ניט קיין גראָשן בײַ דער נשמה.

האַלט די נשמה אין די הענט.

האָסט מיר אַרײַנגעזעצט אַ נײַע נשמה.

זיין נשמה הענגט אויף אַ האָר.
זי ציט אים אַרויס די נשמה ביסלעכווייַז.
זי ציט אים אַרויס די נשמה קושנדיק.
חן באַצויבערט דאָס אויג, מעלות — די נשמה.
מייַן נשמה איז ניט פון קליאַטשע.
מייַן נשמה איז ניט קיין ראַזשינקע.
מ׳קען ניט אויסשפּייַען די נשמה.
ער איז גרייט פאַר איר די נשמה אַוועקגעבן.
פאַכעט מיט דער נשמה.
פאַרנודיעט די נשמה.
קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אים / אין איר /.

אַדיעקטיוון צום וואָרט **נשמה**:
אַלטע, אומעטיקע, ביטערע, גאָלדענע, גוטע, טייַערע, טרוקענע, יונגע, ייִדישע, נייַ־געבוירענע, נייַע, פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרדאַרבענע, פאַרקויפטע, פריילעכע.

פאה / פאות
איך שווער בייַ באָרד און פאות.
דאָס ליגט מיר ניט אַפילו אין דער לינקער פאה.

פויסט
גיי מאַך אַ פויסט, אַז קיין פינגער זייַנען ניטאָ.
ער וויינט אין קולאַק (פויסט).

פוס
אונטערגעשטעלט אַ פיסל.
אַ פוס איז מיר אייַנגעדרעמלט / אַ פוס איז מיר פאַרשלאָפן.
גיי אַרויס מיטן רעכטן פוס.
דאָס גייט ניט צופוס.

ער איז אַוועק, וווהין דער קייסער גייט צופוס.
ער איז שוין מיט איין פוס אין קבר.
ער זיצט צופוסנס פון באַרג.

פּיס

אַ גאַנצן טאָג אויף די פּיס.
אַ ווײַב שטעלט דעם מאַן אויף די פּיס.
אַ ווײַב וואַלגערט דעם מאַן פון די פּיס.
אויסציִען די פּיס / אויסציִען מיט די פּיס.
אַז מ׳האָט ניט אין קאָפּ, האָט מען אין די פּיס.
אַז מ׳הייבט הענט, מאַך איך פּיס.
איך האָב אָנגעקלאַפּט אַ פּאָר פּיס צו דיר.
איך וועל אַנטלויפן ווו גאָר די פּיס וועלן טראָגן.
איך פּאַל פון די פּיס.
אַלע בייזע חלומות צו דײַנע הענט און פּיס.
אָפּגענאַרט פון קאָפּ ביז די פּיס.
ברעך הענט און פּיס.
גיי אויף דײַנע פּיס, ניט אויף מײַנע.
געמאַכט פּיס. (אַנטלאָפן)
דאָס האָט ניט קיין הענט און קיין פּיס.
דאָס שטייט אויף הינערשע פּיסלעך.
די פּיס זעצן זיך / די פּיס טראָגן שוין ניט.
די פּיס ליגן אין קימפּעט. (אַ פוילער)
דער שיכור וואַלגערט זיך פון די פּיס.
האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פּיס.
האָט זיך פאַרוואָרפן מיט הענט און פּיס.
האָט צוויי לינקע פּיס.
האַלט די פּיס אונטער זיך / זיצט מיט פאַרלייגטע פּיס. (אַ פוילער)
הייבט פּיס. (לויפט)
וואָס דרייסטו זיך מיר פאַר די פּיס?
וואַרפט דעם גט פאַר די פּיס.

ווי דו זאָלסט ניט וואַרפן די קאָץ, בלײַבט זי שטיין אויף די פּיס.
ווייסט ניט פון זײַנע הענט און פּיס.
זאָלסט אַזוי וויסן פון דײַנע הענט און פּיס.
כאַפּ / נעם / די פּיס אויף די פּלייצעס.
כאַפּ / נעם / די פּיס אין די הענט.
כּל־זמן די פּיס טראָגן, דאַרף מען גיין און אַפילו לויפן.
מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פּיס אַרויף.
מײַן פּעקל האָט באַקומען פּיס. (צוגעגנבעט)
ער וויל וויסן פון וואַנען די פּיס וואַקסן.
ער האָט איר אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פּיס.
ער טרעט איר מיט די פּיס.
פֿאַרוואַרפט זיך מיט הענט און פּיס.
פֿאַרריסן / צעלאָזן / די פּיס.
פילט ניט דעם באָדן אונטער זײַנע פּיס.
פּיס ווי די קלעצער / פּיס ווי די שפּענדלעך.
פּלאָנטערט זיך צווישן די פּיס.
פּלאָנטערט מיט די פּיס.
קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פּיס.
קוים וואָס ער שלעפּט די פּיס.
קלאַפּט אומזיסט די פּיס.
קריכט אויף אַלע פיר [הענט און פּיס].
שטייט מיטביידע פּיס אויפן באָדן.
שטעל פּיס! (אַנטלויף!)

אַדיעקטיוון צום וואָרט **פּיס**:

אויסגעקרומטע, גלײַכע, געטאָקטע, געשוואָלענע, גראָבע, דאַקענע, דאַרע, הינערשע, לאַנגע, ליימענע, לינקע, מיאוסע, פֿאַרלייגטע, פֿאַרריסענע, קורצע, קלענדאַטע, קרומע, רייצנדיקע, שווערע, שיינע, צעשפּרייטע.

פּיאַטעס

דאָס האַרץ איז מיר אַרײַן אין די פּיאַטעס / די נשמה איז מיר אַרײַן אין די פּיאַטעס.

זי דערגייט ניט צו זײַנע פּיאַטעס.

פינגער

אויסגעזויגן פון פינגער.
אַוועק פון דער וועלט אויף די שפּיץ פינגער.
אים דאַרף מען ניט אַרײַנלייגן אַ פינגער אין מויל.
אַרויסגעגליטשט זיך פון צווישן די פינגער.
בײַ איר זײַנען שיטערע פינגער.
ברעכט די פינגער פון צער.
גיב / ווײַז / אים אַ פינגער, וויל ער די גאַנצע האַנט.
גייט / טאַנצט / אַרום איר אויף די שפּיץ פינגער.
גייט מיט די פינגער אין דרויסן.
גיי מאַך אַ פויסט, /אַ פײַג / אַז קיין פינגער זײַנען ניטאָ.
דרייט מיטן גראָבן פינגער.
זיי זײַנען, ווי אָט די צוויי פינגער.
זי פאַרדרייט אים אויף איר קליין פינגערל.
טוט ניט אַ קלאַפּ אַ פינגער מיט אַ פינגער.
לעקט פון איר די פינגער.
מ׳דאַרף אים ניט אַרײַנלייגן אַ פינגער אין מויל.
מיט צוויי פינגער קען מען קיין פײַג ניט מאַכן.
ניט געבליבן צווישן די פינגער.
ס׳רײַסט מיר אַ פינגער.
ער קוקט צווישן די פינגער.
שפּאַר ניט דעם פינגער וווהין מ׳דאַרף ניט.
שפּאַר ניט דעם פינגער צווישן די טירן.

אַדיעקטיוון צום וואָרט **פינגער**:
לאַנגע, קלעפּיקע, שיטערע.

זי פֿאַרדרייט אים אויף איר קליין פֿינגערל

פּיסק / פּיסקעס

איך וועל דיר צעפּאַטשן די פּיסקעס.

אַ פּיסקאַטע.

זי האָט אַ פּיסקל אויף רעדלעך / זי האָט אַ פּיסקל אויף שרײַפּלעך.

זיי קושן זיך אין די פּיסקעס.

ס׳איז אים ביטער אין פּיסק.

פּלייצע / פּלייצעס

אונטערשטעלן אַ פּלייצע / צולייגן אַ פּלייצע.

אַראָפּ אַ האָרב פון די פּלייצעס.

אַראָפּ אַ יאָך פון די פּלייצעס.

געכאַפּט / גענומען / די פיס אויף די פּלייצעס.

דער קאָפּ איז אים שווער אויף די פּלייצעס.

האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס.

האָט ברייטע פּלייצעס.

פּאַר אַזאַ עצה קומט דיר אַ זעץ אין פּלייצע.

פּנים / פּרצוף / צורה

אַזאַ פּנים האָט עס.

איר פּנים זאָגט אויס איר סוד.

איר פּנים שײַנט ווי די זון.

אַלע יוונים האָבן דאָס זעלבע פּנים (אַ יוון = אַ זעלנער)

אָנשפּײַען זך זעלבסט אין פּנים אַרײַן.

אַ פּאַטש אין פּנים.

אַ פּנים ווי אויף צו להכעיס.

אַ פּנים ווי אַ טעלער.

אַ פּנים חלשות.

אַ פּנים פון גראַניט / אַ פּנים פון חוזק.

אַ שיין פּנים ווערט דאָס האָבן.

באַגראָבן דאָס פּנים פּאַר חרפּה / באַגראָבן דאָס פּנים פּאַר בושה / פּאַרגראָבן

דאָס פּנים פֿאַר חרפּה / פֿאַרגראָבן דאָס פּנים פֿאַר בושה.

דאָס האָט ניט קיין פּנים.

דאָס פּנים איז אַ מוסר.

די יאָרן האָבן צעאַקערט זיַין פּנים.

ווי אַזוי די מתים עסן, אַזאַ פּנים האָבן זיי.

זעט אויס גוט: אַ פּנים אויף אַ פּנים.

מאַכט אַ זויערע מינע.

מ׳שפּיַיט אים אין פּנים — זאָגט ער ס׳רעגנט.

ניט קיין מזומנים, ניט קיין שיין פּנים.

פֿאַרלוירן דאָס מענטשלעכע פּנים.

פֿאַרשוואַרצט דאָס פּנים.

פֿון כּעס איז דאָס בלוט אים אַריַין אין פּנים.

צוויי־פּנימדיקער.

צרות לייגן זיך צוערשט אויפֿן פּנים.

קען ניט קוקן אויף זיין פּנים / קען ניט קוקן אויף זיַין פּרצוף / קען ניט קוקן אויף זיַין צורה.

אַדיעקטיוון צום וואָרט פּנים:

אויסגעווייקטער, אויפֿגעקאָכטער, איַינגעפֿאַלענער, אַלטער, אוממענטשלעכער, אָנגעבלאָזענער, אָנגעכמורעטער, אָנגעצויגענער, אָנגעשטרענגטער, ביטערער, בייזער, בלאַסער, גלאַטער, געשטיפּלטער, גרינער, וויינענדיקער, זויערער, זיסער, יונגער, לאַכנדיקער, לויטערער, ליכטיקער, מיאוסער, מילדער, נאַרישער, עקלדיקער, ערנסטער, פֿאַרחושכדיקער, פֿאַרכמורעטער, פֿאַרפּינצטערטער, פֿאַרצאָרנטער, פֿאַרקרימטער, פֿאַרשוואַרצטער, צעאַקערטער, צעכעסטער, צעפּלאַצטער, צעקנייטשטער, קיַילעכדיקער, קינדערשער, קלוגער, רויטער, שטיַיפֿער, שטראַלנדיקער, שיַינענדיקער, שיינער.

צאָן

דאָס איז ביַי אים אויף איין צאָן.

ס׳איז אים געבליבן אין מויל איין צאָן אויף צייןָ־ווייטיק.

ס׳קלאַפּט אים אַ צאָן אין אַ צאָן פֿון קעלט.

ס׳קלאַפּט אים אַ צאָן אין אַ צאָן פֿון שרעק.

ציין

אַ געשענקט פֿערד קוקט מען ניט אין די ציין אַרײַן.
אַ הונט אָן ציין וואַרפֿט זיך אויף אַ ביין.
איך האָב שוין אויפֿגעגעסן אויף דעם מײַנע ציין.
איך קוק איר ניט אין די ציין אַרײַן.
אָנגעכאַפּט זיך אויף זײַנע הייסע ציין.
אָנגעכאַפּט זיך אויף זײַנע שאַרפֿע ציין.
אַרײַנגעפֿאָרן אים אין די ציין.
אַ שטורך אין די ציין.
אַ שנירל ציינדעלעך, ווי די פּערעלעך.
געגעבן אים אין די ציין.
דאָס איז בעסער, ווי ציין־ווייטיק.
האַלט די צונג פֿאַר די ציין.
ווי אַ בייזער הונט אָן ציין.
זאָלסט זיך רײַסן אויף די ציין.
זי שטעלט אויס איר שיינעם קאַסטן ציין. (לאַכט)
טאַקע אַ הונט, אָבער אָן ציין.
ליגט מיט די ציין אַרויף. (געשטאָרבן)
מאָלט אויף אַלע ציין.
מ׳זעט לויט די באַקן, ווי די ציין קנאַקן.
ס׳איז אים אײַליק אין די ציין.
ס׳שנײַדן זיך איר ערשט ציינדלעך.
ער האָט געכאַפּט אין די ציין.
פֿאַרלייגן די ציין אויף דער פּאָליצע.
פֿאַרפֿאָרן אים אין די ציין.
פֿאַררײַבן די ציין / פֿאַררעדן די ציין.
צעברעכן די ציין אויף דער שווערער „עברי״.
קריצט מיט די ציין אין שלאָף.
קריצט מיט די ציין פֿון כּעס.
רײַבט אויף אַלע ציין.

שאַרפט אויף אים די ציין.

„שטשירען" די ציין / ווײַזן די ציין (לאַכן, בייזערן זיך).

צונג / צינגער / לשון

אַ בייזע צונג איז ערגער, ווי אַ שלעכטע האַנט.

אויסשטעקן אַ צונג / אַרויסציִען אַ צונג / ווײַזן אַ צונג.

איר צונג איז איר שונא / איר צונג שלאָגט איר.

אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופר ניט בלאָזן.

אַן לשון זאָל ער בלײַבן.

אַ פול מויל מיט צונג.

אַ צונג אָן ביינער.

אַ צונג ווי אַ לאָפּעטע / אַ צונג ווי אַ פּאַלאַניק / אַ צונג ווי אַ קאָכלעפל.

אַ צינגל — אַ גלעקל / אַ צינגל אויף רעדלעך / אַ צינגל אויף שרײַפלעך.

אַ שטומע צונג, נעבעך.

בייזע צינגער רעדן.

בייס דיר אָפּ דײַן צונג.

גיב לשון!

גיי רעד, אַז די צונג איז אין גלות.

געבליבן אָן לשון.

געבליבן מיט דער צונג אין דרויסן.

געבליבן שטיין מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג.

געבן צונג. (סיגנאַליזירן, מַסרן)

געכאַפּט פאַר דער צונג.

דאָס וואָרט ליגט מיר אויפן שפּיץ צונג.

דאָס לשון / די צונג / איז אים אָפּגענומען געוואָרן.

די צונג רוט ניט.

דערשלינג דײַן צונג.

דרייט מיט דער צונג, ווי אַ הונט מיטן ווידל.

האָט פאַרלאָרן דאָס לשון.

האַלט די צונג פאַר די ציין.

האָניק אויף דער צונג, גאַל אויף דער לונג.

וואָס בײַ אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז בײַ דעם שיכּור אויף דער צונג.
זאָל דיר אָפּנעמען דאָס לשון.
כּבד־לשון.
לשון־הרע . לשון־קודש . מאַמע־לשון . שטום־לשון.
פֿאַרלאָרן דאָס לשון.
פּלאָנטערט מיט דער צונג.
צי מיך ניט בײַ דער צונג.
צעלאָזן די צונג.
שטעק ניט דײַן צונג אומעטום / שפּאַר ניט דײַן צונג אומעטום.

אַדיעקטיוון צום וואָרט **צונג**:

אויסגעשטעקטע, אָפּגענומענע, בייזע, גלאַטע, געשליפֿענע, לאַנגע, פֿאַרפּלאָנ־טערטע, צעלאָזענע, שאַרפֿע, שטומע.

קאָפּ

אַ בראָך אויף זײַן קאָפּ / אַ קלאָג אויף זײַן קאָפּ.
אַ ברכה אויף זײַן קאָפּ.
אַ געזונט דיר אין קאָפּ אַרײַן.
אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ / פֿאַרהייבן דעם קאָפּ / פֿאַרריסן דעם קאָפּ.
אויף זײַן קאָפּ זיצן אים טעכטער.
אויף זײַן קאָפּ מײַן האַרצווייטיק / אויף זײַן קאָפּ מײַן האַרצקלעמעניש.
אײַ, האָט ער אַ קעפּעלע.
איין אויג אין קאָפּ. (אַ בן־יחיד)
איך בין אים ניט געשטאַנען צוקאָפּנס.
איך דאַרף דאָס האָבן, ווי אַ לאָך אין קאָפּ.
איך האָב אים געעפּנט דעם קאָפּ. (אויפֿגעקלערט, געלעכערט)
איך האָב ניט צו דעם קיין קאָפּ.
איך האָב שוין אַ געשוואָלענעם קאָפּ פֿון זײַנע רייד.
איך זאָל אים אַרויפֿזעצן מײַן קאָפּ?
אין דער ערד מיטן קאָפּ!

אַלע בייזע חלומות זאָלן אים שטיין צוקאָפּנס.
אָנלייגן זאָל ער מיטן קאָפּ.
אַן עקשן, כאַטש האַק אים אַראָפּ דעם קאָפּ.
אָפּגענאַרט פון קאָפּ ביז די פיס.
אַ פערדישער קאָפּ.
אַ קאָפּ פול מיט קליאַטשע.
אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער.
אַרײַנגעפאַלן מיטן קאָפּ אין אָרון־קודש.
אַ שמד־קאָפּ.
בייגט דעם קאָפּ.
ברעך זיך דעם קאָפּ!
ברעכט זיך דעם קאָפּ אויף מאַכן פרנסה.
גאָט זאָל אים צושיקן אַ רפואה אין קאָפּ אַרײַן.
גיט איר דעם קאָפּ אין די הענט.
גייט אויפן קאָפּ / גייט מיטן קאָפּ אַרויף / גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ.
גייט אַרום אָן אַ קאָפּ.
געפאַלן אויפן קאָפּ.
דאָס בלוט איז אים אַרויף אין קאָפּ אַרײַן.
דאָס היטל איז צו גרויס פאַר זײַן קליין קעפּעלע.
דאַר דיר דײַן קאָפּ.
דול ניט אין קאָפּ אַרײַן.
די אויגן קריכן אַרויס פון קאָפּ.
די געשרייען לעכערן דעם קאָפּ.
די קרוין פון דײַן קאָפּ וועט ניט אַראָפּפאַלן.
דער מלאך־המוות שטייט אים שוין צוקאָפּנס.
דער ערשטער קאָפּ אויף איר.
דער פיש שטינקט פון קאָפּ.
דער קאָפּ איז אים שווער אויף די פּלייצעס.
דריי מיר ניט דעם קאָפּ / פאַרדריי מיר ניט דעם קאָפּ.
האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.
האָט איר אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.
האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס.

האָט אַרבעט ביז איבערן קאָפּ.
האָט זיך אַרײַנגענומען אַ גריל אין קאָפּ.
האָט זיך געשטעלט אויפֿן קאָפּ.
האָט מער אין קאָפּ, ווי אין קעשענע. (אַ שיכּור)
האָט ניט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.
האָט ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ.
האָט פֿאַרלוירן דעם קאָפּ.
האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ.
האָט קאָפּ־דרייעניש / האָט קאָפּ־ווייטיק.
הער זיך צו מיט קאָפּ.
וואָס שטייסטו אויף מײַן קאָפּ?
וואַרעם, ווי בײַ אַ קראַנקן דער קאָפּ.
ווייסט ניט פֿון זײַן קאָפּ.
זאָל זיך דאָס אויסלאָזן צו זײַן קאָפּ.
זי וויינט מיר אָן אַ קאָפּ.
זי וועט פֿאַרזיצן ביזן גראָען קאָפּ אַרײַן.
זי וועט פֿאַרזיצן ביזן גראָען צאָפּ אַרײַן.
זי וועט אים אָפּעסן דעם קאָפּ.
טשאַדע ניט אין קאָפּ אַרײַן.
לייג אָן מיטן קאָפּ.
לעכערט דעם קאָפּ / פֿאַרהאַקט דעם קאָפּ / פֿאַרטומלט דעם קאָפּ /פֿאַרקלאַפּט דעם קאָפּ.
מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט.
מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פֿיס אַרויף.
מ׳קען דען אים אָנטאָן אַ נײַעם קאָפּ?
מ׳קען דען אים אַרויפֿזעצן אַ נײַעם קאָפּ?
משוגע אויפֿן גאַנצן קאָפּ /צעדרייט אויפֿן גאַנצן קאָפּ.
מ׳שטייט קאָפּ אויף קאָפּ.
נאָר דו פֿעלסט מיר אויף מײַן קאָפּ.
ס׳איז מיר אַרויס פֿון קאָפּ.
ס׳וועט זיך אויסלאָזן צו זײַן קאָפּ.
ס׳פֿעלט אים אַ קלעפּקע אין קאָפּ / עס פֿעלט אים אַ שרײַפֿל אין קאָפּ.

ער איז אַ היצקאָפּ.

ער איז פֿאַרשולדיקט, אַז קיין איין האָר אויפֿן קאָפּ איז ניט זיינס.

ער האָט איר אָנגעטאָן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

ער היט איר אָפּ, ווי אַן אויג אין קאָפּ.

פֿאַרגראָבן דעם קאָפּ פֿאַר בושה.

פֿאַרגראָבן דעם קאָפּ פֿאַר חרפּה.

פֿאַרוואַרפֿט שוין דעם קאָפּ. (גוססט)

פֿלעטן דעם קאָפּ.

קלאַפּ זיך דאָס אַרויס פֿון קאָפּ / קלאַפּ זיך דאָס אַריין אין קאָפּ.

קלאַפּט מיר אין קאָפּ אַריין.

קריכט מיר אויפֿן קאָפּ.

רייסט זיך די האָר פֿון קאָפּ.

שטעלט זיך אויפֿן קאָפּ.

שלאָג זיך קאָפּ אין וואַנט.

שפּאַלטן דעם קאָפּ.

אַדיעקטיוון צום וואָרט קאָפּ:

אויפֿגעהויבענער, אַלטער, אָפֿענער, אַראָפּגעלאָזענער, גוייִשער, געזונטער, געלכערטער, געשפּאָלטענער, וואָרעמער, טעמפּער, ייִדישער, לויטערער, משוגע־נער, נאַרישער, פֿאַרדרייטער, פֿאַרטומלטער, פֿאַרקלאַפּטער, פֿאַרריסענער, פֿאַר־שטאָפּטער, פֿערדישער, צעדרייטער, צעהאַקטער, צעשרויפֿטער, קלאָרער, קלוגער, קראַנקער, שמאָלער.

קעפּ

אַ מיתה משונה אויף אונדזערע שונאימס קעפּ.

הינט האָבן געשלעפּט גאַנצע קעפּ.

זאָל זיך דאָס אויסלאָזן צו אונדזערע שונאימס קעפּ.

זיי רייסן זיך ביי די קעפּ.

ס'וועלן פֿליִען קעפּ.

ער איז מסוגל גיין איבער קעפּ.

קישקע / קישקעס

אַ קישקע אָן אַ דנאָ.
אַרויסגעטרייסלט די קישקעס פֿון בויך.
די קישקעס האָבן זיך מיר איבערגעדרייט אין בויך פֿון שרעק.
ער טרייבערט מיר די קישקעס.

קני

בייגט די קני.
פֿאַלט אויף די קני.

רוקן

אויסגעגלײַכט דעם רוקן / אויסגעקרומט דעם רוקן / אײַנגעבויגן דעם רוקן.
בייגט דעם רוקן.

שׂכל

אויף דעם האָט שוין קיין שׂכל ניט געקלעקט.
אַז גאָט וויל שטראָפֿן אַ מענטש, נעמט ער צו בײַ אים דעם שׂכל.
אַז ס'איז ניטאָ קיין שׂכל, דאַרף מען ניט קיין יאָרן.
איטלעכער איז צופֿרידן מיט זײַן שׂכל.
אָך און ווי צו זײַן שׂכל.
דעם גאַנצן לעבן לערנט מען שׂכל און מ'שטאַרבט אַ נאַר.
דער שׂכל איז אַ קריכער.
דער שׂכל איז דאָס ניט תּופֿס.
דער שׂכל קומט נאָך די יאָרן.
ס'לייגט זיך אויפֿן שׂכל / ס'לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל.
ער איז געפֿאַלן אויפֿן שׂכל.
ער האָט פֿאַרלאָרן דעם שׂכל.
שׂכל און חרטה זײַנען ווי פּאָליציי: קומען צו שפּעט.
שׂכל איז אַ טײַערער אַרטיקל.

אַדיעקטיוון צום וואָרט שׂכל:
באַרישער, פאַרדרייטער, פאַרשטאָפּטער, קעצישער.

פאַרשיידענעס

אָטעם

דאָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם.
ער קען ניט כאַפּן דעם אָטעם.
פרייַער אָפּגעאָטעמט.

געביין

ווו איז אַהינגעקומען זייַן געביין?

עלנבויגנס

שפּאַרט זיך אַדורך דעם וועג מיט די עלנבויגנס.

פליגלען

ער האַקט אים אָפּ די פליגלען.

ריפּ

ער האָט אים אַרייַנגעזאָגט אין דער זיבעטער ריפּ.

שאַרבן

אַ צעבראָכענער שאַרבן.

ווערטער און גלייַכווערטלעך

אַ בלייַענער פויגל.
אַ בלינדע קאָרט.
אַ בראָך און אַ קלאָג.
אַ ברכה לבטלה.
אַ געלעכטער אין אַ זייַט.
אַ געלעכטער־מעשׂה.
אַ געלעכטער פאַר לייַטן.
אַ גענאַרניק.
אַ דאַנק פאַר אַ דאַנק.
אַ דאַנק פאַר פרעגן.
אַ דריי־קאָפּ.
אַ וואָרט איז אַ וואָרט.
אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט.
אַ ווילדע בריָה
אַ ווילדע חיה.
אַ וועלט מיט וועלטעלעך.
אַוועק אָן אַ „זייַ געזונט״.
אַוועק די יאָרן.
אַוועק מיט די טאַצן.
אוי, לאָז מיך אָפּ!
אויסגעפּאָרן אַ וועלט.
אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן.
אויסגערעדט אויף אים וואָס אין דער קאָרט.
אויס כּלה, צוריק מויד.
אויס קאַפּעלוש־מאַכער.
אויף אים מעגסטו גלויבן.

אויף אים קענסטו זיך פֿאַרלאָזן.
אויף אַלעם גרייטן.
אויף אַ מעשׂה פֿרעגט מען ניט קיין קשיא.
אויף אמת געגאָסן.
אויפֿגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט.
אויפֿגעשטאַנען תּחית המתים.
אויפֿגעשטאַנען אַז טאָג / אויפֿגעשטאַנען קאַיאָר.
אויף דעם קלאָגט דאָך דער נביא.
אויף מיר האָסטו ניט וואָס אויסצושטעלן.
אויף מיר האָסטו ניט וואָס זיך פֿאַרלאָזן.
אויפֿן גנב ברענט דאָס היטל.
אויפֿן הימל אַ יאַריד.
אויפֿן שפּיץ מעסער.
אומעטום איז גוט, אָבער אין דער היים איז נאָך בעסער.
אַזאַ חכם ביסטו?
אַז מ׳זאָגט „געשטאָרבן" — גלויב.
אַז מ׳זאָגט משוגע זאָלסטו גלייבן.
אַז מ׳לעבט, דערלעבט מען.
אַז מ׳קלינגט איז חגא.
אַז ס׳איז ניטאָ קיין מיידלעך, טאַנצט מען מיט שיקסעס.
אַ חלום ביַי נאַכט.
אַ חשבון איז האַלב געסילוקט.
אַ טאַטנס אַ קינד.
אַ טאָפּ אין וואָגן שאַדט ניט.
אָט דאָס מיינט דאָך דער פּסוק.
אָט דער יונגערמאַן איז שוין אויף דער עלטער.
אָט נאַ דיר פֿאַר דעם אַ גראָשן.
אָט נאַ דיר פֿאַר דעם אַ שמעק טאַבאַק.
איז געוואָרן בדיל־הַדל.
איין מאָל אין אַ יובל.
איין מאָל אין אַ שמיטה.
איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל.

אַזוינס און אַזעלכס.

אײנס און אַזעלכס / אײנס און אַ רעכטס.

איך בין דיר איבערגעגאַנגען מיט פּולנס.

איך בין דיר ניט אויסן.

איך בין מיט איר אַדרבא ואַדרבא, און זי מיט מיר — קידער־ווידער.

איך בין ניט דײַן שאַלאַטן־שמש.

איך בעט איבער אײַער כּבוד.

איך האָב אים ליב פון דער ווײַטנס.

איך האָב געהאַט פון איר קאָלטס און וואָרעמס.

איך האַלט ניט פון אים / איך האַלט ניט פון איר / איך האַלט ניט פון דעם.

איך וועל זיך איבערלייגן / איך וועל זיך מיישב זײַן.

איך זאָל אַזוי וויסן פון בייז, צי איך וויס פון דעם.

איך קען דיר העלפן לאַכן / איך קען דיר העלפן קרעכצן.

איך וועל שוין די וועלט ניט איבערמאַכן.

איך קען נאָך אויסהאַלטן אַ פּאַטש.

אי פּוילע פּיש געגעסן, אי פּעטש געכאַפּט.

אַלטע זאַכן / אַלטע שטיק.

אַ לײַטיש געלעכטער.

אַלץ אײנס קבצן.

אַלץ בעסער, ווי גאָרניט.

אַ מאַכודל.

אַ מאכל, אַז דער קייסער מעג דאָס עסן.

אַ מאַמעס אַ קינד.

אַ מויד אין די יאָרן.

אַ פֿאַרזעסענע מויד — זי האָט שוין פון לאַנג געמעגט הערן קלעזמער שפּילן.

אַ מיאוסער מויד טאָר מען קיין קוש ניט געבן.

אַ מיתה משונה.

אַ מנהג ברעכט אַ דין.

אַ מענטש איז ניט פון אײַזן.

אַ מצווה אויף אים / אַ מצווה אויף איר.

אַ מציאה פאַר אַ גנב.

אַ מרוק.

אַ מת־מצווה.

אַן אַלטע מעשׂה.

אַן אָנשיקעניש אויפֿן גלײַכן וועג.

אַ נאַרישקייט געדענקט זיך.

אַנדערש פּאַסט ניט פֿאַר זײַן ייִדן.

אַ נודניק.

אַ נעבעך.

אַ נעכטיקער טאָג.

אַן אָפּקומעניש.

אַן עקשן — וועט ניט אויפֿשטיין צו תּחית־המתים.

אַ נפֿקא־מינה.

אַ סימן, אַז אַ גוי איז אַ גנבֿ.

אַ סימן, אַז אַ גוי איז אַ שיכּור.

אַ סימן, אַז אַ הערינג איז געזאַלצן.

אַ סימן, אַז די גענדז גייען באָרוועס.

אַ סימן פֿון דרײַ מאָל גאָרניט.

אַ פּאַרטאַטש.

אַ פֿאַרפֿירטע וועלט.

אַ פֿאַרשײַטער קבצן / אַ פֿריילעכער קבצן.

אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק.

אָפּגעטאָן אויף טערקיש.

אָפּגעטאָן אַ שפּיצל.

אַ פּוסטער חלום.

אַ פֿײַג אונטער אַ דעכעלע.

אַפֿילו אַ האָן האָט ניט געקרייעט.

אַ פּלאָנטער.

אַ צעלייגער.

אַ קאַטאָוועס איז אַ האַלבער אמת.

אַ קאַטאָוועסניק.

אַ קאַפּולער אָנצוהערעניש.

אַ קלאָג צו די יאָרן.

אַ קשיא אויף אַ מעשׂה.

אַרײַנגעפֿאַלן, ווי אַ יָוון אין סוכּה.
אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ.
אַ שאָק מיט יאָרן.
אַ שוואַרץ יאָר.
אַ שוסטערשער חשבון.
אַ שוסטערשע חתונה.
אַ שברי־כּלי.
אַ שטיק וועג.
אַ שטיקל מהלך.
אַ שיינע מויד — אַ שיינע באָבע.
אַ שיינע מעשׂה, נאָר אַ קורצע.
אַ שיינע ריינע כּפּרה.
אַ שמעלקע שבשמעלקע.
אַ תּירוץ פֿאַר דער באָבע.
אַ תּירוץ פֿאַר די בענטש־ליכט.

באָבע־מעשׂה /באָבע־מעשׂיות.
באַלאַגאַן.
באַלעמוטשעט.
באַרדאַק.
בטל בשישים.
ביז דער חתונה וועט זיך פֿאַרהיילן.
בײַ אים איז דאָס אויך אַ קרן.
בייזע ווינטן בלאָזן.
ביסט אַ בהמה — טאָ קײַ שטרוי.
בעסער איז דער ערשטער רוגז.
בעסער שפּעטער, איידער קיין מאָל ניט.
בקיצור המעשׂה.
ברוך שפּטרני.
בריקעוועט.
גאָט איז אַ פֿאָטער.
גאָט איז מיטן עלנטן.
גאָט איז מײַן עדות.

גאָט זיצט אויבן און פאַרט אונטן.
גאָטס רחמנות אויף אים.
גאָט פאַרלאָזט ניט.
גאָר אַזוי!
גיי גלײַך אויס אַ וועלט.
גיי זײַ אַ חכם און טרעף וואָס זי וויל.
גיי זײַ אַ חכם און טרעף וואָס זי מיינט.
גיי זײַ אַ חכם און טרעף וואָס זי קלערט.
גיי שרײַ אני שלמה / גיי שרײַ חי וקיים / גיי שרײַ שמע ישראל.
געבליבן זיצן אויף דער פליישיקער באַנק.
געבעבעט, ניט גערעדט.
געזאָגט און געטאָן.
געזאָגט סתם אין דער וועלט אַרײַן.
געטראָפן בלינדערהייט.
געלט האָט ער? — יאָרצײַט האָט ער.
געקומען צום גרייטן.
געשמירט און געפאָרן.

דאָס איז אַ ווילדע מציאה.
דאָס איז אַ מעשה אָן אַ סוף.
דאָס איז אַ מעשה שהיה.
דאָס איז גוט פאַר ייִדן?
דאָס איז ווערט אַ זעץ אין דר׳ערד.
דאָס איז כולו רוח.
דאָס הייסט געלעבט!
דאָס וועט אים ניט אָפּגיין גלאַטיק.
דאָס זײַנען גאָר אַנדערע רייד.
דאָס זײַנען גאָר אַנדערע דיבורים.
דו האָסט געטראָפן מיט איר.
דול ניט קיין ספּאָדיק.
דו מאַך גלײַך, קרום וועט שוין ממילא אַרויסגיין. (צו אַ פאַרטאַטש)
די גאַנצע וועלט איז איין שטאָט.

די וועלט איז ניט הפקר.
די וועלט איז ניט משוגע.
די וועלט גייט נאָך ניט אונטער.
די וועלט שטייט ניט אויף איין אָרט.
די וועלט שטייט ניט נאָר אויף דיר.
די וועלט שלאָפט ניט.
די זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט.
די יאָרן שטייען ניט — זיי גייען / זיי לויפן /.
די מעשׂה געפעלט מיר ניט.
די קרענק מוז אויסשטיין.
דעם אמת מעג מען זאָגן אַפילו דעם אייגענעם טאַטן.
דערלעבט יאָרן!
דער עסק איז ניט גלאַטיק.
דער ערל איז מבֿין כּל דיבור.
דער קאָזאַק האַלט מיך.
דער שידוך זאָל זיך צעגיין, אָבער נאָך קיין טיי טרינק איך ניט.

האָב איך ניט געפידלט.
האָב ניט קיין פּאַראיבל.
האָווע ניט, שמײַע ניט.
האָט אים געזידלט אויף וואָס די וועלט שטייט.
האָט אים גענומען אויפן צימבל.
האָט באַצאָלט „רבי־געלט".
האָט זיך מחיה געווען.
האָט טענות צו דער גאַנצער וועלט.
האָסט געטראָפן דעם מענטש /דאָס אָרט/ /דעם פּלאַץ/.
האָסט מורא? — לייען „קריאת־שמע".
הוליע, קבצן!
הייבט זיך אָן אַ מעשׂה.
הלוואי מ׳זאָל עס ניט באַדאַרפן.
הערסט אַ מעשׂה?!
הפקר פּעטרישקע.

וואָס איז דאָס פּאַר אַ גדולה? / וואָס איז דאָס פּאַר אַ וווּנדער? / וואָס איז
דאָס פּאַר אַ רבותא?

וואָס איז מיט דיר די שׂמחה?

וואָס, בראָד איז פֿאַרשפּאַרט? *

וואָס ברענט?

וואָס גיכער.

וואָס הייסט שיין? — שיין צו שיין איז ניט גלײַך.

וואָס הערט זיך מכּוח אַכצן־דרײַצן?

וואָס יאָגט דאָס דיר אַזוי?

וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס צו לײַט איז צו לײַט.

ווו געטאָגט, ניט גענעכטיקט.

ווו זײַנען מײַנע זיבן גוטע יאָר?

ווי אין פּסוק שטייט.

ווי דו זאָלסט ניט לייגן דעם קראַנקן, איז אים שלעכט.

ווי דער שטייגער איז.

ווינט / יאָמערט / קלאָגט אין קולאַק (פּויסט).

ווייניקער אַ וואָרט, אַבי אמת זאָל זײַן.

ווייס איך וואָס!

ווייסט ווו אײַן און ווו אויס.

ווייסט ניט ווער ס׳האָט איר געשלייערט.

ווייסט ניט פֿון זײַן געזונט.

ווייסט ניט פֿון זײַנע יאָרן.

ווייסט ניט פֿון זײַן לעבן.

ווי קריכט מען אַראָפּ? / ווי קריכט מען אַרויס?

---

* **בראָד** — אַ שטעטל בײַ לעמבערג (פּוילן), וואָס ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געהערט צו דער צאַריש־רוסישער אימפּעריע און איז געלעגן אויפֿן גרענעץ מיט דער עסטרײַך־הונגאַרישער אימפּעריע. די רוסישע ייִדן, וואָס האָבן דאַן עמי־גרירט פֿון רוסלאַנד קיין אַמעריקע, האָבן געגנבעט די גרענעץ בײַ בראָד און האָבן געגעבן כאַבאַר דער רוסישער גרענעץ־וואַך. אָבער פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט די גרענעץ־וואַך פֿאַרמאַכן דעם גרענעץ־דורכגאַנג. פֿלעגט דאַן אַרומגיין אַ ווערטל: „בראָד פֿאַרשפּאַרט״.

װען די באָבע זאָל האָבן רעדער, װאָלט זי געװען אַ װאָגן.
װעסטו מיר ניט באַצאָלן.
װערט ברײטער װי לענגער פון נחת.
װער ס'איז שײן — איך בין קלוג.

זאָג עפּעס.
זאָל דאָס זײַן אַן אָפּקומעניש פאַר מײַנע זינד.
זאָל זיך דיר אױסדוכטן עלעהײ איך בין דאָ ניטאָ.
זוך ניט קײן מציאות.
זי איז לעבעדיק און פרײלעך.
זי איז אי צו גאָט, אי צו לײַטן.
זי איז ניט אַזױ פױגלדיק.
זי גײט אין די הױזן.
זי האַלט אים קורץ אױפן שטריקל.
זי װעט דיך דערקענען אַזױ אױך.
זי לאָזט זיך בעטן / זי לאָזט זיך װױלגײן.
זײ האָבן ניט פאַרביטן אַ װאָרט פאַר אַ װאָרט.
זײ זײַנען אױף מעסערס.
זײַט זשע מוחל.
זײַ מיט לײַטן גלײַך.
זײַ מיר ניט קײן פעטער און גײ מיר ניט קײן שיך.
זײַ מיר ניט קײן פעטער און טשעפּע ניט מײַן מומע.
זײַ נאָך ניט געזונט — דו פאָרסט נאָך ניט.
זײ רעדן, װי צװײ טױבע.
זיצט אין „חד־גדיא”.
זיצט װי אַ מחותּן אױף אַ פרעמדער חתונה.
זעט אױס יום־טובדיק.

חברה־לצים.
חושך־מצרים.

חיל חלשות.
חלומות פון דער גאָרער וועלט.
חתן־בחור.

טאָ, רוף מיך קנאַקניסל!
טענות ומענות.
טשובטשיק פון טשײַניק.
טשיק־טשאַק.

יאָלד אין קאַפּעלוש.
יודע־הכּל.
יוצא זײַן פאַר אַלעמען / יוצא זײַן פאַר לײַט.
יישוב־הדעת.
יעדע שטאָט האָט איר משוגענעם.

כאַפּ־לאַפּ.
כאַפּ מיטביידע הענט — ס׳איז אַ מציאה.
כאַפּ ניט — ס׳איז ניט קיין הייסע לאָקשן.
כּלה־מויד.
כניאָק.
כּשר געקרעכט.
כּשר ויָשר.
כּשר פאַרדינט זײַן אויסצייכענונג.
כּשר פאַרדינט זײַן שטיקל ברויט.
כּשר פאַרדינט זײַן שטראָף.

לאָז איר גריסן.
לאָז זיך דינען.
לאָז זיך שוין אָפּ פון אים /פון איר/ /פון דעם/.
לאָז מיט זיך רעדן.

לאָז מיך אָפּ.
לאָז מיר געמאַך.
לאָז מיר קומען צו זיך.
לאָז פון זיך הערן.
לא יחרץ־געלט.
לאָמיר אָנרופן דאָס קינד בײַם נאָמען.
לויפט אַן אָטעם / לויפט משוגענערווײַז / לויפט ניט טויט, ניט לעבעדיק.
לייג ניט אויס צום שלעכטן.
לייג ניט אָפּ אין דער לאַנגער באַנק אַרײַן.
לײַט רעדן.
לעבעדיק און פריילעך.

מאַכט זיך געפּגרט.
מאַכט זיך פון דעם גאָרניט.
מאַכט זיך צום נאַר.
מאַכט זיך תּמעוואַטע.
מאַכט אַ תּל פונעם געלט.
מאָרגן איז אויך אַ טאָג.
מ׳דאַרף אויסלייגן נאָר צום גוטן.
מ׳דאַרף זיך גוט אונטערגאַרטלען.
מ׳דאַרף קענען אויסשטיין אירע שגעונות.
מהיכי־תּיתי (מייכע טייסע).
מה־יָפית.
מה יָקר?
מוחל טובות.
מ׳ווייסט ניט וועמען דער שוך קוועטשט.
מ׳ווייסט ניט וועמענס מאָרגן עס איז.
מחיה מתים / מחיה נפשות.
מ׳טאָר ניט אויסזאָגן פון חדר.
מיט אַלע מעלות.
מיט האַק און פּאַק.

מיט זײַנע מעשׂיות האָט ער מיר שוין געמאַכט אַ לאָך אין קאָפּ.

מיט זײַנע מעשׂיות האָט ער מיר שוין געמאַכט מאָזאָליעס אין די אויערן.

מײַן באָבעס דאגה / מײַן באָבעס עסק.

מײַן שׂונא זאָל דערציילן אַ מעשׂה און קיינער זאָל ניט וועלן אויסהערן.

מירקע, גיב לשון.

מישמאַש.

מ׳מוז זיך אַ מאָל מאַכן צו נאַר.

מעגעגע־שמעגעגע.

מעדני־מלכים.

מעלה־גרהט.

מעשׂה־חוזק / מעשׂה־שׂטן.

מ׳פאַרשטייט זיך אויף אים.

מ׳פאַרשטייט זיך אויף זײַנע פוילע שטיק.

מ׳פאַרשטייט זיך אויפן ווונק.

מ׳קען בלײַבן לעבן.

מ׳קען לעבן, נאָר מ׳לאָזט ניט.

מ׳רעדט און מ׳רעדט און מ׳שושקעט זיך.

משה גרויס / משה זוך מיך / משה קאַפּויער.

מ׳שטאַרבט ניט נאָך.

מ׳שטיינס געזאָגט.

משיחס צײַטן.

משנה מקום — משנה מזל / משנה שם — משנה מזל.

נאָר איין גאָט ווייסט דעם אמת.

ניטאָ די מיידלשע יאָרן.

ניטאָ ווער זאָל לאַכן.

ניטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש.

ניט בײַ מאָטיען.

ניט געלעבט, ניט געשטאָרבן.

ניט דאָס בין איך אויסן.

ניט צום פאַרזינדיקן.

ניט קיין אָנגעלייגטער גאַסט.
ניט שטענדיק איז פּורים.
נייט מיט תּכריכים־שטעך.
נישקשה איז אויך אַ גוטע קרענק.
נישקשה פון אַ נודניק.

ס׳איז אַ קיימא־לן פון אַ שאָק מיט יאָרן.
ס׳איז אים געקומען צום לעבן.
ס׳איז ווערט דאָס גאַנצע געלט.
ס׳איז נאָך ווײַט פון אמת / ס׳איז נאָך ווײַט צום לאַכן.
ס׳איז נאָר צום באַשרײַבן.
ס׳איז שוין נענטער ווי ווײַטער.
ס׳איז שוין קירצער ווי לענגער.
סאָלדאַטסקער גמילות־חסד.
פּאָלדאַטסקער יושר.
ס׳גייט אַזש אַ רויך.
ס׳האָט מײַן באָבעס טעם.
ס׳האָט ניט קיין יידישן טעם.
ס׳הייבט זיך ניט אָן און ס׳לאָזט זיך ניט אויס.
ס׳וועט זיך טאָן חושך.
ס׳קומט איר דערפאַר אַ קוש אין שטערן.
ס׳קומט איר נאָך אַרויס אַ רעשט.
ס׳קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט.
ס׳שמעקט מיט נאָך.
ס׳שטינקט אַן אַויר.

עד כאן אומרים בשבת הגדול.
עולם־גולם.
ער איז אַ גאַנצער חכם.
ער איז אַ גאָרניט שבנישט.

ער איז אַ ייִד מיט אַ סמעקאַלקע.

ער איז אויסער זיך.

ער איז אַ כּל־וכל („כּל־ולך").

ער איז אַ נעכטיקער / ער איז ניט קיין היַינטיקער.

ער איז שעטנז אין דער געזעלשאַפט / ער איז שעטנז אין דער משפּחה.

ער איז בקי אין די קליינע אותיות.

ער איז געוואָרן גוט און פרום.

ער איז געזונט געוואָרן; ער וועט שוין עסן קאַשע.

ער איז זיך מחיה.

ער איז ניט פליישיק און ניט מילכיק.

ער איז פריש, געזונט און משוגע.

ער איז שוין ביַי דיר גאָרניט?

ער איז שטאָל און איַיזן.

ער האָט אויסגענאַרט ביַי איר דעם „יאָ" מיטן „ניין".

ער האָט אים אָפּגעשטופּט מיט שיִיע־פּיִיע. (שה"י־פּה"י)

ער האָט אים געגעבן פעפער שמעקן.

ער האָט פאַרשניטן אַ פאָלע.

ער האָט אין וועמען צו זיַין געראָטן.

ער האָט געפּועלט ביַי איר.

ער האָט זיך אויסגעמענטשלט.

ער האָט זיך גענומען צו איר.

ער האָט מיט איר אַ שווער לייענען.

ער האַלט זיך ביַי זיַינס.

ער נעמט דאָס לעבן לייַכט.

ער סיקעט זיך צו איר.

ער פאַרלאָזט זיך אויף גאָטס באַראָט.

ער פאַרשטייט אַן עסק.

ער פאַרשטייט אַ קרענק.

ער פעלט דיר אויס?

ער שלאָפט און זיַינס וואַקסט.

פּאָלג מיר אַ גאַנג.
פּאַר אַ הונגעריקן קען ער שוין בײַשטיין.
פּאַרביטן די יוצרות.
פּאַרזאָגן אַ צענטן.
פּאַרזעצן די הויזן און אַ גביר צו זײַן.
פּאָרט אַ טאַטע / פּאָרט אַ מאַמע.
פּאָרט געקומען.
פּאַרכאַפּט דעם אָטעם.
פּאַרלאָז זיך ניט אויף נסים.
פּאַרן זעלבן געלט...
פּאַרנעם זיך מיט די טאַצן / פּאַרקלײַב זיך מיט די טאַצן.
פּאַרקאַטשעט / פּאַרשאַרט / די אַרבל.
פּאַרקויף מיר ניט קײן לאָקשן.
פּאַרשפּאָר מיר אַ גאַנג.
פון איר שיינקייט איז ער אויסער זיך.
פון איר שיינקייט איז ער נתפּעל.
פון איר שיינקייט איז ער פּאַרכאַפּט.
פון וואָס מ׳רעדט קומט מען אַרויף אויפן טויט.
פון יאָרן אַליין ווערט מען אויך אַלט.
פון יוצא וועגן.
פון קאַטאָוועס קומט קיין גוטס ניט אַרויס.
פּורים איז ניט קיין יום־טוב און קדחת איז ניט קיין קרענק. (אין גלות)
פּורים איז דווקא אַ יום־טוב און קדחת איז אַ פֿײַנע קרענק. (אין ארץ־ישׂראל)
פּילט זיך ווי בײַ זיך אין דער היים.
פּעטער, מ׳קען אײַך!
פּראַוועט אַ טיש.
פּרעג מיך בחרם / פּרעג מיך גרינגערע זאַכן.
פּרעג ניט דעם רופא — פּרעג דעם חולה.
פּרעג ניט קיין קלאָץ־קשיות.

צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן.
צו זײַן חוצפּה איז ניטאָ קיין שיעור.

צום שידוך ווערט דאָס ניט שאַטן.
צו שאַנד און צו שפּאָט.
צײַטן בײַטן זיך.

קאָזאַצקער גמילות־חסד / קאָזאַצקער יושר.
קאַצניאַמער.
קדחת מיט כּשרן פּאָדעם.
קורץ, שאַרף און בינדיק.
קלאָג אים אָן צום „ונתנה־תּוקף״.
קלאָגט און וויינט, וויינט און קלאָגט.
קלוג דאַרף מען זײַן? שיין דאַרף מען זײַן? — מזל דאַרף מען האָבן!
קרעפּלעך זאָלסטו עסן!
קען זײַן גוט?
קען זײַן שטעטל אַליין באַשטיין.

רעדט ניט צו דער זאַך.
רעדט צו זיך אַליין / רעדט צו דער וואַנט.
ר׳עד צום לאָמפּ!

שאַכער־מאַכער.
שאַ און שטיל זאָל זײַן!
שְאָר־יְרָקוֹת.
שוטה בן פּיקהאָלץ.
שוטה שבעולם.
שוויצער.
שוין לאַנג שטיל געווען.
שווער צו זײַן אַ ייִד.
שטאַרבן פֿאַרזוימט מען ניט קיין מאָל.
שטרויענער אַלמן / שטרויענע אַלמנה.
שלאָף גיכער — מ׳דאַרף דאָס קישן.

שלימזל, וווּהין גײסטו? / שלימזל וווּהין קריכסטו?
שמאַכטע.
שמאַנצעס.
שמיי־דריי.
שפּילט אַ קאָרט.
שפּילט אויף דער גאַנצער באַנק.

תּכלית.

שטײַגערונגען אין פאָלקס־ווערטלעך

גוט, בעסער, מחיה נפשות.
הויך, העכער, אַ דראַנג / אַ סאָסנע, אַ גיגאַנט, עוג מלך הבשן, שבת הגדול /.
מיאוס, מיאוסער, אַ מאַלפּע, / אַ פּאַרזשעניש /.
פעט ,פעטער, אַ חזיר.
קאַרג, קאַרגער, אַ גביר / אַ „דבר־אחר״, אַ חזיר /.
קליין, קלענער, אַ „טל־ומטר״ / אַ ליליפּוט, אַ קאַרליק, קורצער פּרײַטיק /.
שוואַך, שוואַכער, אַ שמאַטע.
שטאַרק, שטאַרקער, דער טאַטע / אַ גבר, אַ גברן /.
שיין, שענער, אַ כּלה.
שלעכט, ערגער, אַ סם־המוות.

אַ בינטל צרות־ווערטלעך

אַבי געזונט און יאָרן — צרות וועלן ניט פעלן.
אַז מ׳נעכטיקט איבער מיט אַ צרה, ווערט מען מיט איר געוווינט.
איבערגעקומענע צרות איז גוט צו דערציילן.
אײַנגעהויקערט פון צרות.
איך זאָל אַזוי וויסן פון מײַנע צרות.
אָנגעזאָפּט מיט צרות.
אָנגענומען זיך מיט צרות.

גאָט שיט צרות מיט אַ פולער האַנט.

דאָס איז אַ צושמעלץ צו די צרות / דאָס איז אַ צושפּיל צו די צרות.

די לעצטע צרה זאָל מיר דאָס בלײַבן.

האָב איך אַ פּעקל צרות!

ווו אַ „ויהי" — דאָרט האָסטו זי: אַ סכּנה, אַ גזירה, אַ צרה:

עקידת יצחק — „ויהי אחר הדברים האלה",

מכירת יוסף — „ויהי כאשר בא יוסף אל אחיו",

בני־ישׂראל עבדים לפרעה במצרים — „ויהי — — — ויאנחו בני ישׂראל מן העבודה",

גזירת המן — „ויהי בימי אחשוורוש".

זאָל שוין קומען אַ סוף צו אונדזערע צרות.

זוך ניט קיין צרות.

ניטאָ קיין סוף צו די צרות.

נעמט זיך צרות מיט די אייגענע הענט.

ער איז אויף געהאַקטע צרות.

ער איז אין אַ צרה.

ער איז צעבראָכן פון די צרות.

ער האָט אים אָנגעטאָן צרות צרורות.

ער האָט אים אָנגעטאָן געברענטע צרות.

פאַרגלעטן די צרות / פאַרגעסן די צרות / פאַרטרינקען די צרות.

פון איין צרה אַרויס — אין דער צווייטער אַרײַן.

פון צרות איז ער שוואַרץ ווי די ערד.

פּעק צרות — ניט שווער, ווען יענער טראָגט זיי.

צרות אויפן פּוד.

צרות אָן אַ שיעור.

צרות טרײַבן פון דער וועלט.

צרות טרײַבן צום בית־הקברות.

צרות לייגן זיך צו ערשט אויפן פּנים.

קליינע קינדער — קליינע צרות; גרויסע קינדער — גרויסע צרות.

שוין ווידער אַ צרה.

ווערטלעך אין גראַמען

אַ ביסל און נאָך אַ ביסל ווערט אַ פולע שיסל.
אַ בעל גאווה איז ערגער פון אַ בעל־תאווה.
אַ גאַסט אויף אַ ווײַל זעט אויף אַ מײַל.
אַ גוטער אוף אויפן קינדס גוף.
אַ גוטער מאַנער איז אַ שלעכטער צאָלער.
אָדער גאָר, אָדער גאָרניט.
אָדער ס׳העלפט ניט, אָדער מ׳דאַרף ניט.
אַ הונט אָן ציין וואַרפט זיך אויף אַ ביין.
אַ וואָרט איז אַ וואָרט.
אויבן פוץ, אונטן שמוץ.
אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט.
אויף אַן אייגן קינד זײַנען עלטערן בלינד.
אויף גאָט דאַרף מען האָפן און אַליין אויך ניט שלאָפן.
אויף וויסטע וועלדער, אויף פוסטע פעלדער.
אויף טריט און שריט.
אויף מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן.
אומזיסט — אומנישט.
אַז אויפן האַרצן איז ביטער, העלפט ניט אין מויל קיין צוקער.
אַז בײדע זײַנען גערעכט, איז שלעכט.
אַזוי גייט עס אויף דער וועלט:
איינער האָט דעם בײַטל, דער צווייטער — דאָס געלט.
אַזוי ווי ס׳איז שלעכט צו פיל געדעכט, אַזוי איז ביטער צו פיל שיטער.
אַז מ׳איז פויל, האָט מען ניט אין מויל.
אַז מ׳גיט — נעמט מען, אַז מ׳שלאָגט — לויפט מען.
אַז מ׳דערמאָנט דעם מלאך, קומט דער גלח.

אַז מ׳האָט אַ מלאָכה, קומט אין שטוב די ברכה.
אַז מ׳האָט קינדער אין די וויגן, דאַרף מען לאָזן לײַט צופרידן.
אַז מ׳פאַרריַיסט דעם קאָפּ, באַקומט מען אַ קלאַפּ.
אַז מ׳צינדט ניט, ברענט ניט.
אַז מ׳קאָכט מיט שטרוי, איז דאָס עסן רוי.
אַז מ׳קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער.
אַז מ׳קען ניט ווי מ׳וויל, מוז מען זיצן שטיל.
אַז מ׳שערט די שעפּעלעך, ציטערן די לעמעלעך.
אַז מ׳שפּילט זיך מיט אַ קאַץ, מוז מען נעמען פאַר ליב איר קראַץ.
אַז ס׳קומט צום לעבן, דאַרף מען שוין שטאַרבן.
אַז ער טראָגט צו מיר, טראָגט ער אויך פון מיר.
אַ טײַערער משל מיט אַ גאָלדענעם נמשל.
איז פאַרביַי, עסט פאַר דרײַ.
אַ יאָט — אַ כוואָט.
איין מאָל און מער קיין מאָל.
איינס — איז קיינס.
איינס מיטן דריטן איז ניט קיין מחותּן.
איינער — איז קיינער.
איינער אין פעלד — איז קיין העלד.
איינער בענטשט מזומן, דער אַנדערער האָט מזומן.
איך אָן דיר און דו אָן מיר, איז ווי אַ קליאַמקע אָן אַ טיר.
איך וועל ניט ריַיסן קיין „קריעה״ נאָך אָט דער ידיעה.
איך שלאָג איַיך איבער די רייד, זאָל זײַן נחת און פרייד.
אין אָן אָפּן טעפּל שטעקט יעדע מויז איר קעפּל.
איר געוויין קען רירן אַ שטיין.
אירע טרערן קענען אַ שטיין רירן.
אָך און וויי איז צו זיי.
אַכילה — איז די בעסטע תּפילה.
אַלט — איז קאַלט.
אַלטע לײַט זעצט מען אין דער זיַיט.
אַליין — איז די נשמה ריין.
אַליין — ווי אַ שטיין.

אַליין זיך צו לויבן פּאַסט ניט, אָבער עס שאַדט ניט.
אַליין טוט מען, און אויף יענעם זאָגט מען.
אליקים הייס איך און אַלץ ווייס איך.
אַלע יוונים האָבן דאָס זעלבע פּנים.
אַ לעק, אַ זופּ און אַ ביס האַלטן דעם מענטש אויף די פיס.
אַלץ אין איינעם איז ניטאָ ביי קיינעם.
אַ מאַמע דעקט צו דעם מאַנס בזיונות און דעם קינדס חסרונות.
אַ מבין, ווי אַ קאַץ אויף הייוון.
אַ מיידעלע — אַ דריידעלע.
אַ נאָדל אין זאַק בלײַבט ניט פֿאַרבאָרגן: דער שפּיץ קומט אַרויס הײַנט אָדער מאָרגן.
אַן איבעריק גלעזל ווײַן מאַכט שמערץ און פּײַן.
אַן אייגענער בלאָז קומט צו דער נאָז.
אַן אָפּטער גאַסט פאַלט צו לאַסט.
אַ נאַר — איז אַ גזר.
אַ נאַר איז אַן אייביקער צער.
אַ נאַר, כאָטש אין קוימען שפּאַר.
אַן אַרײַנגייער — איז אַן אַרויסטראָגער.
אַנדערע צײַטן — אַנדערע לײַטן.
אַ נס, אָדער אַ מת.
אַן עקשן, כאָטש האַק אים און בראָק אים.
אַ סוד אין באָד.
אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד.
אַ סך מלאָכות, און ווייניק ברכות.
אַ פּאַטש פאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט.
אַ פּאַטש פאַרהיילט זיך — אַ וואָרט געדענקט זיך.
אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן.
אַפילו אַז מ׳זעט שוין דאָס גרוב אָפּן, זאָל מען ניט אויפהערן צו האָפן.
אַ קאַץ מיט אַ מויז — די מעשה איז אויס.
אַ קאַרגער מוז צוויי מאָל קויפן און אַ פוילער מוז צוויי מאָל לויפן.
אַ קראַנקן פרעגט מען, אַ געזונטן גיט מען.
אַרבעט ברענגט ברויט, פוילקייט — נויט.
אַ רײַכער גאַסט איז צו לאַסט.

אָרעמע דינען, רײַכע פּאַרדינען.
אַ שטעקן האָט צוויי עקן.
אַ שטעקעלע אַרײַן, אַ שטעקעלע אַרויס, די מעשׂה איז אויס.
אַ שיין פּנים קאָסט מזומנים.
אַ שנור און אַן איידעם זײַנען אַ פּאָר שדים.
אַ שנירל צײנדעלער, ווי די פּערעלער.

באָרגן מאַכט זאָרגן.
ביז מ'דערלעבט די נחמה, גייט אויס די נשמה.
בײַ גאָט איז גלײַך, אָרעם און רײַך.
בײַ דעם שיכּור איז בראָנפן דער עיקר.
במקום שאין איש איז הערינג אויך אַ פיש.
בעסער אַ ביסל און רעכטס, איידער אַ סך און שלעכטס.
בעסער אַ ביס פון אַ פרײַנד, איידער אַ קוש פון אַ פײַנט.
בעסער גוט און אַ ביסל, איידער שלעכטס אין אַ פולער שיסל.

גאווה וואַקסט אויפן מיסט; ווער ס'וויל קריגט עס אומזיסט.
גאָט איז אַ פאָטער: אַז ער גיט ניט קיין מכּה, גיט ער אַ בלאָטער.
גאָט שיקט ניט אַראָפּ פון אויבן, אַז מ'ליגט אויפן אויוון.
גוט, ווי מ'שמײַסט מיט אַ רוט.
גיי איך פּאַוואָליע — זאָגט זי איך קריך, גיי איך גיך — צערײַס איך די שיך.
גיי, גלײַך אויס אַ וועלט: איינער האָט יאָרצײַט, דער אַנדערער האָט געלט.
געדאַרט און געקוואַרט.
געלט איז אַן עבודה־זרה, אָבער, אַז דאָס איז ניטאָ — איז אַ גרויסע צרה.
געלט — איז די וועלט.
געלט — שמעלט.
געשמאַק איז דער פיש אויף יענעמס טיש.
גראַם — שטראַם, מאַך מיר אַ ליעטניק.

דאָס איז מיר נויטיק, ווי אויגן־ווייטיק.
דאָס איז ניט צום קײַען און ניט צום אויסשפּײַען.
דאָס וואָרט אין מויל איז אַ האַר, פון מויל — אַ נאַר.
דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווײַט פון ביימעלע.
די אויגן ווילן אײַנשלינגען מער, ווי דער מאָגן קען פאַרטראָגן.
די אַרבעט ברענט אונטער די הענט.
די וועלט איז אַ פּאָרהויז:
דורך איין טיר אַרײַן, דורך דער אַנדערער — אַרויס.
די זון שײַנט גלײַך, אויף אָרעם און אויף רײַך.
די פיש אין טײַכעלע, איז נאָך ווײַט פון בײַכעלע.
די צײַט מאַכט גרוי די פּאה און ענדערט די דעה.
דער איז בעסער? — ער מעג ניט וואַקסן גרעסער.
דער האַלדז האָט אַ קליין לעכל, און פאַרשלינגט דאָס הויז מיטן דעכל.
דער מוח דענקט, דער מאָגן לענקט.
דער מלאך־המוות שעכט און בלײַבט נאָך גערעכט.
דער מענטש טראַכט, און גאָט לאַכט.
דער ערשטער — איז דער בעסטער.
דער שוסטער רעדט פון דער קאָפּעטע,
דער בעקער — פון דער לאָפּעטע.

האָניק אויף דער צונג, גאַל אויף דער לונג.
האָסטו געהערט אַ מעשׂה פון אַ ציג אַ ווײַסע?!
הבל הבלים, די וועלט איז אַ חלום.
הויך און דאַר און שטינקט מיט נאַר.
הונדערט און איינס — איז אַלץ איינס.
הייסט ער מענדל — מעג מען עסן פון זײַן פענדל.
הימל און ערד האָבן געשווירן, אַז קיין זאַך זאָל ניט גיין פאַרלוירן.
הכל, בכל, מכל, פלעקל.

וואָס בײַ אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז בײַ דעם שיכּור אויף דער צונג.
וואָס דו כאַפּסט אַרײַן — איז דײַן.

וואָס מ'האָט — וויל מען ניט, און וואָס מ'וויל — האָט מען ניט.
וואָס מ'קען ניט דערלאַנגען, זאָל מען ניט פאַרלאַנגען.
וואָס ס'וועט זײַן מיט כּלל ישראל, וועט זײַן מיט ר' ישראל.
וואָס עלטער — אַלץ קעלטער.
וואַרפֿן זאָל אים העכער דעכער.
ווו המן איז אַ מחותּן, איז ישראל אין דער מיטן.
ווו מ'דאַרף מוח, העלפֿט ניט קיין כּוח.
ווו ס'איז דאָ פֿלייש און פֿיש, דאָרט איז אַ פֿריילעכער טיש.
ווו צוויי שלאָפֿן אויף איין קישן, זאָל דער דריטער זיך ניט מישן.
ווו שלום — דאָרט איז ברכה, ווו אמת — דאָרט הצלחה.
ווו תּורה — דאָרט איז סחורה.
ווי די צײַטן, אַזוי זײַנען די לײַטן.
וויינען און לאַכן — איז בײַ ווײַבער לײַכטע זאַכן.
ווייסט ניט פֿון הערן און קלערן.
ווען דאָס גליק שפּילט, דער טרעפֿט אַפֿילו אומגעצילט.
ווען די פּערל איז שיטער, ווען דער באָרשטש איז ביטער.
ווען גאָלד איז דער גאָט, איז געלט גאָטס געבאָט.
ווערט דיקער פֿון שלינגען שטיקער.
ווער ס'איז מיר מקנא, זאָל מען אים שטופּן אַ קאָנע.
ווער ס'דאַרף ניט באָרגן, דער לעבט אָן זאָרגן.
ווער ס'האָט אַליין ניט צו קײַען, זאָל דעם אַנדערן ניט לײַען.
ווער ס'האָט די מאה, האָט די דעה.
ווער ס'לאַכט צום לעצטן, דער לאַכט אַמבעסטן.
ווער ס'פּילט זיך, דער מיינט זיך.

זאָג ניט „האָץ", איידער האָסט אַריבערגעשפּרונגען דעם קלאָץ.
זאָל מיך גאָט ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד, זאָל זײַן נחת און פֿרייד.
זאָל נאָר וויסן איינע — וועט שוין וויסן אויך די שכנה.
זאָלן לײַט לאַכן, און מיר וועלן גוט מאַכן.
זאָרג און יאָרן מאַכן גרוי די האָר.

זיבן — איז אַ ליגן.
זיי זײַנען קידער־ווידער.
זכות־אָבות — איז ניט קיין קאַטאָוועס.

טאַטע־מאַמע זאָלן זייער קינד ניט לויבן, ווײַל קיינער וועט זיי ניט גלויבן.
טוט נאָר דאָס הינדל אַ קריי — האָט זי שוין געלייגט אַן איי.
טרײַב ניט דאָס פערד מיט געשריי, נאָר מיט האָבער און היי.

יעדעס טעפּל האָט זײַן דעקל.
יעדער וויל געניסן פון אַ גוטן ביסן.
יעדער מאָרגן ברענגט זײַנע זאָרגן.

כאָטש איין מינוט, נאָר לעבן גוט.
כאָטש אַ קרומע, אָבער פאָרט אַ מומע.
כּל־זמן די אויגן זײַנען אָפן, דאַרף דער מענטש האָפן.
כּל־זמן ס'רירט זיך אַן אֵבר, קלערט מען ניט פון קבר.

לאַנג און הויך און שטינקט מיט רויך.
לאַנג געוואָרט און גוט געמאַכט.
לויפט הענדעם־פענדעם.
לייג ניט אָפּ אויף מאָרגן, וואָס דו קענסט הײַנט באַזאָרגן.
לייזער — איז ניט קיין בייזער.
לייקנט שטיין און ביין.

מאַכט פון אַ וואָרט אַ קוואָרט.
מאַן און ווײַב זײַנען איין לײַב.

מ׳דערקענט לויט די באַקן, ווי די ציין קנאַקן.
מ׳זאָל ניט געפּרוווט ווערן, צו וואָס מ׳קען געוווינט ווערן.
מ׳טאָר ניט דאָס אומריינע וואַסער אויסגיסן, ביז דאָס ריינע קומט ניט צו פליסן.
מ׳טאָר ניט פאַרלאַנגען, וואָס מ׳קען ניט דערלאַנגען.
מיט אָט דעם מעסער איז גוט שנײַדן וואַסער.
מיט איין האַנט גיט ער, מיט דער אַנדערער נעמט ער.
מיט געלט קויפט מען נאָך ניט די וועלט.
מיט דעם מלאך־המוות טרײַבט מען ניט קיין קאַטאָוועס.
מיט האַק און פּאַק.
מילא, מילא, שׂרה־ביילע.
מײַן באָבע און דײַן זיידע ליגן אין דר׳ערד ביידע.
מײַן מאָגן קען דאָס ניט פאַרטראָגן.
מיר דאַכט זיך, אַז בײַ יענעם לאַכט זיך,
איך עפן די טיר — איז פּונקט ווי בײַ מיר.
מ׳מיינט ניט די חרוסת, נאָר די אַרבע כּוסות.
מער שענקער — מער טרינקער.

נויט — איז ערגער פון דעם טויט.
נויטיק, ווי אויגן־ווייטיק.
ני בע, ני מע, ני קוקוריקו.
ניט אַזוי גיך מאַכט זיך, ווי ס׳דאַכט זיך.
ניט אַזוי לײַכט טוט זיך, ווי ס׳רעדט זיך.
ניט געקלערט, ניט געטראַכט — און דער שידוך שוין געמאַכט.
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.
ניט מיר — ניט דיר.
ניט קיין מזומנים, ניט קיין שיין פּנים.
ניט קיין תּורה, ניט קיין סחורה.
נקמה — איז אַ האַלבע נחמה.
נקמה — איז ניט קיין נחמה.

ס'איז לײַכט צו זײַן אַ באַלעבאָס, אַז ס'איז דאָ מיט וואָס.
ס'איז ניטאָ קיין פערד און וואָגן, וואָס זאָל די יונגע יאָרן דעריאָגן.
ס'זאָל זיך ניט פאַרלויפן, וואָס ס'קען זיך טרעפן.
עסט שטיינער און ביינער.
ער איז פון די נעמער, און ניט פון די געבער.
ער האָט געהערט קלינגען, און קען ניט נאָכזינגען.
ער האָט זי גענומען, ווי זי שטייט און גייט.
ערלער — איז שווערלער.
ער קען אַרײַנעסן, און אַן דער וועלט פאַרגעסן.
ער שמעקט ניט און שטינקט ניט.

פאַר אַזאַ עצה קומט דיר אַ זעץ אין פלייצע.
פאַר מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן.
פון אַ גרויסן קאָפּ, ווי פון אַ גרויסן טאָפּ, קען מען גאָרניט אַרויסקריגן,
ווען ער איז פוסט און ליגן.
פון אַ וואָרט און נאָך אַ וואָרט ווערט אַ פולע קוואָרט.
פו אַלע מלאָכות האָט ער קדחת.
פון אַן אַלט מיידל ווערט אַ יונג ווײַבל.
פון ברויט ווערן די באַקן רויט.
פון ווײַטן נאַרט מען לײַטן.
פון זאָגן פאַרגייט מען נאָך ניט אין טראָגן.
פון יעדער גוטער זאַך, וויל מען אַ סך.
פון לײדיקע פעסער איז דער ליאַרעם גרעסער.
פון „על־חטא" ווערט מען ניט פעט.
פונעם וויגל ביזן גריבל.
פון קנאה קומט שׂנאה.
פון שטעטעלע איז געוואָרן אַ דערפעלע.
פיל הענט ברעכן מויערן און ווענט.
פיל מלאָכות — ווייניק ברכות.

צו דאַנקען און צו לויבן, דעם וואָס זיצט אויבן.
צו הערינג דאַרף מען ניט קיין זאַלץ, און צו גריוון — קיין שמאַלץ.
צו רעדן איז נויטיק טאַלאַנט, צו שווײַגן — פאַרשטאַנד.
צעזייט און צעשפּרייט.
צרות טרײַבן צום בית־הקברות.

קוק מיך אָן און ריר מיך ניט אָן.
קײַ און שפּײַ.
קיינער שרײַט ניט „אוי", אַז ס'טוט אים ניט וויי.
קינדער האָבן איז שווער; דערציִען זיי — נאָך מער.
קליינע קײַען, וואָס גרויסע שפּײַען.

רויט, אָדער טויט.
ריכטיק, ווי אין קוימען איז ליכטיק.

שטיי ניט הינטער דער וואַנט, ווען סטו ניט הערן דײַן אייגענע שאַנד.
שלאָפן — פּאָפן.
שפּאָר, שפּאָר, קומט דער רוח און נעמט צו גאָר.

תּורה — איז די בעסטע סחורה.
תּורה אָן אַ מלאָכה, איז ניט קיין מזל־ברכה.

ווערטלעך בלשון „סגי־נהור״

סגי־נהור —
אַ בלינדן רופט דער תּלמוד „סגי־נהור״:
סגי — אַ סך
נהור — ליכט, שײַן.
ד״ה ער זעט אַ סך — אַ באַצייכענונג
פון אַ באַגריף מיט אַ פאַרקערטער כוונה.

פון דעם, אַז מ׳באַנוצט אַ וואָרט, אָדער אַ ווערטל, מיט אַ פאַרקערטער כוונה הייסט עס: בלשון סגי־נהור, ווי למשל:

ער איז יענער חכם — דער מיין: ער איז אַ נאַר.

ער איז אַ כשרער ייִד — דער מיין: ער איז אַ טרעפניאַק.

ער איז אַ שיינער ייִד — דער מיין: ער איז אַ פאַרברעכער, אַן אויסוואָרף.

ער איז אַ תּלמיד־חכם — דער מיין: ער איז אַן עם־הארץ.

אייגנטלעך, קען יעדעס ווערטל פאַרשטאַנען און גענוצט ווערן סײַ אין דער גלײַכער באַדײַטונג און סײַ אין דער פאַרקערטער כוונה. דער אונטערשייד איז אָפּהענגיק פון דעם טאָן, מיט וועלכן דער רעדנער זאָגט עס אַרויס און אַפילו פון אַ פינטל מיטן אויג, אָדער אַן אַנדער באַגלייטונגס־זשעסט.

אָבער, דאָס איז אוממעגלעך אין שריפט; דאָ קומט צו הילף אַ בינד־וואָרט, ווי צום בײַשפּיל די ווערטער: אָט, אָטאָ, שוין איינמאָל אַ..., טאַקע, יענער, ווי אויך אַן אויסרוף־צייכן, פראַגע־צייכן, אָדער גענדזן־פיסלעך.

אַ ביטער רחמנות אויף אים.

אַ גדולה אויף דער באָבען.

אַ „גוט״־אויג.

אַ גליק האָט מיך געטראָפן.

אַ גרויס געווינס.

אַ גרויסע גדולה.

אַ גרויסע מציאה.

אַ גרויסער למדן. אַ גרויסער מאַכער. אַ גרויסער צעלייגער.

אַוודאי!

אויך מיר אַ גיבור. אויך מיר אַ חכם. אויך מיר אַ מענטש.

אַ זייַדענער יונגערמאַנטשיק.

אַ חכם פון דער הגדה. אַ חכם פון דער „מה נשתּנה״.

אַ חסרון: די כּלה איז צו שיין.

אַט באַלד דערציילט ער דעם אמת.

אַט באַלד זעץ איך זיך וויינען.

אַט באַלד לויף איך.

אַ טייַערער „קדיש״.

איך האָב אים ליב ווי אויגן־ווייטיק.

איך האָב אים ליב פון דער ווייַטנס.

איך האָב טאַקע ניט וואָס צו טאָן.

איך וואַרט טאַקע נאָר אויף דיר.

איך וועל אים אָפּשפּילן יענע חתונה.

איך וועל שיין אויסזען אָן איר.

איך פאַל גלייַך אין חלשות.

איך קען דיר העלפן וויינען / לאַכן / / קרעכצן /.

אַ כּתבא רבא / אַ תּנא קמא. (אַנאַלפאַבעט, עם־הארץ)

אַ סאָלדאַטסקער גמילות־חסד. אַ סאָלדאַטסקער יושר.

אַ פאַרשוין, וואָס מ׳פרעגט זיך אויף אים.

אָפּגעטאָן אַ שיין שטיקל אַרבעט.

אַ פייַנער יונגערמאַן. אַ פייַנער נפש. אַ פייַנער פאַרשוין.

אַ צאַצקע אַ יונגערמאַן.

אַ צדיק אין פעלץ.

אַ צדיק־הדור.

אַ קאָזאַצקער גמילות־חסד. אַ קאָזאַצקער יושר.

אַ קונה־הכּל.

אַ שיינער תּכשיט.

בײַ אים איז בזיל־הזול, ווי אין אַפּטייק.
בײַ אים קריגסטו אַלץ בחצי־חינם. (אַ יקרן)
בײַ דיר איז ערשט טאָג געוואָרן.
בלײַב איך אָן אַ זיידן. בלײַב איך אָן אַ באָבע.

גאָלדענע געשעפטן.
גוט, כאַטש לייג אים צו צו אַ מכּה.
געטראָפן מיט וועמען זיך מיישב צו זײַן.
געמאַכט יענעם סך־הכּל פון דער ירושה.
גרויס ווי אַ גענעץ.
גרויס, ווי אַ „טל־ומטר" אין אַ קליין סידורל.

דאָס האָט אַ טעם פון מים אחרונים.
דאָס האָט אַ טעם פון מקווה־וואַסער.
דאָס טויג אויף תּשעה־בײַנציק כּפּרות.
דאָס טויג גוט אויף כּפּרות.
דאַר, כאָטש שפּאַר אים אַדורך דורך אַ פײַפל.
דאָרט איז שוין פריילעך.
דערלעבט שיינע צײַטן.

האָט אים געמאַכט יענעם „ברוך־הבא".
האָט אים געמאַכט יענעם „מי־שבּרך".
האָט געמאַכט פון אים אַ תּכלית.
האָט אַנטדעקט אַמעריקע.
האָט געעפנט אַמעריקע.
האָט דערלייגט צום עסק דער באָבעס ירושה.
האָט זיך אָפּגעחשבנט מיט אים.
האָט זיך פײַן אויסגעהאַנדלט.

ווערט שטאַרק נתפּעל.
זי איז יענע כּלי. זי איז יענע מציאה. זי איז יענע צנועה.

זי איז הונגעריק, ווי דעם מילנערס הונט / חזיר /.
זי האָט עס פּײַנט, ווי אַ הונט פליישׂ / ווי אַ קאַץ פּוטער.
זי עסט דען? — זי לייגט אונטערן אויער.
זי קען מער פון אַ טויטן.
זײַן חבר האָט שוין געמאַכט פון אים אַ לײַט.

טאַקע נאָר דו פעלסט מיר דאָ.

ליכטיק, ווי אין קוימען.

מײַנע געשעפטן!
מ׳שטייט און מ׳וואַרט טאַקע נאָר אויף דיר.

נאָר דאָס האָט מיר געפעלט צו מײַנע זײַדענע בגדים.
נאָר דו האָסט מיר דאָ געפעלט.

ס׳איז אים נאָך ביטער אין פּיסק.
ס׳איז דאָרט שׂמחה וששׂון. (מ׳קריגט זיך)
ס׳איז מיר שוין איינמאָל גוט.
ס׳קומט אים טאַקע אַ דאַנק אין היטל אַרײַן.
ס׳שטייט טאַקע אָנגעגרייט נאָר פאַר דיר.
ס׳שנײַדן זיך איר ערשט ציינדעלעך.

ער איז געוואָרן אַ גאַנצער ווייסער.
ער איז דער „וצדקתך״ אַלײן.
ער איז יענער פאַרזאָרגער. ער איז יענער צעוואָרפער.
ער איז „נעבעך״ אַ גרויסער „ניצרך״, מ׳דאַרף מאַכן פאַר אים אויפן שטאָט.
ער זיצט אין תּפיסה פאַר זײַנע „מעשׂים טובים״.

פון אַזעלכע געשעפטן קען מען גיין אין גאָלד.

קוויקט זיך מיט חלשות.
קוילע מיר מײַנע גענדז.
קען „נעבעך" קיין צווײ ניט ציילן.

ריכטיק, ווי אין קוימען איז ליכטיק.
רירט ניט אָן קיין פֿליג אויף דער וואַנט. (אַ שלאָגער)

שוין איינמאָל אַ גוט שטיקל סחורה.
שוין לאַנג שטיל געווען.
שטאַרק, ווי אַ פֿליג.

אַ בינטל ווערטלעך וועגן אַ נאַר

ניט קיין איבעריקער חכם.
ניט קיין גרויסער חכם, און ניט קיין קלײנער נאַר.
ער איז ווײַט אָפּגעשיידט פֿון אַ חכם.
ער איז ווײַט צו זײַן אַ חכם.
ער איז נעבן אַ חכם אַפֿילו ניט געלעגן.

ווערטער־שפּיל

אויף וואָס צו זיצן

אויף אַן אויפנאַמע האָט באַמערקט די גאַסטגעבעריןֿ, אַז איינער פון די געסט דרייט זיך אַרום און זיצט ניט. פרעגט זי אים:

— איר האָט ניט אויף וואָס צו זיצן?

— אויף וואָס צו זיצן האָב איך — ענטפערט דער גאַסט — נאָר קיין בענקל האָב איך ניט.

אַן אמתע ירושה

אַ ייִד האָט איבערגעלאָזט זײַן גאַנץ פאַרמעגן פאַר אַ יתומים־הויז.

— וויפל האָט ער פאַרמאָגט?

— עלף קינדער.

די „אָפּנהאַרציקע" פרוי

— אָט די פרוי איז אַן אָפנהאַרציקע.

— ?

— זי „עפנט" איר „האַרץ" פאַר יעדן.

דער שמירער

— וואָס איז דײַן פרנסה?

— איך שמיר די ווײַבער.

— ?

— אַז ס'קומט ערב יום־טוב בעט מיך יעדע באַלעבאָסטע איך זאָל איר אויסשמירן (אויסקאַלכן) אין שטוב.

זי איז בעסער געוואָרן

— וואָס מאַכט דײַן שוויגער?

— זי איז בעסער געוואָרן.

זי איז דאָך געווען אַזוי קראַנק.

— נו, יאָ; זי האָט ניט געוואָלט שטאַרבן, אָבער זי איז בעסער געוואָרן און איז פֿאַרט געשטאָרבן. (זע: „שוויגערס״)

מ׳טראָגט

— איר טראָגט אַ פּעקל?

— יאָ, מ׳טראָגט און מ׳טראָגט, און מ׳איז ניט טראָגעדיק.

סתּם אַ דיקער

שטייט אַ דיקער פֿאַרשוין נעבן אַ טויער פֿון אַ שולע. גייט אַדורך איינער און פֿרעגט אים:

— איר וואַרט אויף אַ קינד?

— ניין — ענטפֿערט ער — איך בין סתּם אַ דיקער.

עפּעס לײַכטס

איז אַרײַן אַ לץ אין אַ ביכער־געשעפֿט קויפֿן אַ ביכל. פֿרעגט אים דער פֿאַרקויפֿער:

— עפּעס לײַכטס?

— קיין אונטערשייד — ענטפֿערט דער לץ — איך בין דאָ מיט אַ מאַשין.

שמועסן

שמועסן צוויי ידידים. רופֿט זיך אָן איינער:

— זעסט, דו פֿרעגסט מיך ניט אַפֿילו וואָס איך מאַך.

— אוי, טאַקע, וואָס מאַכסטו?

— בעסער פֿרעג ניט! (זע: „ידידים צווישן זיך״)

דער זעלבער שמועס אַנדערש:

— וואָס מאַכסטו?

— בעסער.

— טאַקע?

— בעסער פֿרעג ניט!

אויף אַ שלעגער:

1) ער איבערצײַגט מיט „שלאָגנדיקע" אַרגומענטן.

2) ער האָט אַ גוטן „כּתב־יד".

אַט די מויד האָט שוין געדאַרפט פון לאַנג הערן קלעזמער שפּילן.

איינער בענטשט מזומן, דער אַנדערער האָט מזומן.

— איך גיי אַוועק.

— קיין יינגערע פון דיר זאָלן ניט אַוועקגיין.

„איך האָב מיר געגעבן אַ וואָרט, אַז איך וועל האַלטן וואָרט".

אַ ליטוואַק: „איך בין זיך נוהג נעמען אַ קאַפּעצקע סנאָפּס פאַר די פיס, צווישן די פיס און נאָך די פיס".

אַן איידעם צו זײַן שווער: „שווער, לעבן זאָלט איר!"

אַן אָפּגעשלאָגענע כּפּרה טויג אויף כּפּרות.

אַ קנאַפּער עסער: וויפל ער עסט איז אים קנאַפּ.

אַ שווער וועגן זײַן איידעם: „מײַן גן־איידעם איז בײַ מיר אויף קעסט".

ביסט קראַנק צו זײַן געזונט.

דאָס קינד גייט צו דער פרוי; די פרוי גייט צו קינד.

דער לערער האָט „געשטעלט" זײַנע שילער אויף די פיס; זיי זיצן ניט בײַ אים, זיי שטייען. (זע: „פון אַביגדורס חכמות")

— ווי אַלט ביסטו?

— איך בין ניט אַלט, איך בין נאָך יונג.

זי איז אַ בלאָנדע מיט אַ טונקעלער פאַרגאַנגענהייט.

זי איז אַ נפקא און איר מוטער איז אויך אַזוינע.

זי איז גאָלע „קום אַהער", און ער איז אַ גאָלע גאַרנישט.

זינט ער איז געשטאָרבן, איז איר געקומען צום לעבן.

לאָז מיך אַרײַן, איך וויל אַרויס. (זע: 1) דזשיגאַניש: סאָוועטן־ווערטלעך 2) לצנישע „שאר־ירקות")

עפּעס האָט ער, וואָס ער וויל ניט; עפּעס וויל ער, וואָס ער האָט ניט.

— ער איז אַ גוטער דאָקטער?

— ער פאַרשטייט אַ קרענק. (זע: „דאָקטוירים")

— ער איז אַ טײַערער מענטש.
— נו, יאָ. פֿאַר יעדע אַרבעט הייסט ער זיך טײַער באַצאָלן.

ער טויגט גוט אויף כּפּרות.

— ער קען לערנען?
— ער קען דעם רב.

צו אַ שיכּור:
— פֿון וואַנען זײַט איר?
ענטפֿערט דער שיכּור:
— פֿון פֿלעשל.

בינד־ווערטער

קלעפּ-ווערטער, ווערטער אַלס שפּראַך-קליי

ייִדיש, ווי אַנדערע שפּראַכן, פאַרמאָגט געוויסע ווערטער, וואָס דינען אַלס בינד־ווערטער.

אָט די ווערטער קענען צוגעטשעפּעט ווערן צו אַ סך פאַרשיידענע זאַצן און דאַן באַקומט זיך אַ פולקאָמער זאַץ.

אָ

אָ, ביסט געקומען.

אָ, דאָס איז אַ רעגן.

אַבי

אַבי געהאַנדלט.

אַבי מיטן לעבן אַרויס.

אַבי מען זעט זיך.

אַוודאי

דאָס וואָרט דינט צום פעסטשטעלן אַ פּאָזיטיוון מיין: „אַוודאי האָסטו מיך ניט געזען".

אָבער, גלייַכצייַטיק, קען דאָס זעלבע וואָרט פאַרשטאַנען ווערן בלשון סגי־נהור אין אַ פאַרקערטן מיין מיט אַן איראָנישן אונטערשלאַק: „אַוודאי האָסטו מיך ניט געזען ?!"

דאָס זעלבע מיט דעם זאַץ: „אַוודאי וועל איך קומען" און אַנדערע.

אָט

אָט, איך דריי זיך.

אָטאָ

אָטאָ באַלד לויף איך.

איז

איז בעסער, ווי גאָרניט.

איז וואָס מיינסטו וועט זיין ?

געוואַלד

געוואַלד, איז דאָס אַ ליגנער !

זשע

וואָס־זשע מיינסטו טאָן ?

זאָג־זשע מיר גלײַך.

זײַ־זשע אַזוי גוט.

זײַט־זשע מוחל.

טאָ

טאָ, וואָס ווילסטו ?

טאָ, רעד אַזוי.

טאַקע

טאַקע נאָר דו פעלסט מיר דאָ.

יענע

זי איז יענע מציאה. זי איז יענע צנועה.

יענער

ער איז יענער למד־וואָווניק. ער איז יענער נקי־כפּיים. ער איז יענער פאַר־זאָרגער. ער איז יענער צדיק. ער איז יענער תלמיד־חכם. ער איז יענער טאַלאַנט.

ב׳ווייס?

כ׳ווייס? — אפשר ביסטו גערעכט.

מילא

מילא, האָב איך ניט געפּידלט.

מילא, לאָמיר זאָגן.

נו

זשעסטיקולירנדיק דערביַי מיט צווײ פינגער, אָדער מיט דער גאַנצער האַנט, דריקט אויס דער ייִד מיט אָט דעם וואָרט זייער אַ סך איַינדרוקן, באַמערקונגען, באַפעלן, ווונטשן, מיינונגען און פאָדערונגען, וואָס נאָך דעם וואָרט „נו" בעט זיך אַ דערגענצונגס־זאַץ.

נו? — נו, נו!

נו, אַזוי איז עס.

נו־אי־אָ! — כּדי ציַיען אויפמערקזאַמקייט, ווען מ׳טאָר זיך ניט אָפּריַיסן פון דאַוונען, צווישן „קריאת־שמע" און „שמונה־עשׂרה", אָדער צווישן „שׂאו ידיכם" און דער ברכה „המוציא".

נו, איז דאָס אַ קינסטלער!

נו, איז וואָס?

נו, אַ שאָקל!

נו, גיב לשון!

נו, גיי שוין!

נו, דו מיינסט עס ערנסט?

נו, האָב איך ניט געטראָפן.

נו, האָב איך ניט געפּידלט.

נו, האָסטו געכראָפּעט!

נו, וואָס הערט זיך?

נו, וואָס זאָגסטו אויף אים?

נו, וואָס מיינסטו?

נו, וואָס שוויַיגסטו?

נו, וואַרף זיך שוין אַרויס. נו, וואַרף זיך שוין אַריַין.

נו, זאָג שוין עפּעס. נו, טו שוין עפּעס.



נו, זאָל שוין זײַן אַזוי.
נו, זײַ ניט קיין יאָלד.
נו, טראָג זיך שוין אָפּ.
נו, לאָמיר זאָגן.
נו, מילא.
נו, פֿאַרמאַך שוין דײַן מויל.
נו, שוין ווידער אַ צרה.
נו, שטיל זאָל זײַן.
נו, שטיי שוין אויף.

ע

ע, אויך מיר אַ גיבור.
ע, אויך מיר אַ מענטש.
ע, אויך מיר אַ חכם.

עפּעס

איך נעם עפּעס מיט זיך.
דו האָסט עפּעס געזאָגט?
דו פֿאַרבאָרגסט עפּעס פֿון מיר.
עפּעס געפֿעלט דאָס מיר ניט.

אַלערליי

ווּנטשן און ברכות

אַ גוטער אוף אויפן קינדס גוף.
אַ געזונט אויף דיר. אַ געזונט צו דיר.
אַ געזונט דיר אין קאָפּ אַרײַן.
אַ דאַנק גאָט, ניט צום פאַרזינדיקן.
אויסער זײַן שאָדן אויף אונדז און אויף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט.
אַזוי ווי ער הערט ניט, אַזוי זאָל אים ניט שאַטן.
איך בין איבערגעגאַנגען מיט פולנס — זאָל גאָט געבן פול ברכה.
איך זאָל אַזוי דערלעבן צו הערן דעם שופר של משיח.
איך זאָל אַזוי דערלעבן צו דער חופה פון מײַנע קינדער.
איך ליב אײַך מיט אײַער גאַסט.
איך שלאָג אײַך איבער די רייד — זאָל זײַן נחת און פרייד.
אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה.
אין אַ גוטער שעה צו ריידן, אין אַ שלעכטער שעה צו שווײַגן.
איר זאָלט האָבן אויסגעבעטן אַ גוט יאָר.
איר זאָלט האָבן אויסגעבעטן אַל־דאָס־גוטס.
איר זאָלט ניט וויסן פון דעם.
איר זאָלט ניט וויסן פון נויט.
איר זאָלט ניט וויסן פון עגמת־נפש.
איר זאָלט ניט וויסן פון צער.
איר זאָלט ניט וויסן פון צרות.
איר זאָלט ניט וויסן פון שלעכטס.
אם־ירצה־השם בײַ אײַערע קינדער.
אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן.
אָפּדינען אין אַ גוטן אופן.

ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

ברוך הבא. ברוכים הבאים.
ברוך־הוא וברוך־שמו.
ברכה והצלחה בכל מעשׂי ידיכם.

גאָט איז מיט דיר דער לעבעדיקער.
גאָט באַהיט.
גאָט, היט מיך ניט און וואַרף מיך ניט!
גאָט זאָל אים באַצאָלן פאַר זײַנע מעשׂים טובים.
גאָט זאָל אָפּהיטן פון שלעכטס.
גאָט זאָל געבן און מיר זאָלן כּוח האָבן נעמען.
גאָט זאָל דיך היטן פון פײַער און פון וואַסער.
גאָט זאָל דיר העלפן.
גאָט זאָל זײַן דער היטער.
גאָט זאָל שומר ומציל זײַן.
גאָט מיט דיר דער לעבעדיקער.
גוטע בשׂורות זאָלט איר הערן.
געזונט און שטאַרק זאָלסטו זײַן.
געלויבט איז השם־יתברך.

דיר צו לענגערע יאָר.
דער אייבערשטער זאָל אײַך צושיקן וואָס איר ווינטשט זיך אַליין.
דערלעבט איבער אַ יאָר אין נחת און אין פריידן.

הלוואי אויף ווײַטער ניט ערגער.
הלוואי מ'זאָל דאָס ניט באַדאַרפן.
הלוואי מ'זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו דעם.

וואַקסן זאָלסטו ווי אַ פּורים־קוילעטש.
ווער ס'פאַרגינט ניט דיר, זאָל אַליין ניט האָבן.

זאָל אײַך מקוים ווערן, וואָס איר ווינטשט זיך אַליין.
זאָל אים ווויל באַקומען.

זאָל אים ניט זײַן שווער מײַנע רייד.
זאָל גאָר די שעה ניט זײַן.
זאָל דאָס זײַן אַ כּפּרה פֿאַר אונדז אַלעמען.
זאָל דיר ניט פֿאַרשטערט ווערן דײַן שׂמחה.
זאָל דיר צוגעשיקט ווערן אַ רפֿואה שלמה.
זאָל זיין פֿריילעך אויפֿן האַרצן.
זאָל זײַן פֿריילעך אויף דער נשמה.
זאָלן מיר בײדע אַזוי געזונט זײַן.
זאָל ער זײַן ווײַט אָפּגעשיידט פֿון אונדז.
זאָלסט ניט וויסן פֿון דעם.
זאָלסט ניט וויסן פֿון קיין שלעכטס.
זאָל שוין אָנהייבן שײַנען די זון אויך אויף דער ייִדישער גאַס.
זאָל שוין קומען אַ סוף צו אונדזערע צרות.
זאָל שוין קומען די גאולה.
זײַן הצלחה אויף דיר געזאָגט געוואָרן.

חלילה! / חס וחלילה! / חס ושלום!

ישועות ונחמות אויף אונדז און אויף כּלל ישׂראל.

לאָ עלינו / לא עליכם.
לחיים / לחיים טובים ולשלום.
לייג ניט אויס אויף שלעכטן.

מ׳זאָל ניט וויסן פֿון דעם / מ׳זאָל ניט וויסן פֿון קיין שלעכטס.
מזל וברכה אויף דיר.
מזל־טוב!
מיט מזל זאָלט איר לעבן.
מיטן רעכטן פֿוס.
מײַן עגמת־נפֿש זאָל קומען פֿאַר גאָט.
מיר וועלן נאָך איבערלעבן אונדזערע שׂונאים.
מיר זאָל זײַן פֿאַר דיר.

מיר זאָל זײַן פֿאַר דײַנע ביינדעלעך.
מ׳זאָל באַהיט און באַוואָרנט ווערן.
מיר זאָלן ביידע אַזוי געזונט זײַן.
מ׳זאָל זיך זען אויף שׂמחות.
מ׳זאָל זיך זען אין פֿריידן.
מ׳זאָל זיך זען מיט פֿריילעכע הערצער.

ניט אין מײַן מאָס גערעדט.
ניט געפּרוּווט זאָל מען זײַן.
ניט געשטראָפֿט זאָל מען זײַן.
ניט דאָ געדאַכט / ניט הײַנט געדאַכט / ניט פֿאַר אונדז געדאַכט.
ניט וויסן זאָל מען פֿון דעם.

עליכם ועל בניכם כּל־טוב, אָמן סלה!
ער זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן.
ער זאָל זײַן אַ מליץ־יושר פֿאַר אונדז.

פֿאַרנוצט עס געזונטערהייט.
פֿון דײַן מויל אין גאָטס אויערן.

צו געזונט / צום לעבן! / צו לאַנגע גליקלעכע יאָר!

קיין בייז אויג זאָל דיר ניט שאַטן.
קיין בייז אויג זאָל ניט צושטיין צו דיר.
קיין גוטער ייִד זאָל פֿון דעם ניט וויסן.

רבונו־של־עולם, ברענג שוין אַ ישועה גדולה אויף עמך ישׂראל!

זידלערײַען און קללות

אַ באַגרעבעניש אויף אים.

אַ בראָך און אַ קלאָג אויף זײַן קאָפּ.

אַ בראַנד אים אין די ביינער.

אַ דונער זאָל אים טרעפֿן אין אַ לויטערן טאָג.

אַהין ניט דערגיין, צוריק ניט קומען, אויפֿן וועג ניט בלײַבן.

אויסברעכן זאָל ער דאָס.

אויסקרענקען זאָל ער דאָס.

אויף שׂונאי ציון וירושלים זאָל זיך דאָס אויסלאָזן.

אונדזערע שׂונאים זאָלן פֿון אָט דעם טעם ניט וויסן.

אַזאַ מזל אים אין קבֿר אַרײַן.

אַז דו וועסט דאָס דערלעבן, וועסטו משיחן דערלעבן.

איך דאַרף אים האָבן אויף כּפּרות.

איך האָב אים אויף אַ גוטן אָרט.

איך האָב אים נײַן איילן אין דר׳ערד.

איך האָב זיך פֿאַרשאָלטן די יאָרן.

איך וועל אים איבערלעבן.

איך זאָל גיין צו דיר אויף שׂמחות, און דו צו מיר אויף קוליעס.

איך טרייסל אים אויס פֿון אַרבל.

איך שאָקל אים אויס פֿון אַרבל.

איך פֿײַף זיך אויס אויף אים.

איך פֿײַף זיך אַרײַן אין אים.

אין דער ערד מיטן קאָפּ.

אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן.

אײַננעמען זאָל ער אַ מיתה משונה.

אָך און ווײ צו זײ.

אַ כאָלערע זאָל דיך טרעפֿן.

אַלע בייזע חלומות זאָלן דיר שטיין צוקאָפּנס.
אַלע בייזע חלומות צו דײַן לײַב און לעבן.
אַלע בייזע חלומות צו דײַן קאָפּ.
אַלע קללות פון דער תּוכחה אויף אונדזערע שׂונאימס קעפּ.
אַ מהומה אויף אים.
אַן אויסרײַסעניש / אויפכאַפּעניש / אויף אונדזערע שׂונאים.
אַן לשון זאָל ער בלײַבן.
אַ פײַער זוכט אים.
אַ רוח אין זײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן.
אַ שוואַרץ יאָר אויף אים.
אַ שיינע, ריינע כּפּרה.
אַ שלאַק זאָל אים טרעפן.

בײַ אים בלײַבט עס.
בײַס דיך אָפּ דײַן צונג.
ברעך האַלדז און נאַקן.
ברעך דעם קאָפּ.
ברעך הענט און פיס.
ברען מיט אַ העלישן פײַער.

גאָט זאָל אים באַצאָלן.
גיב אים אַ קרענק.
גיב אים קדחת.

דו וועסט בײַ מיר שטיין אין די גאַזעטן.
דו וועסט ווייגען ווי אַ טאַטע.
דערוואָרגן זאָלסטו ווערן.
דערשלינג דײַן צונג.

וואַרפן זאָל אים העכער דעכער.
ווער פאַרברענט מיט דײַנע מציאות.
ווער צעזעצט / ווער צעפּלאַצט.

זאָל אונדזערע שׂונאים אַזוי פֿאַרגײן, אַז זײ זאָלן אין אונדז פֿאַרגעסן.
זאָל אים גאָט צושיקן אַ ניַיִע נשמה.
זאָל דאָס אים אַנטקעגן קומען.
זאָל די שׂונאי ישׂראל מקוים װערן, װאָס זײ װינטשן אונדז.
זאָל די שׂונאי ישׂראל מקוים װערן, װאָס זײ װינטשן זיך אײנער דעם צװײטן.
זאָל דיר אָפּנעמען דאָס לשון.
זאָלן אונדזערע שׂונאים זיך ריַיסן צװישן זיך.
זאָלסט אַרומלויפֿן אין די גאַסן.
זאָלסט גײן איבער די היַיזער.
זאָלסט װערן די כּפּרה פֿאַר מיר.
זאָלסט זיַין פֿאַרטאָן מיט זיך.
זאָלסט זיך ריַיסן אויפֿן בויך.
זאָלסט זיך ריַיסן אויף די צײן.
זאָלסט ניט װיסן װאָס צו טאָן מיט זיך.
זאָלסט קריכן אויף אַלע פֿיר.
זאָל ער אַזוי װיסן פֿון זיַין געזונט.
זאָל ער אַזוי װיסן פֿון זיַינע הענט און פֿיס.
זאָל ער אַזוי װיסן פֿון זיַין לעבן.
זאָל ער װערן די כּפּרה.
זאָלץ דיר אין די אויגן.

טויב און שטום זאָל ער װערן.

ימח־שמו זאָל ער װערן.

לײג אָן מיטן קאָפּ.

מאַכן זאָל ער אונטער זיך.
מאַכן זאָל ער מיט די זיַיטן.
מ׳זאָל ניט װיסן װוּ זיַין געבײן איז אַהינגעקומען.
מיַין האַרצװײטיק אויף זיַין קאָפּ.
מכּות װעל איך אים געבן.

ניט מער זאָל ער פֿאַרמאָגן.

ס׳מעג אים שטינקען פֿון אַן אויער.

ער מעג זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט.
ער מעג שוין עלטער ניט ווערן.

פּאַרכאַפּט זאָל ער ווערן.
פֿון היץ זאָל ער רעדן.
פֿינצטער זאָל אים ווערן אין די אויגן.

צו זײַן קאָפּ / צו זײַנע הענט און פֿיס / צו זײַן לײַב און לעבן.

קדחת וועל איך אים געבן.
קוש אַ בער אונטערן ווײדל.
קוש מיר אין...

שלאָג זיך קאָפּ אין וואַנט.
שעם זיך אין דײַן ווײַטן /טיפֿן/ האַלדז אַרײַן.
שפּילן זאָלסטו זיך מיטן מלאך־המוות.

אויסוואַל פון עברית-ווערטער אין פאָלקס-לשון

אין אָט דער רשימה ווערן געבראַכט עברית־ווערטער וואָס די מערהייט פון זיי דערשײַנען אין אונדזער זאַמלונג.

דאָס פאָלק האָט זיך באַנוצט מיט די עברית־ווערטער במשך פון דורות און האָט פאַרענדערט טיילווײַז זייער אויסשפּראַך און אַפילו פאַרגרײַזט אַ טייל פון זיי, ווי צ.ב.: אם־ירצה־השם — מערצעשעם; יום־טוב — יאָמטעוו, יאָנטעוו; משוגע ומטורף — מעשוגע ומעטורע; משלוח־מנות — שאַלאַח־מאָנעס; צו להכעיס — צולאָכעס; שלוש סעודות — שאַלעשידעס.

אגב (אַגעוו)
אוויר (אַווער)
אורח (אויראַח)
אם־ירצה־השם (מירצעשעם)
אַפילו (אַפילע)
אַפיקורס (אַפּיקוירעס)

בחור (באָחער)
בחורים (באַחוירים, באַחרים)
בעל־גאווה (בעל־גײַווע)
בעל־הבית (באַלעבאָס)
בעלי־בתים (באַלעבאַטים)
בעלת־הבית (באַלעבאָסטע)
בעלי־עגלות (באַלעגאָלעס)
בעלות־הבית (באַלעבאָסטעס)
בעל־עגלה (באַלעגאָלע)
בקיצור (בעקיצער)
בריה (בעריע)
בריה (ברײַע)
ברכה, ברכות (בראָכע, בראָכעס)

בר־מינן (באַרמינע)
ברירה (ברײַרע)

גבאי (גאַבע)
גבאית (גאַבעטע)
גדול (גאָדל)
גדלות (גאַדלעס)
גוזמא (גוזמע)
גוזמאות (גוזמעס)
גזלן (גאַזלען)
גיהנום (געהענעם)
גילגול (גילגל)
גלות (גאָלעס)
גלויות (גאָלעסן)
גמילות־חסד (גמילעס־חעסעד)
געהלשט (געחאַלעשט)
געסילוקט (געסילעקט)

דאגה (דײַגע)
דאגות (דײַגעס)

דבור (דיבער)
דבר־שבוש (דוואַר־שיבעש)
דור, דורות (דאָר, דוירעס)
דורש (דאַרשנט)
דלות (דאַלעס)
דעה, דעות (דייע, דייעס)

הולך (אַ הוילעך — אַ שלעפּערישער אַנטועכץ)
הושענא, הושענות (הוישײַנע, הוישײַנעס)
הלך (אַ היילעך — אַ גייער)
הנאה (האַנאָע, האַנאָווע)
הפקרות (העפקיירעס)
התלהבות (היסלײַוועס)
התפּעלות (היספּײַלעס)

וודאי, בוודאי (אַוואַדע)
וידוי (ווידע)

חברה (חאַווערטע)
חֶברה (חעוורע)
חגא (חאָגע)
חוטא בעגל (חויטע בעאייגל, חויטע־בייגל)
חוכא וטלולא (חוכע־טלולע, חוכעס־טלולעס)
חזיר (חאַזער)
חזירים (חאַזיירים)
חזן (חאַזן)
חזנית (חאַזנטע)
חכמה (חאָכמע, חאַכאָמע)
חכמות (חאָכמעס, חאַכאָמעס)
חלום (חאָלעם)
חלומות (חאַלוימעס)
חלשות (חאַלאָשעס)
חסר דעה (חאָסער דייע)

חרב, חרוב (חאָרעוו)
חרפּה (חאַרפּע)
חשבון (חעשבן)
חשבונות (חעשבוינעס)
חשוב (חאָשעוו, חאָשעווער)
חתונה, חתונות (חאַסענע, חאַסענעס)
חתן (חאָסן)

טינוף (טינעף)
טינופת (טינויפעס)
טיפּש, טיפּשה (טיפּעש, טיפּשע)
טיפּשות (טיפּשעס, טיפּשוס)
טלית, טליתות (טאַלעס, טאַלייסים)
טעות (טאָעס, טאָוועס)
טעויות (טאָעסן, טאָוסים, טאָאייסים)
טעמים (טײַמים)
טענה, טענות (טײַנע, טײַנעס)
טענות ומענות (טײַנעס ומײַנעס)

יבוא יומו (יאָווע יוימע, יאָווע יוינע)
יום־טוב (יאָמטעוו, יאָנטעוו)
יום־כּיפּור (יאָמכּיפּער, יאָנכּיפּער)
יוצרות (יאָצרעס)
יללה, יללות — יעלאָלע, יעלאָלעס)
יעלה ויבוא (יײַלע וועיאָווע)
יעלות (יײַלעס)
ירגזון (ייִרגאָזן)
ישוב (אַ ייִשעוו)

כּאור־היום (קאַיאָר)
כּותל מערבי (כּויסל מאַאַראָווי)
כּיסא־הָסב — מיטת־הסב, מיטת־מסובין בליל הסדר (העסעוו־בעט, העסעבעט)
כּך־הווה (כּך־האַווע)
כּלא־ידע (כּילעיאָדאָ)
כּלה, כּלות (כּאַלע, כּאַלעס)

כּלי (כּיילע)
כּלי־זמר (קלעזמער, קלעזמאָרים)
כּפּרה, כּפּרות (קאַפּאָרע, קאַפּאָרעס)
כּתבא־רבא (קאַסווע־ראַבע)

להבדיל (לעהאַוודל)
להכעיס (לעהאַכעס)
לשון־הרע (לאָשן־האָרע)
לשון־קודש (לאָשן־קוידעש)

מאכל (מײַכל)
מאכלים (מײַכאָלים)
מאמין (מײַמין)
מגן־אבות (מאָגן־אָוועס)
מהיכי־תיתי (מייכע־טייסע)
מה־יפית (מאַיאָפעס)
מושב /לכלוך/ (מוישעוו)
מוסר /מלשין/ (מאָסער)
מוסר־השׂכּל (מוסער־האַסקל)
מוצאי יום־טוב (מאָצע יאָמטעוו, מאָצע יאָנטעוו)
מחותנת (מעחוטענעסטע)
מחיה נפשות (מעכײַע נעפאָשעס)
מחמת (מאַכמעס)
מטבעות (מאַטבייעס)
מיאוס (מיִעס)
מאוס (מאָעס)
מיאוס ומאוס (מיִעס ומאָעס, מיִעס ומאָוועס)
מילא (מיילע)
מכּות (מאַקעס)
מכשפה (מעכאַשייפע, מאַכשייפע)
מלא התפעלות (מאָלע היספּײַלעס, מאָלעס־פּײַלעס)
מלח (מיילאַך)
מלך (מיילעך)
ממה־נפשך (מאָנעשאַך)

מסתּמא (מיסטאָמע)
מעות (מאָעס)
מעות־חיטין (מאָעס־כיטן)
מעלה, מעלות (אַ מײַלע, מײַלעס)
מענה־לשון (מײַנע־לאָשן)
מעשׂה, מעשׂיה (אַ מײַסע)
מעשׂים, מעשׂיות (מײַסים, מײַסעס)
מעת־לעת (מעסלעס)
מצווה, מצוות (מיצווע, מיצוועס)
מציאה (מעציִע)
מציאות, מציאות (מעציִעס, מעציוס)
מצה, מצות (מאַצע, מאַצעס)
מקום־קדוש (מאָקעם־קאָדעש)
מרשעת (מירשאַאַס, מאַרשאַס)
משוגע ומטורף (מעשוגע אומעטורע)
משוגעת (מעשוגאַאַס, מעשוגענע)
משלוח־מנות (שאַלאַחמאָנעס)

נבזה (ניוועזיק, ניוועזעניק)
נעלם (נעלעם געוואָרן)
נפקא־מינה (נאַפקעמינע)

סך־הכּל (סאַכאַקל)
סכּין (סאַקן)
סכּנת־נפשות (סאַקאָנעס־נעפאָשעס)
סמען (סאַמען)
סעודה, סעודות (אַ סודע, סודעס)

„עברי״ (איוורע)
עד (איידעס)
עדה (איידעסטע)
עוף, עופות (אָף, אויפעס, אייפעס)
עז־פּנים, עזות־פּנים (אַזעס־פּנים)
עיפּוש (איפּעש)
„עמוד״ (אָמעד)
עמי־הארץ (אַמעראַצים)

עקשן, עקשנות (אַקשן, אַקשאָנעס)
ערל (אָרל)
עשיר (אַן אוישער)
עשׂרים וארבעה (ספרי התנ״ך) — (סוואַרבע)

פאה, פאות (פייע, פייעס)
פאַרחלומט (פאַרחאָלעמט)
פגר (פייגער)
פסח (פייסאַך)
פריץ (פּאָרעץ)
פשוט (פּאָשעט)

צאינה וראינה (צענאָ וואַרענאָ, צענע־רענע)
צדקת (צאַדייקעס)
צלב, צלם (ציילאָם, ציילעם)

קבר, בית־הקברות (קייווער, בייס־האַ־קוואָרעס)
קדוש (קאָדעש)
קדיש (קאַדיש)
קודש־קדשים (קוידעש־קאָדאָשים)
קידוש (קידעש)
קרוב, קרובים (קאָרעוו, קרויווים)
קושיה, קשיא (אַ קאַשע)
קושיות (קאַשעס)
קימא־לן (אַ קײַמעלאָן)
קיין עין־הרע (קײַנעהאָרע)
קליפה (אַ קליפּע)
קללה, קללות (קלאָלע, קלאָלעס)
קרבן, קרבנות (אַ קאָרבן, קאָרבאָנעס)
קריאת־שמע (קרישמע)

ראיה (אַ ראײַע)
ראש־השנה (ראָש־האַשאָנע, ראָשע־שאָנע)
ראשי־תיבות (ראָשיי־טייוועס)

רב (אַ ראָוו)
רבי (אַ רעבע)
רבנית (רעבעצן)

שאלה, שאלות (אַ שײַלע, שײַלעס)
שברי־כלי (שיוורע־קיילע)
שבת־הגדול (שאַבעס־האַגאָדל)
שבתות (שאַבאָסים)
שגעון, שגעונות (שיגאָען, שיגוינעס)
שה״י־פה״י (שיִיע־פּיִיע)
שור־הבר (שאָר־האַבאָר)
שותף, שותפות (שוטעף, שוטפעס)
שטות, שטויות (שטוס, שטוסים)
שיכור, שיכורים (שיקער, שיקוירים)
שיכורה (שיקערטע)
שיכרות (שיקרעס)
שיעור (אַ שיעור, אַ מאָס, אַ גרענעץ — ס'האָט ניט קיין שיר)
שׂכל (סייכל)
שלוש־סעודות (שאַלעשידעס)
שליחות (שליכעס)
שמונה־עשׂרה (שמוינע־עסרע)
שמות (שיימעס)
שׂמחה וששׂון (סימכע־וועסאָסן)
שׂמחות (סימכעס)
שעה (אַ שאָ)
שעטנז (שאַטנעז)
שׂריד ופליט (סאָרע אופּאָלע)

תאוה, תאוות (טײַווע, טײַוועס)
תירוץ (טיירעץ)
תכלית (טאַכלעס)
תנא־קמא (טאַנע־קאַמע)
תענוג (טײַנעג)
תענית (טאָנעס)
תענית־אסתר (אסתּר־טאָנעס)
תעניות (טאָנייסים)
תשעה־באָב (טישעבאָוו)

אויסוואַל פון עברית־נעמען אין מויל פון פאָלק

מענער־נעמען

אבא (אַבע)
אביגדור (וויגדער)
אבימלך, אלימלך (מיילאַך, מיילאַכקע)
אביעזר (אַוויעזער)
אַברהם (אַוראָם, אַווראָמל)
אבשלום, שלום (אַושולעם, שולעם,
שולימקע)
אַהרון (אַרן, אַרל, אַרעלע, אַרקע,
אַרטשוק, אַרטשע)
אורי, אוריה (אורי, אורקע)
אליהו (עליע, עלינקע)
אליעזר (לייזער)
